י. ל. פּרץ

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

ניינטער באנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו-יארק.
תר"פ — 1920

י. ל. פּרץ

דראַמאַטישע ווערק

ארויסגעגעבן פון פארלאג „אידיש”, ניו-יאָרק.

Copyright 1920 by
JEWISH BOOK AGENCY

דראַמאַטישע ווערק

שוועסטער.

איינאַקטער.

פּערזאָנען:

מירל — אַן אלמנה מיט קינדער נאָך אַ שוחט.

אברהמ'ל — איהר זוהן — אַ חדר־אינגעל.

נחמה | איהרע שוועסטער; דינסט־מיידלעך.
לאה |

זרח — אַ שניידער־געזעל.

משה'לע — אַ פעלדשער־יונג.

אַ לאַמפּען־צינדער.

אַן אָפּגעלעגענער ווינקעל אין שטאָדטישען סקווער. רעכטס— אַ לאַמטערען; לינקס — צווישען בוימלעך — א גאָרטען־באַנק.

אַ הערבסט־אָוונט. גערויש פון שפּאַצירער פון טיפען סקווער. ווערענד דער האַנדלונג קומען מאַנכע, דאָס מעהרסט פּאָרען־ווייז פון טיפערען באַלייכטען סקווער צום טונקלערען ווינקעל צו; זעהען איהם פארנומען און ציהען זיך, באַדויערענד, צוריק. דער לאָמפּען־צינדער קומט פון טיפערען סקווער, וואו די לאַמטערען ברענען שוין, מיט א לייטער, צום לאַמטערען אין ווינקעל צו, קריכט אַרויף, צינדט איהם אָן. פון לינקס קומט אָן מ י ר ל, פאַרפרומט און פאַרזאָרגט, ווי עמיצען אויסקוקענדיג; הינטער איהר צעגערענד, מיט גרויס חשק צו אַנטלויפען, די מוטער זאָל נאָר לאָזען — אברהם׳ל.

ל אַ מ פּ ע נ צ י נ ד ע ר (געהט אַראָפּ פון לייטער, לעגט זי צוזאַמען, באַמערקט פון דערווייטענס מירלען, ברומט אַרויסגעהענדיג). קומען זיך שוין צוזאַמען די — שוועסטער... שלעפּט נאָך ס׳אינגעל מיט... מיט דער צייט וועט זי מיט די מיידלעך קומען... טפוי... (אָפּ מיט דער לייטער.)

מ י ר ל (וואָס האָט זיך מעהר געשטויסען, ווי געהערט). ס׳מויל זאָל׳ם הינטען שטעהן, רבונו דעלמא כוליה!

א ב ר ה ם ׳ ל (נישט פאַרשטעהענדיג, פאַרוואָס די מוטער שילט). מאַמע?! (איינגעהאַלטען צוליעב „כבוד אם“.) דער טאַטע, זכרונו לברכה, האָט פיינט געהאַט, אז מען שילט... (שטעלט זיך אָפּ ביי אַ בוימעל, צופּט, פאַר אומגעדולד, מיט׳ן נאָגעל די קאָרע.)

צו דער מוטער, וואָס האָט איהם נישט געענטפערט און געזעצט זיך אויף דער באַנק, — שמאַלענדיג.) מאמע! — לאָמיך אהיים, מאמע!

מ י ר ל (אַליץ אינאויינעב אויסקוקענדיג). ז'וועלען באלד קומען, — די מומעס... אותו הרגע קומען... און ז'וועל'ן עפּעס ברענגען... וועסט דיר די נשמה דערכאַפּען, נחת מיינס...

א ב ר ה מ ' ל. כ'בין גאַרנישט אזוי הונגעריג, מאמע... באמת — ניין...

מ י ר ל. אסך היינט אין מויל געהאַט! כ'האָב דאך קיין גראָשען נישט פאַרדינט; לעקעכלעך וועלען זיי ברענגען.

א ב ר ה מ ' ל. וועסט אריינגעמען פאַר פּערלען...

מ י ר ל. און רבי־געלט אביסעל...

א ב ר ה מ ' ל. פּערל געהט באַרוועס... פון ברכה'ן פאַלט דאס קליידעל אַראָפּ...

מ י ר ל. ס'געהט צו ווינטער... סיי ווי סיי — זיצען אין בעט... שכר־למוד איז ביליכער...

א ב ר ה מ ' ל (ביטער, מעהר פאַר זיך). פון אזא געלט...

מ י ר ל. וואָס אזוינס? וואָס האסט דו געזאָגט? (אַז אברהם'ל פאַרשווייגט.) מיינסט, חס־ושלום, זיי גנב'ענען ביי די בעל־הבית'טעס? פאַרדינען ביים איינקויפען? חלילה — זיי קריגען מתנות: קומען סוחרים — לעצט־געלט... און — שכירות... א הון!... און יא! די מומע נחמה האט געהערט, דו הוסט, וויל זי מיט דיר אריינגעהן צום רופא...

א ב ר ה מ ' ל. כ'וויל נישט!

מ י ר ל. נאַרעלע, צו דער הייליגער תורה הקדושה דאַרף מען האבען כח, מוז מען געזונט זיין...

א ב ר ה מ ' ל. אז גאָט וועט וועלען, כ'זאל געזונט זיין, האָט ער בעסערע שלוחים...

מ י ר ל. נאַרעלע, דער רופא אליין — איז אַ גאַנץ כשר'ער איד...

א ב ר ה מ ' ל. נישט איהם מיין איך...

מ י ר ל. דער יונג זיינער? — וואָס געהט ער דיך אָן. — דער יונג?

א ב ר ה מ ' ל (פאַרשווייגענדיג, צוחוסט זיך).

מ י ר ל (צואײלענדיג). פינסטער איז מיר, דו הוסט דאָך

טאקע רעכט... נאַ, נאַ דיר, נאַ, מיין שאַלכעל —

א ב ר ה ם ' ל. כ'וויל נישט... דיר איז אויך קאַלט...

מ י ר ל (געהענדיג צו אברהם'לען). ניין, ניין! אנגסטען שלאַגען אויף מיר... (וויקעלט איהם אַרום; לאה באווייזט זיך פון געסעל.) אַט געהט שוין די מומע לאה, מען וועט זיך נאָר אָפּ־שמועסען אויף מאָרגען... ווייסט, וואָס מאָרגען איז, תכשיט מיי־נער?

א ב ר ה ם ' ל. כ'ווייס, דעם טאַטען זכרונו לברכה'ס יאָהר־צייט...

מ י ר ל. וועל'מיר געהן... אויפ'ן קבר וועל'ן מיר געהן...

א ב ר ה ם ' ל (אַרויספּלאַצענדיג). זיי אויך?

מ י ר ל (מיט האַרץ). געה, געה מיר פון ד'אויגען אוועק... מיין בייז האַרץ וועל איך צו דיר אויסלאָזען... שוין געהערט לשון־הרע... (רופט נאָך אברהם'לען, וואָס טראָגט זיך אָפּ.) זאָל פערל אנלעגען א פייער... צושטעלען וואַסער אויף קאַרטאָפּלעס...

א ב ר ה ם ' ל (זיך אָפּשטעלענדיג). האָסט דאָך נישט פאַר־דינט, מאַמע!

מ י ר ל. נישט ד י י ן ז א ך!

א ב ר ה ם ' ל. און איך וועל נישט עסען!!!

(פאַרשווינדט.)

ל א ה (וואָס האָט דאָס לעצטע געהערט און געזעהן, האָט, באַ־אומרוהיגט, איינגעהאַלטען די טריט; איז לאַנגזאַם צוגעקומען, און אָפּגעשטעלט זיך ביי דער באַנק. אַז מירל דרעהט זיך צו איהר אויס). וואָס איז ער עם אנטלאָפען, — אברהם'ל?

מ י ר ל (איינגעהאַלטען). קאַלט געוואָרען... הוסט... (אַרויס־פּלאַצענדיג.) און שעהנע זאַכען ג ע ה ע ר ט... פון אייך ב י י ד ע!

ל א ה (פינסטער און שטרענג). פון דיין מ ו י ל, מירל?

מ י ר ל. פון ח ב ר י ם! אין ח ד ר! — חברים — פון די מ א מ ע ס... דער בוימאויל קומט אויפ'ן ו ו א ס ע ר אַרויס...

ל א ה (גאַלגען־הומאָר). ס'געפעלט זיי דער שדוך נישט?

מ י ר ל (גיפטיג). שוין געוועז ראשי־פּרקים?!

(זיי מעסטען זיך מיט די אויגען.)

ל א ה (האלט נישט אויס, הויבט אן ארויסצונעמען זאכען פון קעשענע). נא, האסט'ו וואקס...

מ י ר ל (עטוואס געריהרט). געדענקט צו קויפען.

ל א ה (ציהט מיט די אקסלען). אויסגעלאזט ה א נ י ג, געבליבען ו ו א ק ס !...

מ י ר ל (זעצט זיך). כ'נעם נישט קיין וואקס!

ל א ה (מיט הארץ). משוגעת! האסט א נ ש מ ה -ליכט?

מ י ר ל. בעסער נ י ש ט, איידער — גע'גנב'עטס!

ל א ה. איז נישט... (לעגט ארויס, אז מירל שטעלט נישט אויס די האנט, צום נעמען, די אנדערע זאכען פון טאש אויף דער באנק ארויף האסטיג אויסרעכענענדיג.) אביסעל טיי און צוקער... פאר אברהם'-לען א לעקעכעל, אביסעל געלט פאר'ן מלמד... (שטעלט אויס די האנט מיט זילבער-געלד; אז מירל צעהלט פארדעכטיג דאס געלט אויף איהר האנט, פארענטפערט זיך.) דער חתן... פאר'ן אוועקפאהרען א דיזנע געלאזט... געקומען באקוקען די געשוואלענע מויד מיט די קעלבעריגע אויגען...

מ י ר ל (איבערהאקענדיג). לאה!

ל א ה. וואס איז? ווייניג געהארעוועט?

מ י ר ל. אזויפיעל?

ל א ה. שלאנג!

מ י ר ל (נעמענדיג דאס געלט). אוי, ווען נישט אברהם'ל!

ל א ה. טרעט... טרעט מיט די פיס... אויפ'ן הארץ... אויף דער נשמה... אז אלע טרעטען.

מ י ר ל. חבר דיך נישט מיט פעלדשער-יונגען!...

ל א ה. דיינע פרומאקעס זענען בעסער! — — ווילסט ווי-סען? ווילסט! הער, — צאפ דיין שוועסטערס בלוט!... (מיט שטייגענדער אויפרעגונג און היציגען אטעם.) געהארעוועט ביז שפעט ביינאכט... מיט אמאל אן אפען הויז געווארען... א חתן געקומען... געסט... כיבוד... מ'פאלט פון די פיס... טיי און קאווע, און פארבייסען, און דאס און יענעס... „ס'שאדט נישט", זאגט זי, ד'אלטע מכשפה, „ס'וועט זיין תנאים, וועסט דו פארדינען"... לויף, כאפ, טראג... טראגען זאל מען זי אויף דער מטה, רבונו של עולם,

נאר אַז עק! די רשעים אין גיהנום האָבען אויך אַמאָל רוה... גע־לויבט איז גאָט... דריי אַזייגער... כ'קייקעל מיך קוים אין קיך אַריין... פאַל אויפ'ן בעט... נישט אויסגעלאָשען ס'לעמפּעל אפילו... מיין כפּרה, זאָל זי מיר אָפּשלאָגען ס'ביסעל נאַפט... ז'האָט מיר ג ע ז אָ ג ט די מכשפה... ב אַ ל ד אין דערפריה... ס'מויל זאָל איהר הינטען שטעהן, רבונו דעלמא כוליה... נאר גאָרנישט... כ'פאַל אויפ'ן בעט, אין אָנטון, קוים די בלוזקע אַראָפּגעוואָרפען און די שיך... כ'ליג, ווי אַ גולם, מיט אָפענע אויגען ליג איך... כ'הער — פון שטוב אַרויס שלאָגט: האַלב־פיער, פיער, האַלב־פינף... קוים כ'דרימעל איין — ר'איז דאָ!

מ י ר ל. דער חתן?

ל אַ ה. נאָך אַזויפיעל העזה זאָל ער האָבען? געננג, ר'האָט מיר ג אַ נ צ ע טעג... פון אונטער דער געשוואָלענער כלה'ס פּלייצע אַ פ י ר... פון אונטער די ברעמען די צוקראַכענע... אין ב ו ז ע ם אַריין... די הייסע ש ל ו ח י ם געשיקט... ביים לעצט־געלט די האַנט געדריקט... דריקען זאָל עס איהם אין האַרץ, רבונו של עולם... ער אַ ל י י ן איז געקומען — ר' יאַ־קע־לע!

מ י ר ל. וואָס האָט ער געוואָלט!

ל אַ ה. כאַ—כאַ—כאַ! וואָס וויל אַ מאַנספּאַרשוין? כ'כאַפּ מיך אויף... קאַצענע אויגען... אַ ברענענדיגער אָטעם... די פּאות קריכען מיר אויפ'ן האַרץ אַרום, ווי די ווערים... (פּויזע.) נאָר אַז איהם האָב איך מיר ס'האַרץ געקיהלט! אַז איינפאַהר־הויז מיינט ער! אַלע פינף פינגער!

(נחמה און זרח קומען אַן געאָרעמט פון טיפערען סקווער.)

מ י ר ל (אָנכאַפּענדיג לאה'ן ביי אַ האַנט). ש ו ו י י ג.

נ ח מ ה געהט! — — און ז ע ה, זעה מיט ו ו ע מ ע ן... זעה, ווי אַ ז ו י...

נ ח מ ה (אָפּלאָזענדיג זרח'ס אָרים). מאַך אַ „ויברח“...

ז ר ח. אַ! די צנועה...

נ ח מ ה. ס'איז מיין שוועסטער, זרח! — ווינט און נעבעל זאָלסט דו ווערען! (אַז זרח וויל זי, פאַר'ן אַוועקגעהן, קושען.) וועסט צייט האָבען, נאַשער! — כ'וועל דיך רופען... (אַז זרח פאַרשווינדט, צוקומענדיג צו די שוועסטער.) וואו איז אברהם'ל?

ל א ח (אַתּן פּאַרב). געוועז... אוועקגעגאַנגען...

נ ח מ ה (מיט אַ זייטען־בליק אויף מיולען). און איהר פאַסט נישט צו ענטפערען! (באַמערקט דעם בלויסען האַלז; גע־ריהרט.) און וואו ס׳שאַלעכעל, מירל? ! פאַרזעצט? !

ל א ה. איינגעהילט אברהם׳לען...

נ ח מ ה (מכלומר׳שט צו לאה׳ן, נאָר מירל זאָל הערען). זאָלסט הערען, ווי מיין בעל־הבית לויבט אברהם׳ל... אין טאָג אריין! — ביים וואַרמעס... כ׳זיץ אין קיך... אין פוטער שמעלץ איך מיך! „אברהם׳ל איז אַן עלוי"... „זאַפּט די הייליגע תורה, ווי אַ שוואַם"... עט, אַ שאַד, אַלע ביינדלעך וואָלט איך איהם אויסגעקושט...

מ י ר ל. האָסט ווענען צו קושען... ער, ברוך השם, וויל נישט...

נ ח מ ה. ר׳וועט עלטער ווערען, וועט ער בעסער ווערען!

מ י ר ל. אַ האַלצערנע צונג זאָלסט דו באַקומען, רבונו של עולם! —

ל א ה. ס׳הויבט זיך שוין אָן! —

נ ח מ ה. שווייג בעסער, גבאי׳טע!

מ י ר ל. און אַז א י ך וועל שווייגען, וועט די וועלט א ו י ך שווייגען?

ל א ה (מעהר צו זיך). מיין כפרה די וועלט...

מ י ר ל. און גאָט, — גאָט, ברוך הוא, וועט אויך שווייגען?

נ ח מ ה. כ׳האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, מירל: שטעל דיך נישט צווישען מיר און גאָט... כ׳וועל מיר אַליין מיין שטעדטעל באַשטעהן...

ל א ה. נחמה!

מ י ר ל. רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ לשון!

נ ח מ ה. און האָט גאָט צו מיר טענות, האָב איך צו איהם א ו י ך טענות... און אויף איין טענה טויזענט תירוצים...

מ י ר ל. הער, ווי זי רעדט! הער, ווי זי רעדט!

נ ח מ ה (אַרויסלעגענדיג געבראַכטע זאַכען פון טאַש). עט! — גאַ, נעם בעסער...

מ י ר ל. זעה, זעה, ווי די האַנט ציטערט איהר... כ׳שטער דאָך איהר די שמחה מיט׳ן שוסטער־יונג...

נ ח מ ה. אבער גאר „לא“! און מיט א ספאדעק! כ'פרעג נאך דיר אסך! — — עי, זרח! — — אויף די פליגעל פון ווינט! (זרח קומט צו.) כ'בין א שעהנע מויד, — זרח?

ז ר ח. ווי דער טאג.

נ ח מ ה. פארליעבט?

ז ר ח. איבער די אויערען!

נ ח מ ה. שטארק? — היים?

ז ר ח. ווי ס'גיהנום!

נ ח מ ה. און — — ווען שטעלט מען א חופה?

ז ר ח. כאטש מארגען! — — זאל נאר זיין ארבייט...

נ ח מ ה. כאפט דיך דער וואטענמאכער מיט'ן מסדר קדושין צוזאמען... קום, זרח!

(געהען צום טיפערען סקווער.)

מ י ר ל (שרייט איהר נאך). חצופה!

נ ח מ ה (זיך אפשטעלענדיג). ווייסט דו, וואס, מירל! פאלג מיך, מאך מיר חתונה... עפען ס'קניפעל: נדן, חתונה־הוצאות... מלבושים — — — האסט? קאנסט? ניין? — — — — שוויינגט מען!

(ראש אפ. מירל נעמט געשווינד צוזאמען דאס ארויסגע־לעגטע אויף דער באנק, וויל געהן.)

ל א ה. לאז מיך נישט איבער אליין...

מ י ר ל (שטרענג). אהיים געה!

ל א ה. א ה י י ם וואלט איך געגאנגען...

מ י ר ל. א מענש געהט נישט גראד אהיים... נאר וואו ס'איז באשערט...

ל א ה (כאפט זי אן ביי דער האנט). ס'איז דארט קיינער נישטא! — — געפאהרען באלייטען דעם חתן צו דער באהן... און דאס קיך־לעמפעל רויכערט... שאטען טאנצען ארום אויף די אפ־געשיילטע ווענט... און די שטריק פון בוידעם קוקען אפיר פון אונטער'ן בעט... כ'האב אזוי מורא...

מ י ר ל. האב בעסער מורא פאר ג א ט! פ א ר כ ט דיך פאר די זינד!

ל א ה. מירל... ווי האט עס א מענש קיין פונק רחמנות נישט...

מ י ר ל (ווייכער). און דו, אויף ד י ר א ל י י ן, האסט רחמנות? און אויף נחמה'ן — האסטו? דו טרענקסט זיך, שלעפסט דו זי מיט...

ל א ה. כ'ציה נישט קיינעם... איטליכער האט זיין ווילען, זיין שכל, און זיין אייגענעם חשבון מיט גאט... און איך טרענק זיך נאך נישט!

מ י ר ל. אודאי, א שפאס! מען איז זיך דאך מקנא אן דיר... מען בענשט זיך דאך מיט דיר! — — שרכנים קלאפען דאך דיר אפ די שוועל! — — און וואס וועט זיין דער סוף, לאה?

ל א ה. צום סוף איז נאך וייט... כ'ווייס? און אפשר נישט... און וואס זאל ז י י ן דער סוף?

מ י ר ל. און וואס ביסט'עס אזוי ווייס, ווי די וואנט? און וואס פאר א רויטע פלעקען האסט'עס אויפ'ן פנים? און וואס באטייטען די געשוואלענע ברעמען? און די בלאנע־בלויע רענדער ארום ד'אויגען! און דאס פיבער אין זיי? און וואס זענען עס דיר אזוי איינגעפאלען די באקען? —

ל א ה. וואס? כ'דארף נאך שיינען, ווי די זון... כ'ארבייט ווענינ, כ'הארעווע נישט?!

מ י ר ל. פארגעד נישט די ציין! — — הארעוועו הארע־וועסט דו שוין לאנג און פריהער האסט דו דאך געבליהט, ווי א רויז... געשפילט, ווי א פויגעל...

ל א ה. ווען פ ר י ה ע ר?

מ י ר ל. איידער דער פעלדשער־יונג האט דיך פארלאזט!

ל א ה. דאס ווייסט דו אויך... און אין דעם בין איך אויך שולדיג?

מ י ר ל. ווער דען? איך!

ל א ה. מירל!... אזוי ק א ן נישט זיין... אזוי ט א ר נישט זיין... א תלין זיין פאר אן א י י ג ע נ ע שוועסטער, הייסט נאך א ל י י ן נישט... זעהסט, מען האט אן מיר נ ע־פ ע ל ש ט, א גזלן אין פעלד איז מיך באפאלען, אריינגעשטעקט א מעסער אין הארץ; בלוט רינט... ביסט דאך א שוועסטער...

(אַז מירל, וואָס האָט מורא, זי זאָל נישט ווייך ווערן, דרעהט זיך פון איהר אָפּ, זיך אויפהויבענדיג.) עט! אַז עס איז אַזוי, זאָל זיין אַזוי! (געהט אין דער ריכטונג צום לאַמטער.)

(מירל דרעהט זיך אוים באַוועגט, וויל זי שוין צוריק רופען, לאה קומט דערווייל אין ליכט־שטרייף אַריין אונטער'ן לאַמטער.)

מ י ר ל (פון פלוצלונגער שרעק באַפאַלען). ל—אה!

ל א ה (שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך אום). וואָס!

מ י ר ל. אהער, קום! אהער!

ל א ה. שריי נישט אַזוי, מען הערט דאָך...

מ י ר ל. וועה מיר. וועה מיינע יאָהר! צו ד ע ם איז עס געקומען! (אַז לאה שלעפּט זיך צו איהר צו, ווי אַ געשלאָגענער הונט.) שטעה! קום נישט אין מיינע דלת אמות אַריין... און מאַרגען צום קבר — נישט ד ו, נישט ז י... (וואַרפט אַלץ אַרויס פון שירץ.) נאַ! נאַ! נאַ!

(לויפט אָפּ רעכטס, ל א ה פאַלט אויף דער באַנק, ציהט זיך צוזאַמען.)

מ ש ה (קומט אָן פייפענדיג אַ ליעדעל. קוקט זיך אום). אַ... עפּעס אַ סחורה אויף דער באַנק...

(געהט נעהנטער צו, דערקענט ווער עס איז, וויל זיך צוריק־ציהען אויף די נעגעל.)

ל א ה. אַנטלויף נישט.

מ ש ה. כ'איל מיך... אַרויסגעלאָפען קויפען פּאַפּיראָסען...

ל א ה. פּאַפּיראָסען קוקען זיך פון מאַרינאַרקע אַרויס...

מ ש ה. זעהסט, ווי דער קאָפּ איז פאַרדרעהט...

ל א ה. קום נאָר צו נעהנטער...

מ ש ה (טוט עס נישט גערן.) איבערגעלאָזט אַנגעזייפטע געסט...

ל א ה. כ'וועל דיך לאַנג נישט האַלטען...

מ ש ה. נאָר, כ'בעט דיך, נישט געזידעלט... זע'מיר ביידע נישט אַזוינע פרומע נשמות...

ל א ה. ניין... נאָר א בשורה וויל איך דיר אָנזאָגען!
מ ש ה (גאַלגען־הומאָר). ווערסט א כלה? מזל־טוב דיר!
ל א ה. דאָס נישט... נאָר א מזל־טוב קומט מיר, דיר אויך... גאָט האָט מיך געבענשט...
מ ש ה. דאָס איז גראָד מיין ברכה... אויב כ'האָב קיין טעות נישט...
ל א ה. ניין... האָסט קיין טעות נישט... וואָס זאָגסטו דערצו?
מ ש ה (זעצט זיך, פאַרזאָרגט). ווייסטו וואָס, לאה? — כ'האָב א באַקאַנטען דאָקטאָר!
ל א ה. און נאָר!
מ ש ה. כ'וועל דיר ברענגען פּראָשקעס!
ל א ה. און גאָר!
מ ש ה. וואָס דען, לאה? ! צוויי מתים געהן נישט טאַנצען...
ל א ה. נו, געה, אז דו ווייסט שוין... געה! — — (מיט שטייגענדען עקעל.) און דאָס האָב איך ליעב געהאַט, דאָס! (באַמערקט, אז ער שטעהט נאָך, אויסשרייענדיג.) געה!
(מ ש ה פאַרשווינדט; עס קומען אָן נ ח מ ת און ז ר ח.)
נ ח מ ה. וואָס האָסט'עס געשריגען, לאה? (באַטראַכט זי.)
דער פעלדשער־יונג איז דאָ געוועזען! — געוועזען! — ער האָט דיר עפּעס געזאָגט?
ל א ה. איך האָב א י ה ם געזאָגט!
נ ח מ ה (שלעכט פאַרשטעהענדיג). רעכט אזוי! — כ'געה איינקויפען, אין דערפריה, שטעהט ער דאָרט מיט דער געלער מויד... קוועטשט איהר די האַנט, ז'האָט דאָך א לאַפּע, ווי א בער...
ל א ה. מיין דאגה.
נ ח מ ה. אזוי? !
ז ר ח. א גאָלד פון א מויד.
נ ח מ ה. וואָס ברומסט דו דאָרט, זרח!
ז ר ח. כ'זאָג, א שאַרלאַטאַן איז ער, דער פעלדשער־יונג...
ל א ה. און דו, זרח?
ז ר ח. איך? וואָס איך?
ל א ה. ווען שטעלסטו א חופּה?
ז ר ח. זאָל נאָר זיין ארבייט...

ל א ה. און איידער ס'וועט זיין...

ז ר ח. ווי נחמה וויל...

ל א ה. וועסט איהר העלפען וועלען, און דערנאך... וואס וועט זיין דערנאך?

נ ח מ ה. איך זאג, ברוך השם יום יום — אויף מארגען זא. גאט זארגען...

ל א ה. גאט וויל, יעדער זאל פאר זיך זארגען!

נ ח מ ה. וואס פאר א לשון, לאה? ! באהאלט די תחנות אויף מארגען...

ל א ה. וואס מארגען?...

נ ח מ ה. אויף שוחט'לס קבר...

ל א ה. מ'געהט נישט מארגען!

נ ח מ ה. וואס איז ווייטער? און פארוואס וויל זי נישט.

ל א ה. זי זאגט, מיר פארשוועכען דעם קבר...

נ ח מ ה (אפשפרינגענדיג). איך האב נאך קיין שלעכטס נישט געטאן, לאה!

ל א ה. וועסטו טון... אונזער וועג געהט משופע אראפ... משופע אראפ...

(דער לאמפען־צינדער, וואס האט שוין געלאשען איבעראל אין סקווער, לעשט דא אויס דעם לעצטען לאמפ. עס ווערט פינסטער.)

(ל א נ ג ז א ם פ א ר ה א נ ג.)

א פריהמאָרגען.

(איינאַקטער.)

פערזאנען:

מ נ ש ה — איבער זיבציג, לוידט אויף די פיס; איין פוס שלעפט ער נאך. רעדט מיט זיך אליין, ווי א שוין לאנג איינזאמער מענש.

ח י י ם — זיין זוהן, א הענדלער מיט אלטווארג; א יאהר עטליכע און פיערציג.

ש ר ה — חיים׳ס ווייב, אין זעלבען עלטער. האנדעלט מיט אויבס.

ר ב ק ה — זייער טאכטער, א גערא‏טען מיידעל. א יאהר אכטצעהן—ניינצעהן.

ל א ה — איהר אינגערע שוועסטער פופצעהן—זעכצעהן יאהר; בלוט־ארעם. גייסטיג נישט אנטוויקעלט. א בלאסע שעהנהייט מיט שטארע אויגען.

י ע נ ק ע ל ע — א׳ קינד אין וויג.

א ש א כ ע ר — אין פענסטער.

אַן אָרעמע שטוב, — אין הינטערגרונט: צוויי בעטען, פאַר איינעם פון די בעטען צוקאָפּענס — אַ קינדער־וויג צווישען די בעטען, אונטער אַן אַלטען, ערטערווייז צופּלאַצטען שפּיגעלע— אַ שטול מיט אַ בעקען וואַסער; א האַנטוך אויף דעם אָנלעהן און א קובעל אונטער'ן שטול. — ר ע כ ט ס, פון פאָדער־גרונט גערעכענט: א טיר, קוימען־אויווען, א קעסטעל מיט קוילען; א געלעגער אויף א קאסטען מיט צוגעשטעלטע שטו־לען. ל י נ ק ס: אַ פענסטער העכער — א בעט צוקאָ־פּענס, און פון דער שטוב־זייט מיט אן אלט הישפּאַניש ווענטעל פאַרשטעלט. ביים בעט — א קליין טישעל; דאַרויף אַ קליין נאַפט־לעמפּעל. העכער — א שענקעל. אין מיט שטוב, אונטער א פאַרגרינטען, מעשענעם הענגעל־לייכטער — א טיש. דארויף: א טלית־ותפלין־זאַק, א געהער־טאָרבע א. ד. גל. אין ווינקעל — זעק, קערב לערע, אין מיט אַ בוים און גרינס. אין צווייטען — אַלטוואַרג.

פ אָ ר ח אַ נ ג.

ש ר ה און ל א ה (שלאָפען אין בעט, פאַר ווערכען עס שטעהט די וויג. ש ר ה האָט אַן אראָפּגעלאָזטע האַנט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געשאָקעלט די וויג; די וויג באַוועגט זיך נאָך זעהר לאַנגזאַם.)

ח י י ם (ליגט אין צווייטען בעט; שלאָפט אומרוהיג, קרעכ־צענדיג.)

ר ב ק ה (ליגט אויפ'ן קאַסטען־געלעגער; די האָר אראָפּגעלאָזט צופלאָכטען.)

מ נ ש ה (שוין אָנגעטאָן; זיצט אויפ׳ן בעט פאַר׳ן טישעל; זאָגט עפּעס זעהר שטיל און מיט אַ טרויעריגען נגון פון אַ סדור אַרויס.)

(עס הויבט אָן גרויען דער פריהמאָרגען.)

מ נ ש ה (דערפיהלענדיג דאָס גרויען פון טאָג, קושט דאָס סדור׳ל, פאַרמאַכט עס; שטעהט זעהר לאַנגזאַם אויף, אויסגלייכענדיג זיך די פאַרזעסענע אַקסעל, און קוקט, אָנהאַלטענדיג זיך אָן אָנלעהן פון בעט, מיט מידע אויגען אין פענסטער אַריין): האָסט מיר נאָך אמאָל אָפּ־געגעבען דאָס פקדון... איך דאַנק דיר און דיין ליעבען נאָמען! (מיט אַ בלאַסען שמייכעל.) דאַרפסט מיך דאָ נויטיג האָבען, וואָס? — נאָך אַ שטיקעל חצות פון אַלטען מנשה, נאָך אַ קאַפּיטעל תהלים (קורצע פויזע.) — אידעלעך פעהלט דיר, וואָס? (מיט אַ נישט פאַרשטעהענדיגען נאָר אונטערטעניגען בליק צום הימעל צו.) האַ! אַז דו הייסט! (שלעפּט זעהר זאַכט און מיט גרויס מיה דאָס ווענטעל אין דער ריכטונג צום קוימען צו, בלייבט דערמיט אין מיט שטוב, קו־קענדיג אויף שרה׳ן) אַראָפּגעלאָזט די האַנט... הויט און ביין... און אַדערען... און ס׳וויגעל ריהרט זיך נאָך... נישט זי שלאָפט זיך אויס, נישט זי דערעסט... (מיט אַ בליק צום פענסטער.) און דו הייסט, כ׳זאָל איהר דעם לעצטען ביסען פון מויל אַרויסנעמען... מילא... מן־הסתם ווייסט דו בעסער... (נעמט זיך צום ווענטעל, לאָזט עס ראַש אָפּ.) אַט ריהרט ער זיך, דער גזלן! (איילט צו צו דער וויג, שאָ־קעלט זי.) אַ... אַ... (געהט שמייכעלדיג צוריק צום ווענטעל.) בעק־לעך, ווי די עפּעלעך! און עס מאַכט מיט די ליפּלעך, ס׳פּרעסערל! די ברוסט חלומ׳ט זיך איהם... קיין ביין אויג... קיין ביין אויג... (מיט אַ בליק צום פענסטער.) ווילסט אפשר, כ׳זאָל נאָך אָן איהם נחת דערלעבען? עברי לערנען?... מהיכא תיתי — (טרויעריג.) נאָר אָפּפיהרען אין חדר אַריין וועל איך איהם שוין נישט... (זיפצט.) נישטאָ קיין פּים... (רוקט עטוואָס האַסטיגער דאָס ווענטעל צום קוימען צו.)

ר ב ק ה (באַוועגט זיך אומרוהיג אין שלאָף.)

מ נ ש ה (באַמערקט עס, לאָזט פּלוצלונג אָפּ ס׳ווענטעל). ווי ס׳וואַרפט זיך! מיינע, עליה השלום, אויס׳ן אויג... (זיפצענדיג.) הייס בלוט, קאָכענדיג בלוט... און — חלומות... גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ חלומות... (פויזע.) אַ גאַנצען טאָג געהט עס אַרום —

גאָרנישט... בייגאַכט — חלומות (פון זכרון אַ־זויס.) „שיינדעלע,
וואָס וואָרפסט דו זיך אזוי ?“ (מיט אַ נאָכגעמאַכטער פרויען־שטימע
פון שלאָף אַרויס.) „איך ? — איך — וואָס פאַלט דיר איין ?“
(נאָך אַ קורצער פויזע, מיט אייגענער שטימע.) און כלומר'שט צו־
ריק איינגעשלאָפען... און וואָרפט פון זיך האַלב אַראָפּ די קאָלדרע...
אין שטוב אַ קעלט... איהר איז הייס... הייס בלוט... (פויזע... רופט.)
ר ב ק ה ! (די שטימע האָט איהם אָבער נישט נאָכגעגעבען.) ביז צו
דער פאַדלאָגע די פלאָמענדיגע האָר... אַ רויטער טייך, און אזוי מוז
זיין די נשמה אויך... מיינע, עליה השלום, אויס'ן אויג, אויס'ן
אויג ! (רופט עטוואָס העכער.) רבקה ! (געהט צו, ריהרענדיג רבקה'ן
ביי דער האַנט.) רבקה'לע !

ר ב ק ה (וועקט זיך, עטוואָס אומרוהיג). דו, זיידע, וואָס ?

מ נ ש ה. שפּרינג איבער אין מיין בעט אריין...

ר ב ק ה (געגעצענדיג). וואָס ביסט דו אזוי פריה אויפגע־
שטאַנען, זיידע ?

מ נ ש ה. האָסט שוין פאַרגעסען ! זיי געהען פריה אַוועק...
דער טאַטע האָט דאָך געכאַפּט עפּעס אַ מציאה, און האָט נישט
צו באַצאַהלען, מוז ער זיך שאַפען געלט... און די מאַמע האָט איינ־
צוקויפען פאַר דער מאַדאַם פימסענהאָלץ... אויף תנאים.

ר ב ק ה (געגעצט). אהא — מאַניע ווערט אַ כלה — (כאַפּט
אַרום זיך די קאָלדרע, שפּרינגט איבער אין מנשה'ס בעט אַריין.)

מ נ ש ה. אַ ברען ! מיינע, עליה השלום, אויס'ן אויג, אויס'ן
אויג ! (געהט צו, פאַרריכט איהר די קישען אונטער'ן קאָפּ.)

ר ב ק ה (קוים עטוואָס אומרוהיג). זיידע, דער חתן הייסט
גאָלדשטיין ?

מ נ ש ה. גאָלדשטיין — דעם תבואה סוחר'ס זוהן —
(פויזע.) שלאָף, רבקה'לע, כ'וועל מאַכען טיי — (רוקט איבער דאָס
וועגטעל צום קוימען צו, אַזוי, אַז ער טוילט איהם אָפּ פון הינטער־
גרונט. נעמט אַרויס פון אַ קאַסטען ביים קוימען עטליכע קיהנעלעך,
צושניצט זיי זעהר דין, לעגט זיי קונציג אויס אויפ'ן קוימען, שיט
דאַרויף דראָבנע קוילען, צינדט אונטער, שטעלט צו אַ טשיוניק מיט וואַ־
סער, פאַרבריהט טיי.)

ר ב ק ה (שטיל). זיידע, ווי הייסט דער חתן ? — אויפ'ן
נאָמען, מיין איך. (פאַרשוויינט, אַז מנשה הערט נישט.)

ש ר ה (הויבט אויף דעם קאָפּ, באַמיהט זיך אַריבערצוקריכען צום צווייטען בעט). ער שלאָפט נאָך, ברוך השם... (ביטערליך.) אז א מענש האָט א רוהיגען קאָפּ... מהיכא תיתי...

ח י י ם (עפענט די אויגען, זאָגט שטיל „מודה אני“.)

ש ר ה (אַפּווארטענדיג ביז ער ענדיגט ברכה). און וואו גועסט דו נעמען געלט, חכם מיינער?!

ח י י ם. כ'וועל געהן צום סקלאַדניק...

ש ר ה. ער זאָל דיר די נשמה ארויסציהען?

ח י י ם. וועל איך אפשר ערגעץ כאַפּען...

ש ר ה. מיד ליד?... אויף וויפיעל פּראָצענט? (פּויזע.) שוועֶר, זייט מוחל, רוקט מיר צו ס'ווענטעל...

מ נ ש ה (טוט עס.)

ש ר ה. שווער, דעם פּימסענהאָלצ'ס מחותן קענט איהר?

מ נ ש ה. גאָלדשטיינען? (זיפצענדיג.) אז כ'האָב פּיס גע־האַט, פלעג איך פארדינען ביי איהם א קערבעל (געהט צוריק צום קוימען.)

ש ר ה (זיך וואשענדיג, פון הינטער'ן ווענטעל). צוויי טויזענט גיט ער נדן... פּימסענהאָלץ גיט אודאי.

מ נ ש ה. אודאי... פון כלה'ס צד קומט מעהר...

ש ר ה (ארויפקומענדיג). און וואָס איז גאָלדשטיין? ווי לאַנג איז, אז ר'איז א באהעלפער געווען?... און פּימסענהאָלץ?... פון דעם לוינט שוין גאָרנישט צו רעדען... אבער, אז מען טוט די האַנט אין קאַלט וואסער אריין, העלפט גאָט! (מיט אַ בליק צו חיים'ס בעט.) און דאָס... כ'זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד....

מ נ ש ה. אַלץ ווענדט זיך אָן זיין ליעבען נאָמען...

ר ב ק ה. מאַמע, ווי הייסט דער יונגער גאָלדשטיין?

ש ר ה (קערט זיך צו איהר אום פארבליפט אויף דער פראַגע.)

י ע נ ק ע ל (ריהרט זיך אין וויג.)

ש ר ה (פארגעסט אָן רבקה'ן, לויפט צו צו דער וויג, געבענדיג צו זויגען; האסטיג). ציה, ציה, גזלן מיינער — תכשיט מיינער — כ'זאָל שוין זוכה זיין צו הערען דיין ברכה איבער דער מילך! (דערמאָנענדיג זיך, צו רבקה'ן.) וואָס האַסט עס געפרעגט, רבקה? — זי שלאָפט שוין.

ח י י ם (קומט אָרויף פון הינטער'ן וועגטעל, אָנגעטאָן, צו שרה'ן). און דו האָסט נישט עפּעס געלט?

מ נ ש ה. (גיסט אָן צוויי גלאָז טיי.)

ש ר ה (אויפשטעהענדיג פון וויג, אויסגלייכענדיג זיך די אַק־סעל, און נעמענדיג פון אַלטענס האַנט אַ גלאָז טיי). פון וואנען?

ח י י ם (מיט עטוואָס תערומות). נישט געקאָנט נעמען פאָראויס ביי דער פּימסענהאָלץ?

ש ר ה (האַסטיג, זופּענדיג דעם טיי). הלואי, ז'זאָל באַלד דערגאָר באַצאָהלען... ז'וועט שלעפּען אַ האַלב יאָהר. (פּויזע.) און וואָס פאַר אַ מציאה האָסט עס געקויפט, לאָמיך נאָר הערען?

ח י י ם. אַ שלום־ראָק — כמעט נאָך ניי — דריי פּאָר פּלו־דערען, אַ סאַמעטען רעקעל — אַש־גרוי, גאָר פריש, אַ פּ׳רעל, — דאָס קעסטעל אַליין איז ווערט אַ הון... מאַכאָן! עטליכע טאַליעס קאַרטען — מיט קרייד, אַ קאַרטען־בערשטעל — אַ ניי־זילבערן הענטעל, אַ ווייס פּעלצעל — (מיטליידיג.) געמוזט עמיץ אוועק־קומען ביי דער פּריצה... טרערען אין ד'אויגען האָט זי געהאַט... (קומט, געהענדיג איבער דער שטוב, נאָהנט צו רבקה.)

ר ב ק ה (אומרוהיג). טאַטע, ווי זעהט אויס דער יונגער גאָלדשטיין?

ח י י ם (עמפּערט). וואָס אַ מויד האָט אין זין... טו דיך בע־סער אָן... זאָג ברכה און געה צו דער נעהטאָרין...

ש ר ה (פּאָרענדיג זיך ביי די קערב, וואָס זי בינדט צוזאַמען). זי וועט היינט נישט געהן... כ'וועל זי שפּעטער דאַרפען צו דער שטעל... לאָז זי נאָך ליגען. — און וויפיעל האָסט דו דיך באַ־דונגען?

ח י י ם (נעמענדיג די טאָרבע, אַריינלעגענדיג אַ שטיק ברויט און אַ ציבעלע, וואָס ער נעמט פון שענקעל אַרויס). כ'האָב דאָך דיר געזאָגט זעקס רובל אַהן דריי און צוואַנציג גראָשען...

ש ר ה. אפשר טאַקע אַ מציאה — —

ח י י ם. אין לאה'לעס זכות...

ש ר ה און מ נ ש ה (קוקען איהם אָן פאַרוואונדערט.)

ח י י ם (מאָטיווירענדיג). איך דינג זיך אזוי מיט דער אַלטער פּריצה... זי לאָזט נישט אָפּ... פּלוצלונג גיב איך אַ טראַכט: רבונו של עולם, לאָמיך עפּעס פאַרדינען פון לאה'לעס וועגען...

ש ר ה (פּאַטשט מיט די הענט). רבונו של עולם, כ'האָב דאָך גאָר פאַרגעסען צו פרעגען... שווער, דער דאָקטאָר פון דער חברה איז געווען?

מ נ ש ה. געווען... (זיפצט.) נעהייסען שלאָפען אסך, עסען אסך, אביסעל וויין...

(פּויזע.)

ח י י ם (וואָס האָט עטוואָס אומרוהיג אָפּגעוואַרט). ווי איך גיב דאָס א טראַכט, ווערט זי, די אַלטע פּריצה ווייך, ווי א פּוטער— לאָזט זי אָפּ צעהנערלעך, דערנאָך גילדענווייז... און גיט זיך פּלוצלונג א דרעה אוים צו דער וואַנט, און שטעלט מיר הינטען אַרום אַרוים די האַנט: גיב שוין, איד, גיב!... די האַנט האָט איהר געציטערט, האָב איך איהר גענעבען אדרויף... (הענגט זיך די טאָרבע איבער די אַקסעל, מיט אומרוהיגער חניפה.) מיין איך טאַקע, אז לאה'לע איז א שותּף צו דער קניה.

ש ר ה (קוקט איהם אָן מיט חשד.)

ח י י ם. און זי זאָל טאַקע זיין אן אמת'ער שותּף... זי האָט דאָך איהרע פּאָר גראָשען...

ש ר ה (שפּרינגט אויף, ווי געביסען). א! צו דעם האָסטו געצילט? דעם אָרעמאַן קינדס פּאָר גראָשען, וואָס זי קלויבט זיך אָן פון שליחות? אַזוי? מיט'ן אָרעמען קינדס געזונט, מיט'ן אָרעמען קינדס נשמה ווילסט דו האַנדלען...

ח י י ם (מאַכט אַוועק מיט דער האַנט, נעמט זיך צום אַרויסגעהן.)

ר ב ק ה (וואָס איז איינגעשלאָפען, וועקט זיך אומרוהיג, צו מנשה'ן, וואָס קומט איהר אוים אָם נעהנטסטען). זיידע, וואָס שרייט אַזוי די מאַמע?

מ נ ש ה (אָפּרופענדיג חיים'ן). געה שוין, געה... זוך דיר א שותּף אין גאַס... א גרעסער קרישאַלע נעמען צוויי פּייגעלעך... שלינג נישט איין די וועלט...

ר ב ק ה. מאַמע, דער יונגער גאָלדשטיין טראָגט גאָלדענע ברילען?

ש ר ה. וואָס זי האָט אין זינען! שלאָף! שפּעטער וועל איך שיקען נאָך דיר. (אָפּ מיט די קערבלעך.)

(פּויזע.)

ר ב ק ה. וואו וואוינט גאָלדשטיין?
מ נ ש ה (מעכאַניש). אויף אונזער גאַס, אין גרויסען הויז.
ר ב ק ה. ער טראָגט גאָלדענע ברילען!
מ נ ש ה. מן־הסתם... אַז איך פלעג אַריינקומען צום פאָטער, איז ער אַ קורצזיכטיג איינגעל געווען... היינט טראָגט ער אודאי ברילען, און, מן־הסתם, גאָלדענע...
ר ב ק ה. אין גרויסען הויז וואוינט ער? אין רויטען?
מ נ ש ה. זייער הויז... קעגען וואָס פרעגסט דו?
ר ב ק ה. זיידע, זעה נאָר (נעמט אַרוים מיט ציטעריגע הענט אַ פאָטאָגראַפיע פון בוזעם.) דאָס האָב איך געפונען נעכטען אין גאַס...
מ נ ש ה (נעמט, באַטראַכט). דאָס איז ער דאָך, דער יונגער גאָלדשטיין... (אומרוהיג.) געפונען אין גאַס?
ר ב ק ה (ענטפערט נישט, דרעהט זיך אוים צו דער וואַנט, נאָך אַ ווײַלע הערט זיך איהר פאַרשטיקט געוויין.)
מ נ ש ה. רבונו של עולם — וואָס איז דאָס? וואָס איז מיט דיר? רבקה, רבקה'לע? — ז'ענטפערט נישט... ווי זי ציטערט... ס'איז דיר נישט גוט? ס'שפּאַרט דיך ביים האַרץ... רבקה'לע, רבקה'לע... געבען דיר טיי? רבונו של עולם, ווי זי ציטערט, ווי בלאַס זי איז... כ'געה עמיצען אַריינרופען... אַ רופא... וועמען ס'איז... (רופט.) לאה, לאה —
ל א ה (וועקט זיך.) וואָס, זיידע?
מ נ ש ה. רבקה איז אָוועקגעפאַלען... געה צו איהר, כ'געה עמיצען רופען. (געהט אַרוים.)
ל א ה (כאַפּט אויף זיך די קאָלדרע און געהט איבער צו רבקה'ן. איבער'ן וועג פאַרגעסט זי זיך, הויבט אָן עפּעס שטיל צו זינגען; פאַרגעסט דעם נגון, שטעלט זיך אָפּ, וויל זיך עפּעס דערמאָנען. פאַרלעגט די הענט אויפ'ן האַרץ. דערפיהלט עפּעס האַרטס ביי זיך אין בוזעם, וואונדערט זיך, טאַפּט מיט דער האַנט, זוכט, נעמט ענדליך אַרוים אַ זילבערנעם

רובעל, שמייכעלט דאצו — א שפּיגעלע! דערמאָנט זיך עטוואָס — געהט נעהנטער צום בעט צו). רבקה, זעהסט? (ווייזט איהר ס'קערבעל.) רבקה — רבקה, ביסט געשטאָרבען? עפען די אויגען, רבקה, א'ניט וועט מען דיך הייסען באַגראָבען, רבקה...

ר ב ק ה. מען האָט מיך שוין... באַגראָבען...

ל א ה (אָפּוועהרענדיג זיך פון שרעק). שקר! אין דער היים ביסט דו... אין בעט!... באַגראָבען באַגראָבט מען אין דר'ערד... און ווייט, ווייט פון דאנען (בארוהיגט און פארטראכט זיך. דערמאָנט זיך אָנ'ם רובל.) זעהסט? און ווייסט ווער ס'האָט מיר געגעבען? א יונגערמאַן... עפּעס א פרעמדער יונגערמאַן... אין א גלאַנצענדיגען צילינדער... אין גאַסט־הויז שטעהט ער... הערסט, רבקה, כ'געה פאַרביי, דערזעהט ער מיך פון פענסטער... ווינקט צו מיר, געה איך אריין... גיט ער מיר א רובל און א קוש... קום מאָרגען, זאָגט ער, וועל איך דיר געבען צוויי... ר'וועט, זאָגט ער, מיט מיר פאָהרען אויף א שיף, און אַלע טאָג, זאָגט ער געבען א קערבעל... ווייט, ווייט... וועט מען פאָהרען... ר'אָט געפרעגט, צי כ'האָב נישט א שוועסטער... זאָג איך: יאָ... צי זי איז א שעהנע... (פויזע. האָלט אין פאַרגעסען זיך. פלוצלונג.) — וואָס מיינט ער דערמיט, רבקה? וואָס וויל ער, רבקה? (רייסט זי.) — רבקה! —

א ש א כ ע ר (אין גאַס, אריינקוקענדיג דורכ'ן פענסטער, פאַרשעהנדיג און פרעך, רופט הילכעדיג). האנדעל, האנדעל, האנדעל...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

שאַמפּאַניער.

(אײנאַקטער)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

ג ר ו נ ע — אַן אלמנה נאָך אַ סופר, אַ קליינע, מאָגערע, נערוועזע אידענע.

מ ר י ם — אַ פּאַרזעסענע, פון אַ יאָהר עטליכע צוואַנציג. (גרונעס דריי טעכטער)

ס ע ר ע ל — אַן עגונה פון אַ יאָהר צוואנציג (גרונעס דריי טעכטער)

ה ד ס — אַ נעהטאָרין־מיידעל; אַ יאָהר זעכצעהן־זיבעצעהן. (גרונעס דריי טעכטער)

ד ב ו ר ה — אַ חויכע, שווערע אידענע, אָהן ברעמען.

אַן אָרעמע קעלער־שטוב. די אויסגאַנגס־טיר אין הינטער־גרונט. דער רעכטער ווינקעל איז הינטער אַ שפּאַנישען ווענטעל. אַז עס ווערט אַוועקגערוקט, זעהט מען אַ צו־רודערט בעט. אין לינקען ווינקעל — אַ בערגעל קאַר־טאָפעל און א הויפען ציבעלעס. ביי דער וואנט רעכטס — צוויי בעטען. לינקס — א שראַנק צווישען צוויי הויכע קליינע פענסטערלעך אין גאַס אַרויף. אין מיט שטוב — אַ טיש, בענקלעך.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

מ ר י ם (זיצט ביים טיש, מיט'ן פנים צום צושויער, אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, געגעצט פארוויסט.)

ג ר ו נ ע (קומט אַריין, שנעל אַרבייטענדיג אַ זאַק). ביי זיי חובות צו מאַנען! ווי פון א סמאַלע! (הערזעהט מרים'ן. מיט רחמנות.) עס טוט דיר דער קאָפּ וועה? (זיפצט אָפּ, נישט באַקו־מענדיג קיין ענטפער. געהט זי אַרום טיש, קומט אויס מרים'ן פון אַ זייט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ פאַר צער.)

מ ר י ם (האַרט). ניין. (הויבט זיך אויף, געהט הינטער דער פאָרהאַנג אַרונטער.)

ג ר ו נ ע (קוקט איהר אַ ווײַלע נאָך, הערט זיך איין צו דער טיר). א, סערעל מיט'ן נאַפט. (געהט צו צו דער לאָמפּ, מאַכט זי צורעכט.)

ד ב ו ר ה (קומט אַריין מיט אַ קיישעל). גוט'ן אָוועגט!

ג ר ו נ ע (ענטוישט). דו גאָר... ס'קאַצעל קומט!

ד ב ו ר ה (שטעלט דאָס קיישעל אויף דער ערד, רעכט ביי דער

פיר. איראָניש). א שעהנער „ס'קאַצעל קומט"... זאָלען דיר בעשערע בשורות אנגעזאָגט ווערען! (קומט אַ פּאָר טריט נעהנטער, שטעלט זיך אָפּ, קוקענדיג אויף גרונען, מיט פאָרוואורף און מיטלייד.)
גרונע!

(פויזע.)

ג ר ו נ ע (איבערוועלטיגט די אומרוה). פון דאַרף קומסט דו? (אַ בליק צום קיישעל.)

ד ב ו ר ה. איינגעקויפט...

ג ר ו נ ע. אָפּגעטראַטען זיך אָפּרוהען... מהיכא תיתי, זעץ זיך!

ד ב ו ר ה. כ'קאָן באַשטעהן! (געהט צו צום טיש, שפּאַרט אָן די הענט, קיין אויג פון גרונען נישט אַראָפּלאָזענדיג, מיט טיפען שטראָפענדיגען ערנסט.) ווייסט, ווער, עליו השלום, דיין מאַן איז געווען, גרונע?

ג ר ו נ ע (פאַרבליפט, עפענט דאָס מויל, געפינט נישט וואָס צו זאָגען, לאָזט אָפּ מיט דער רעכטער האַנט דעם זאַק, פאַרלירט דאָס שפּיזעל.)

ד ב ו ר ה (נישט אָפּווארטענדיג אויף ענטפער). אַ איד אַ למדן, גרונע, אַן עהרליכער איד, אַ סופר! (פויזע.) פלעגט פאַר יעדער שורה פון דער הייליגער תורה טבילה געהן.

ג ר ו נ ע (פאַרביסען). שקר... אַ פּאָר מאָל אין וואָך — אמת!

ד ב ו ר ה (שטרענג). זיין זכות זאָל אונזביישטעהן, גרונע!

ג ר ו נ ע (הויל). ער איז נ י ש ט בייגעשטאַנען!

ד ב ו ר ה. ווייל דו ביסט זינדיג, גרונע!

ג ר ו נ ע (שפּרינגט אונטער, ווי פון אַ שלאַנג געביסען). איך?

ד ב ו ר ה. דו אַ סופר'ס אַן אלמנה און אזא כשר'ן סופר'ס, פיהרסט אנדערש — די קינדער!

ג ר ו נ ע (מיט אַ האַנט־באַוועגונג צו דעם פאָרהאַנג). שוויינ!

ד ב ו ר ה. זי איז דאָרט נישט דאָ!

ג ר ו נ ע. מרים'ל ליגט — דער קאָפּ טוט איהר וועה — רעד — שטילער!

ד ב ו רה (געהט נעהנטער צום פאָדערגרונט צו). אַ מיידעל היט מען... כ'וואָלט מיינע ווי אַ שלייען צוריסען!

ג ר ו נ ע. ציה נישט די אַדערען! רעד צו דער זאַך...

ד ב ו ר ה (ביטער). וואָס איילסט'ך אַזוי צום נחת?

ג ר ו נ ע. ציה נישט די נשמה ארוים, זאָג איך!

ד ב ו ר ה (זעצט זיך שווער אויף אַ בענקעל). אין דאָרף בין איך געגאַנגען. פאַרבייגעגאַנגען דאָס גערטעל מיט דער רעסטאָ־ראַציע, וואו די מוזיק שפּילט... הער איך זי? מוזיק פעהלט מיר! כ'קוק מיך אפילו נישט אום... ווער מיר גערטעל... ס'וואַקסט מיר אַ מויד אין גרויען צאָפּ אריין. פון מיינע עסקים וועט קיין נדן נישט זיין... געה איך... נישט די אויגען זעהען, נישט די אויערען הערען... פּלוצלונג — אַ געלעכטער! כ'קוק מיך אום, דערזעה'ך...

ס ע ר ע ל (אַריינקומענדיג). אַט, מאַמעשי, נאַפּט! (וויל צוגעהן צום טישעל, באַמערקט דבורה'ן, שטעלט אַוועק אויף דער ערד ביי דער טיר; צו דער מוטער.) וועסט אליין אָנגיסען! (וויל געהן הינטער דעם פאָרהאַנג.)

ג ר ו נ ע (זעהר נישט דרייסט). מרים האָט זיך געלעגט, דער קאָפּ טוט איהר וועה...

ס ע ר ע ל (פאַרהאַלט זיך). וועסט קאָכען, מאַמעשי, קאַר־טאָפעל?

ד ב ו ר ה. און מיר קומט נישט קיין גוט'ן אָווענט?

ג ר ו נ ע (גלייכציימיג). קאַרטאָפעל!

ס ע ר ע ל (נעמט אַ טאָפּ קאַרטאָפעל מיט אַ מעסער צום שיילען און געהט צו דער טיר.)

ג ר ו נ ע. ס'איז קיהל, סערעל!

ס ע ר ע ל (נישט ענטפערענדיג, אָפּ.)

(שווערע פויזע.)

ג ר ו נ ע. און וואָס האָסט דו דערזעהן, דבורה?

ד ב ו ר ה. הלואי וואָלטען עס מיינע אויגען נישט געזעהן! יאָגט נאָך אַ קאַפּעליוש אַ צנועה... פון רעסטאָראַציע... איבער דער לענג פון צוים... זי קנאַקט צוקערקעס און לאַכט, ס'קליידעל שוועבט, ער — נאָך... יאָגט ער זי, כאַפּט זי אַ הויפּען בלעטער און שמייסט איהם, אין פּנים אריין... און לאַכט... און לאַכט!

ג ר ו נ ע (איראָניש). האָסט דיך צוגעקוקט?
ד ב ו ר ה. כ'האָב דאָס לאַכען דערקענט!

(פויזע.)

ג ר ו נ ע. הדס'ל?!
ד ב ו ר ה. דו האָסט געוואוסט?! וואָס? א חתן איז עס?
ג ר ו נ ע. ניין...
ד ב ו ר ה. נישט? און דו... האָסט געשוויגען?
ג ר ו נ ע. יאָ!
ד ב ו ר ה. גרונע!
ג ר ו נ ע (שטעלט אַוועק דאָס לעמפעל אויפ'ן טיש. שניידענדיג רוהיג). שווייג אצינד דו, און הער, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען (אָנכאַפּענדיג דבורה'ן ביים אַרבעל, גויט, זי זאָל זיך זעצען.) אַלץ וועל איך דיר דערצעהלען, איין גאָט אין הימעל וועט אונז הערען!
ד ב ו ר ה (זעצט זיך צוריק.)
ג ר ו נ ע. אַז מיין מאַן איז געשטאָרבען —
ד ב ו ר ה. ווי אַזוי רעדסט דו עפּעס, גרונע?
ג ר ו נ ע. ווי אַזוי זאָל איך רעדען?
ד ב ו ר ה. אַהן „זכרונו לברכה"? און נפטר געוואָרען זאָגט מען?
ג ר ו נ ע. אַלץ איינס. נפטר געוואָרען צי געשטאָרבען; באַגראָבען האָט מען איהם...
ד ב ו ר ה. צו קבר אבות געקומען...
ג ר ו נ ע. זאָל זיין; צו קבר אבות... נאָר מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דריי יתומים — טעכטער...
ד ב ו ר ה. געבעך. אַוועקגעגאַנגען אַהן א קדיש פון דער וועלט...
ג ר ו נ ע. דריי טעכטער. די עלטסטע...
ד ב ו ר ה (מיט אַ בליק צו דעם פאָרהאַנג). מרים — — — —
ג ר ו נ ע. אַלט געווען ניינצעהן יאָהר...
ד ב ו ר ה. ביי לייטען איז אַזוינס א כלה...
ג ר ו נ ע. ביי אונז איז קיין ברויט נישט געווען; פון לעקעך עסען נישט צו רעדען...

ד ב ו ר ה. ווי אזוי רעדסט דו עפעס היינט, גרונע?

ג ר ו נ ע. נישט איך רעד, די צרות רעדען... דאס שענסטע מיידעל אין שטאדט געווען...

ד ב ו ר ה. היינט אויך... קיין עין־הרע!

ג ר ו נ ע. היינט איז זי א זויערע לימענע — א גרויער צאפ! נאר דאמאלט האט זי געלויכטן, ווי די זון... איך בין דאמאלט דעם פרומען סופר'ס אלמנה געווען. איך האב זי, ווי אן אויג אין קאפ געהיט... איך האב געוואוסט, אז היינטיגע צייטען... עס דרעהען זיך ארום קלעזמער, שניידערלעך, אזוי דייטשלעך און אלטע בחורים... בית־המדרש'ניקעס אפילו פלעגען זיך דרעהען ביים פענסטער... נאר אויף וואס איז א מאמע? א כלה־מיידעל, האב איך געוואוסט, דארף זיין ווי א שפיגעל... און איך האב מיינס באוויזען. עס איז אויף איהר קיין הויך נישט געפאלען! געהיט האב איך זי. געהיט, קיין אויג נישט אראפגעלאזט, קיין טריט פון שטוב אהן מיר נישט געמאכט, און אלץ מוסר געזאגט... קוק נישט אהער, קוק נישט אהין, דא שטעל דיך נישט, דא מעק דיך נישט... קוק נישט, ווי פייגעלעך פליהען...

ד ב ו ר ה. זעהר וואויל...

(פויזע.)

(מרים און סערעל באווייזען זיך, פון גרונע און דבורה נישט באמערקט, אין טיר. זעהען, אז די לעצטע איז נאך דא און ציהען זיך שטיל צוריק.)

ג ר ו נ ע (ביטערליך). וואויל ווי די וועלט! אבער ווי זעהט זי אויס! אן אמת עהרליך מיידעל, נאר זעקס און דרייסיג באשריבענע יאהר! דאר, די ביינער צו צעהלען, א געריניצעלטע הויט, ווי פארמעט צו תפילין. אויגען פארלאשענע, דאס פנים זויער, אהן א שמייכעל — אייביג פארביסענע ליפען... גאנץ אפט ברענען דאך אויף די פארלאשענע אויגען; דאס ברענט דאמאלט אין זיי א שנאה, א האס, ווי א גיהנם... און ווייסט דו צו וועמען? ווייסט דו וועמען זי האט פיינט? וועמען, מאכענדיג מיט די ליפען, זי פארשילט די ביינער?

ד ב ו ר ה. וועמען?

גרונע. מיר! מיר — איהר אייגענער מאמען!

סערעל (קומט אפיר פון הינטער דעם פארהאנג, קוקט מיט האס צו דער פארציטערטער מוטער. געהט ארויס.)

גרונע. האסט געזעהן?

דבורה. אבער — פארוואס?

גרונע. זי אליין ווייס אפשר נישט פארוואס, נאר איך ווייס! איך האב מיך געשטעלט צווישען איהר און דער וועלט, צווישען איהר און דער זון! איך האב איהר, ווי זאל איך דיר עס זאגען? קיין ווארעמקייט און קיין ליכט צום לייב נישט צוגע־לאזט... גאנצע נעכט האב איך דעריבער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאנגען, אויף קלאר דערגאנגען! זי מוז מיך פיינט האבען... יעדעס קעמערל פון איהר לייב האט מיך פיינט!

דבורה. וואס רעדסט דו?

גרונע. וואס דו הערסט! די שוועסטער האט זי אודאי פיינט, שענער זענען זיי און יינגער. (כאפט שווער דעם אטעם.)

דבורה. רבונו של עולם!

גרונע (הייזעריג). די אינגערע, סערלען, האב איך שוין אין דער היים נישט געהאלטען... איך האב זי אפגעגעבען פאר א דינסט...

דבורה. איך האב טאקע געשריען געוואלט, מעשים געטאן... א סופר׳ס א טאכטער פאר א דינסט...

גרונע. איך האב געוואלט כאטש איהר חתונה מאכען. זאל זי כאטש אביסעל נדן האבען... פון מיינע קארטאפעל און ציבע־לעס, מיט וועלכע איך האנדעל, קאן מען קיין נדן נישט אויפ־קלייבען... און זי האב איך אויך געהיט... נישט איין בעל־הבית האט אויף איהר אן אויג געווארפען... נישט איין בעל־הבת׳יש קינד האט זיך געוואלט פון איהר א שפילעכעל מאכען...

דבורה. ימח שמם וזכרם!

גרונע. בין איך דאך אבער א מאמע! א געטרייע מאמע געוועזען! די פיס האב איך מיר אפגעהאקט! צעהן מאל אין טאג ביי איהר אין קיך געוועזן, געוויינט, גע׳חלש׳ט, מוסר געזאגט...

דבורה. שטראפען מוז מען, איך שטראף מיינע אויך...

גרונע. גאנצע נעכט בין איך נישט געשלאפען; דעם קו־הישר געלייענט און אנדערע הייליגע ספרים אויף עברי־טייטש,

און צומארגענס איהר אלץ איבערדערצעהלט... און נאך איינענס צוגעלעגט, גאט זאל עס מיר מוחל זיין...

ד ב ו ר ה. מוחל זיין?

ג ר ו נ ע. פאר דעם ליגען! פון דריי שדים האב איך געמאכט צעהן... פון א שמיץ — קאסטרוי! מיט פייער האב איך געשיט! און א שוואך קינד איז עס געווען: א שוואך כשר קינד, עס האט זיך געלאזט פיהרען!... דער טאטע אוים'ן אויג — בלאס אהן אביסעל בלוט, און אזוינע גוטע, פייכטע אויגען — נאר שענער איז זי געווען...

ד ב ו ר ה. דו רעדסט, רחמנא לצלן, פון איהר, ווי פון א טויטען!

ג ר ו נ ע. און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאג דיר: זי לעבט נישט! זי האט אנגעזאמעלט נדן, און איך האב איהר א מאן געגעבען! זי האט נעבעך געוויינט, אז זי וויל איהם נישט, אז ער איז צו גראב, צו פראסט פאר איהר. נאר א לערן־קינד נעמט נישט קיין דינסט־מיידעל, בפרט מיט דרייסיג רובל נדן! איך האב געדאנקט גאט, ווער עס איז! — א שניידער־יונג איז א שניידער־יונג! נו, האט ער מיט איהר א יאהר געלעבט, צוגענומען דאס געלט, מיט'ן רעשט ביסעל כח און איז אוועק... נאקעט און בלויז האט ער זי מיר אפגעשטעלט, נאר — מיט א לונג־פעהלער! זי שפייט מיט בלוט!... א שאטען איז עס שוין, נישט קיין מענש... עס טוליעט זיך צו מיר, ווי א קליין קינד, עס לעגט זיך, ווי א לעמעלע! און גאנצע נעכט וויינט עס... און ווייסט דו, אויף וועמען זי וויינט?

ד ב ו ר ה. אויפ'ן מאן, ימח שמו?

ג ר ו נ ע. ניין, דבורה. אויף מיר וויינט זי! (געהט צו צום קוימען, מאכט איבער דער גאנצער ציים פייער און קאן עס נישט מאכען.) איך האב זי אומגליקליך געמאכט. (בלאזט.) איהרע טרערען פאלען מיר אויפ'ן הארץ, ווי קאכעדיג בליי — זיי סמ'ען מיך די טרערען... (בלייבט שטיל, קוים כאפענדיג דעם אטעם.)

ד ב ו ר ה. הכלל?

ג ר ו נ ע. הכלל? (בלאזט האסטיג.) הכלל, האב איך מיר געזאגט: גענוג! זאל מיין דריטע טאכטער שוין לעבען! לעבען זאל זי ווי זי וויל! זי פארדינט מיט דער נאדעל, זעבצעהן שעה

אין טאָג ארבייט זי, קוים טרוקענע ברויט פאַרדינט זי... זי וויל צו־קערקעס אויך, זאָל זי עסען! זי וויל לאַכען, שטיפען, קושען זיך— זאָל זי! הערסט, דבורה — זאָל זי! איך קאָן איהר קיין זיסע זאַכען נישט געבען, קיין מאַן אודאי נישט! א ציטרין פון איהר מאַכען, וויל איך נישט! א לונגען־פּעהלער געבען — נישט. נישט! זאָל שוין איין טאָכטער מיך נישט האַסען. אויף מיר נישט וויי־נען! (בלאָזט.)

ד ב ו ר ה (שרייט דערשראָקען). אבער גרונע, וואָס ווען־לען זאָגען לייט?

ג ר ו נ ע. זאָלען לייט פריהער אויף אָרעמע יתומים רחמנות האָבען. נישט ארבייטען מיט זיי, ווי מיט אייזלען אומזיסט; זאָ־לען מענשען האָבען הערצער פון מענשען און נישט האַלטען אָרעמע לייט צו אויסדריקען ווי לימאָנען...

ד ב ו ר ה. און גאָט? גאָט ברוך הוא!

ג ר ו נ ע (הויבט זיך אויף, שרייט, גלייך זי וואָלט ווען־לען גאָט זאָל אין הימעל הערען). האָט גאָט געזאָלט פריהער יענע פאַר־זאָרגען!... (אַ שווערע שטילקייט, ביידע וויבער אָטעמען שווער. ביידע שטעהען זיך אַקעגען מיט בליצען אין די אויגען.)

ד ב ו ר ה (שרייט). גרונע! גאָט — גאָט וועט שטראָפען!

ג ר ו נ ע. נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז עהרליך. ער וועט עמיץ אנדערען שטראָפען! עמיץ אנדערען!

(אַ שטימע הינטער דער טיר: טריי־לאַ־לאַ טריי־לאַ־לאַ.)

ג ר ו נ ע. מיין פויגעל, מיין זיסער פויגעל! מיין זינגענ־דיגער!

ה ד ס (פאַלט אריין לוסטיג, עטוואָס פאַרדרעהט). טראַ־לאַ־לאַ! א, דבורה גבאי'טע... דבורה די זאָגערין, דבורה די טוקערין— כאַ־כאַ־כאַ!

ד ב ו ר ה (צוגעהענדיג צו הדס'ן). שטיל, דו חצופה, (פאַלט צוריק.) מען פיהלט ראַך פון דיר — בראָנפען פיהלט מען דאַך.

ג ר ו נ ע (רוקט זיך פאַרציטערט צו צום טיש. כאַפּט זיך אָן ביים טיש נישט צו פאַלען.)

ה ד ס. שקר! בראָנפען האָט דיין טאָכטער מיט איהר קבצנ'ישען יאָלד געטרונקען! דאָס האָלט זי ביי בראָנפען...

ד ב ו ר ה. שווייגסט, חצופה...

ה ד ס. ניין... זי טרינקט בראנפען!... א פּאַניע איז ער. א רובאשקע טראָגט ער... א האלז, ווי א קעלער! (לאַכט שטיל.)

ד ב ו ר ה. דער'הרג'נען געה איך זי. (בויגט זיך צום קוי־שעל, כאַפּט עס, פארשיט די „סחורה“, קלייבט צוזאַמען נערוועז.)

ג ר ו נ ע. נישט דאָס האָב איך געמיינט... נישט אזוי ווייט (מיט פאַרוואורף אַרויף.) נישט קיין רחמנות געהאט... געשטראָפט, און אזוי הארט, אזוי הארט...

ה ד ס (וואָס האָט איבער דער צייט געלאַכט אָהן אַ קול, גלייכ־גילטיג).

שאַמ — פּאַ — ני — ער!

פאָרהאַנג

אַמאָל איז געווען אַ מלך.

(קאָמעדיע.)

פּערזאָנען:

לייזער — אַ געוועזענער באַמיטעלטער קאָמיסיאָנער; יעצט אַ ווירט פון אַ שוסטער־ווארשטאַט פון צוויי—דריי מאַשינען. ערשט נישט לאַנג געקומען פון דער פּראָווינץ, עטוואָס גרויליך. תּנועות פון אַ מיוחס'דיגען בן־תורה.

טרײַנע — זיין ווייב, עטוואָס יונגער, וועלטישער, ליידענד.

חנה — זייער טאָכטער. אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעכצעהן—זיבעצעהן. עטוואָס פאַרצויגען, לייכטזיניג.

יוסל — אַן אַרבייטער, פון לייזערס שטאָדט.

גבֿריאל — אַ יונגערמאַן פון קלויז. ערשט־וואָס אַריינ־געצויגען אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. אין ערשטען אַקט נאָך לאַנג געקליידט.

אַרבייטער — אין לייזערס ווארשטאַט.

זאַקען־אַרבייטערין.

אַ שפּייז־קרעמערין.

אָרט און צייט: ביי לייזער אין ווארשטאַט, ווארשוי, 1905.

ערשטער אקט.

דער ווארשטאַט. — טירען: רעכטס — אין וואוין־צימער אַריין; לינקס — צום פאָרצימער. די טיר פון פאָדער־הויז איז פאַרזעהן מיט אַ גלאָק.
אַ הערבסט־טאָג; מיטאָג־שטונדע.

דער וואַרשטאַט — לער. גלאָק פון פאָרצימער.
(יוסל קומט אַריין.)

ל י י ז ע ר (באווייזט זיך אויף דער שוועל פון וואוין־צימער. נאָך אַ בליק צום וואַנטזייגער). דו, יוסל? באַלד, נאָר אָפּבענשען... גרייט דיך דערווייל צו. (ציהט זיך צוריק).

י ו ס ל (זעצט זיך צום ווארשטאַט, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויף די הענט).

ח נ ה (פון צימער, האַלב זינגענדיג).
אמאָל איז געווען א מלך,
(שוין אויף דער שוועל)
האָט ער געהאט א מלכה...

(אין צימער צו יוסל'ען). וואס איז (נעהנטער צוקומענדיג) אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען? (אַוועקנעמענדיג איהם די האַנט פון קאָפּ; מיטליידיג.) געהאט א שלעכטען בריף פון דער היים? — די מאַמע דאַרף געלט?

י ו ס ל (ברוגז'דיג). ניין...

ח נ ה. אַ סוד? — — איהר קאָנט מיר נישט זאָגען?

י ו ס ל. „איהר“?!

ח נ ה. אז — סודות...

י ו ס ל. וואו ווערט מען עס יעדען נאָכמיטאָג פּאַרפאַלען?

— — טאָג אויף טאָג אויף א פּאָר שעה...

ח נ ה (מיט אַ טרויעריגען שמייכעל). איך ש פּ א צ י ר...

י ו ס ל (נישט גלויביג). טאָג אויף טאָג?

ח נ ה (ווענדט זיך האַלב אָפּ). אז דער דאָקטאָר הייסט...

י ו ס ל (אויפשטעהענדיג). ביסט, חלילה, נישט געזונט?

ח נ ה. עה.

י ו ס ל (צוגעהענדיג). ס'א סוד? — — (אין איהר פריהערדיגען טאָן.) איהר קענט מיר נישט זאָגען?

ח נ ה (לאָזט אַראָפּ די ברעמען). כ'לערען מיך ארבייטען אויף א זאַקען־מאַשין — — (זעהר שטיל) ביי אונז איז נישט גוט... ס'גאנצע צירונג פארזעצט...

י ו ס ל. און דאָס איז א סוד? די שוואלבען אויפ'ן דאך זינגען דערפון...

ח נ ה. דער טאַטע וויל, ס'זאָל זיין בסוד. ס'קאָן שאטען צום רעשטעל קרעדיט... און ער שעמט זיך. ווייסט דאָך, ווער ער איז פון דער היים...

י ו ס ל (זיפצט אָפּ). א שעהן ביסעל געלט געברענגט און גע'פּטר'ט. (פּויזע).

ח נ ה (שעלמיש). און ס'א חסרון צו א שדוך אויך — — — זאָגט דער טאַטע...

י ו ס ל (גערייצט). און „א י ה ר" וואָס זאָגט — ?

ח נ ה. „איהר" — — כ'וויים? — — (געהט צום פאָרציי-מער, קערט זיך אום.) נאָר געדענקט, יוסל, ס'דאַרף קיינער נישט וויסען, ווי עס זעהט אויס ביי אונז... קנייפּ די באַק...

ל י י ז ע ר (קומט אויף דער שוועל, בלייבט פארדוצט).

ח נ ה. אדיעי!

י ו ס ל. כ'וועל באַגלייטען. — (בײדע ראַש אָפּ.)

ל י י ז ע ר (פון גלאָק געוועקט, רופט). טריינע, טריינע!

ט ר י י נ ע (באַווייזט זיך פון שטוב, ווישענדיג די נאַסע הענט אָן אַ שירץ). וואָס איז דאָ?

ל י י ז ע ר. ר'איז זי געגאנגען באַגלייטען!

ט ר י י נ ע. וועמען? —

ל י י ז ע ר. דיין טעכטערל.
ט ר י י נ ע. ווער?
ל י י ז ע ר. דער שלעפער!
ט ר י י נ ע (בארוהיגט). ד י י ן יוסל? —
ל י י ז ע ר. מיינער? — ביי מיר אין דער היים וואָלט ער מיר קיין שטיוועל נישט געפוצט...
ט ר י י נ ע. נו, נו. אסך ווערט דיין יחוס — ס'איז וואָר־שוי... געמעגט זיך צוגעוועהנען, (מיט אַ בליק איבער'ן לערען וואָרש־טאַט.) זעה נאָר בעסער, דיינע שפּייזער! וויפיעל איז שוין דער זייגער?
ל י י ז ע ר (נאָך אַ בליק צום זייגער). אז מען טאָר נישט רעדען א וואָרט... באלד וואָרפט מען דעם ג ט פאר די פיס — ביי שכנים ש ט ר י י ק ט מען שוין — —

(גלאָק.)

ט ר י י נ ע. רעד נישט אזוי הויך. — —
ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר (קומט אריין). גאָט העלף!
ל י י ז ע ר. וואָס אזוי שפּעט פון מיטאָג?
ט ר י י נ ע. ר'איז דאָך נאָך היינט נישט געווען! ווייסט נישט?
ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר. ס'קינד איז מיר אוועקגע־פאלען!
ט ר י י נ ע (מיטלייזזיג דערשראָקען). וואָס איז?
ל י י ז ע ר (נישט גלויביג). ס'קינד — —
ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר. כ'ווייס? דער חברה־דאָקטאָר זאָגט דען עפּעס? פאלט אריין... וואָרפט זיך... גיט א געשריי „צונג“! — כאַפּט דאָס פאַרצאַפּעלטע קינד ביי דער גרגרת — א טאַפּ ביים דפק, ס'קינד צורייסט זיך... און וויל שוין שרייבען... כלי כתיבה — זאָגט ער — חזיר'שע... (ענדערט דעם טאָן.) היץ האָט עס, — זיץ איך דערביי.
ל י י ז ע ר. און ס'ווייב?
ט ר י י נ ע. ר'איז דאָך לא עליכם, אן אלמן... אזוי — לאָזט ער עס ביי א שכנה...

ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר. כ'בין געקומען בעטען א פּאָר גראָשען — —

ט ר י י נ ע (זיך אָפּוּוענדענדיג צו לייזער'ן). געטראָפען ס'אָרט... גיה, כאַפּ ערגעץ! (צום אַרבייטער.) אָבער, חס־ושלום, קיין סכנה נישט?

(גלאָק.)

ח נ ה (אַריינפאַלענדיג). טאַטע, מאַמע, עפּעס א פּרעמדער יונגערמאַן שטעהט אויפ'ן הויף, סוד'עט זיך מיט די אַרבייטער, רעדט זיי עפּעס אַן.

(אומרוהיגע באַוועגונג.)

ל י י ז ע ר. און יוסל'ען, וואו האָסט דו איבערגעלאָזט?

ח נ ה (פאַרדריסליך). זיי האָבען איהם צוגערופען... (צו דער מוטער.) מאַמע, עפּעס אין א כאַלאַטעל, אַזוינע מאָוס'ע העויות, אַזוי קאַמיש — אָבער א קול האָט ער און — אויגען! — —

(גלאָק.)

עס קומען ג ב ר י א ל, הינטער איהם י ו ס ל און אַנדערע אַרבייטער.

ח נ ה (צופּט די מוטער ביי דער שירץ). זעהסט — דאָס איז ער!

ג ב ר י א ל (טרעט פאָר). גוט מאָרגען!

ל י י ז ע ר (מיט פאַרמאַסקירטער גלייכגילטיגקייט). גוט מאָרגען, גוט יאָהר. וואָס וויל א איך?...

ג ב ר י א ל. איהר זענט עס, בעל־הבית? איהר הייסט, דאַכט זיך, רב...

ח נ ה (אונטערזאָגענדיג). ר' לייזער...

ל י י ז ע ר. איך... איך...

ג ב ר י א ל. בין איך איך געקומען מודיע זיין, רב — — —...

ל י י ז ע ר. „רב לייזער"... אַז וואָס?

ג ב ר י א ל. אַז מען שטרייקט ביי איך!...

ט ר י י נ ע (פאלט אויפ׳ן בענקעל). נאך דאס האט גע־פעהלט!

ל י י ז ע ר. און — פאר — וואס — ?

ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר. מיין קינדם מזל!

ג ב ר י א ל. עס ווענדט זיך אבער אן אייך! ווילט איהר ארבייט, מוזט איהר געבען צוועלף פראצענט הוספה און אן אר־בייטס־טאג פון ניין שעה.

ל י י ז ע ר. איך ארבייט זעכצעהן, אכטצעהן, צוואנציג — ווי אמאל...

ט ר י י נ ע (גלייכצייטיג). הוספה!

ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר. פארפאלען מיין קינד!

גב ר י א ל. אזוי מוז זיין!

ל י י ז ע ר (קאלט מיט געמאכטער איראניע). אויף וועמעס באפעהל?

ג ב ר י א ל. צ. ק.!

(פויזע.)

ח נ ה (צו דער מוטער). הערסט א קול?

ל י י ז ע ר (דערשלאגען. נאכזאגענדיג). צוועלף פראצענט הוספה... ניין שעה ארבייט א טאג...

ג ב ר י א ל (הארט). און א שטונדע נאך אויף מיטאג!

ט ר י י נ ע (צו די ארבייטער). אבער איהר זייט דאך אי־דען... בני רחמנים... און איהר האט דאך שכל — — (געהט צו צו א טישעל, עפענט ביכער.) נאט, זעהט! באקוקט די חשבונות! צי בלייבט אונז גאר ברויט צו דער זעט...

ל י י ז ע ר (צו זיך). איך נעם מיר נישט קיין שעה אויף מיטאג...

נ ב ר י א ל (פארמאכט די ביכער). מען דארף נישט, (גע־בּיטעריש.) אזוי מוז זיין!

ל י י ז ע ר (מעכאניש נאכזאגענדיג). אזוי מוז זיין!

ע ר ש ט ע ר א ר ב י י ט ע ר. ניין און דרייסיג גראד היץ...

ט ר י י נ ע. אבער מען מוז דאך אונז אויך בארעכנען!

ליזער. עס געהט כסדר: פּאַגראָמען... באַנקראָטען... שטרייקען...

טריינע. אַבער וויפיעל דאַרף אונז בלייבען! ס'איז דאָך אונזער ריזיקע, אונזער סחורה.

גבריאל. ווער בעט אייך, אויף אונזער חשבון ריזיקירען? און — אייער סחורה? דאָס האָט איהר, אפּנים, אָפּגעשונדען אַן אַקס, מיט אייערע הענט...

טריינע (באַהאַלט ראש די הענט הינטער זיך.)

גבריאל (שמייכעלט). און איהר האָט געגאַרבט... צושניטען...

טריינע. אַבער אינסטרומענטען, מאַשינען... אַזויפיעל בלוט.

גבריאל (נעמט אַ העמערל פון טיש). האַלץ און אייזען... איהר האָט עס אויסגעגראָבען די הרודע און האָט געמאַכט אייזען און דאָס אייזען געשמידט? — הע? און אַ בוים אין וואַלד האָט איהר אויסגעהאַקט... און צוזעגט, צושניטען... און דאָס הענטעל נעמאַכט? איהר באַהאַלט שוין ווייטער די הענטלעך, מאַדאַם? (אויפשטעהענדיג.) אַבער, גענוג... דריי טעג צייט אויף אַ ישוב גיט מען אייך! — (זיך אומקוקענדיג.) וואָס איז היינט?

חנה (וואָס האָט פון איהם קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, כאַפּט זיך אַרויס). דינסטאג.

גבריאל (שטרייפט זי מיט אַ קורצען בליק). היינט ווערט נישט גערעכענט; איז: מיטוואָך, דאָנערשטאג, פרייטאג... נו (ווענדט זיך צו טריינען.) זונטאג אין דער פריה קומט מען צו אייך נאָך תשובה —

ערשטער ארבייטער (כאַפּט אַן גבריאל'ן ביי דער האַנט). אַבער מיין קינד...

גבריאל (זעהר ווייך). כ'האָב אייך אַ ווייב און קינד, חבר! (צו די אַרבייטער.) קומט!

טריינע (צו זיך געקומען). אַבער ווי האָט מען עס קיין פונק רחמנות נישט!

גבריאל (זיך אָפּשטעלענדיג האַרט). אין רחמים בדין...

ס'אַ מלחמה, מאַדאַם! דער פּראָלעטאַריאַט מיט'ן קאַפּיטאַל! קומט, חברים!

ט ר י י נ ע (פאַרשטעלענדיג דעם וועג). אָבער געדענקט אָן גאָט...

צ ו ו י י ט ע ר אַ ר ב י י ט ע ר (אָן אַ זייט). כאַ־כאַ־כאַ, פון גאָט רעדט זי גאָר...

ט ר י י נ ע. אָבער וואָס זאָלען מ י ר טון?

ל י י ז ע ר. קאָנסט נעהען? נעה אונז אויף טאָרבעס...

ט ר י י נ ע (צו לייזער'ן). משוגע? (צו גבריאל'ן.) אָבער מיר זענען דאָך אויך לעבעדיגע מענשען... מיר דאַרפען דאָך אויך לעבען?!

ג ב ר י א ל. אויף פרעמדע חשבונות טאָר מען נישט לע־בען... איבעריגע זייט איהר! (צו די אַרבייטער.) מאַרש!

(אַ ר ב י י ט ע ר אָפּ; דער ערשטער צעגערענד; י ו ס ל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ.)

ל י י ז ע ר (פאַלט אויפ'ן בענקעל; פּויזע. וויינענדיג). גע־הערט, טריינע? איבעריגע מענשען זענען מיר!

(פאָרהאַנג.)

צווייטער אקט.

די סצענע פון ערשטען אַקט. אינגאַנצען איין נעה־מאַשין.
ווענינ סחורה. אַ ווינטער־טאָג.

טרײנע (אַרבייט אַליין ביי דער נעה־מאַשין. עס געהט איהר שווער צו, זיפצענדיג, אומבאוואוסט). אמאָל איז געווען אַ מלך... (כאַפּט זיך.) משוגע געוואָרען... (זי ווארעמט זיך די הענט איינע אין דער צווייטער.)

(גלאָק.)

די שפּײז־קרעמערין (אַריינקומענדיג, פינסטער־ליך). גוט מאָרגען...

טרײנע (אומרוהיג). גוט מאָרגען, גוט יאָהר — זעצט אייך.

די שפּײז־קרעמערין. שטעהענדיג קאָן איך אויך אָפּנעמען אַ חוב.

טרײנע (אַפּגעפאַלען). כ'האָב נישט... (שפּאַרט אָן זהעם קאָפּ אויף די הענט.)

די שפּײז־קרעמערין. די אויערינגלעך באַהאַלט איהר? —

טרײנע (לאָזט אַראָפּ די הענט). די אויערען האָב איך מיר געוואָרעמט... ס'איז קאַלט...

די שפּײז־קרעמערין. איהר האָט מיר נישט וואָס פאַראיבעל צו האָבען...

טרײנע. חס־ושלום. פאַרקערט...

די שפּײז־קרעמערין. נו, אַ גוטען טאָג... איהר

דארפט עפּעס ? — — כ'וועל אייך שיקען ! וואָס מאכען אייערע פּים ?...

ט ר י י נ ע (פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים). נו, נו, גאָט איז אַ פאָטער. —

(גלאָק.)

ט ר י י נ ע (ווישט זיך ראַש די טרערען אויס ; נעמט זיך האַס־טיג צו דער אַרבייט.)

ל י י ז ע ר (קומט אַריין ; זעצט זיך מיד.)

ט ר י י נ ע. דעם גלאָק וואָלט מען באַדאַרפט אראָפּוּעמען—

ל י י ז ע ר. חברה־לייט דרעהען זיך ארום... היטען, טאַמער קומט עמיץ אַרבייטען... און אויגען האָט עם — — — —

ט ר י י נ ע. אויסגעהונגערטע — — זיי איז נישט בע־סער — —

ל י י ז ע ר (אויפגערעגט). האָב נאָך רחמנות ! אַראָפּגע־וואַרפען דעם עול פון גאָט, פון מלכות — מאכען חרוב א וועלט—

ט ר י י נ ע. גבריאל איז דאָ געווען — —

ל י י ז ע ר (דערשראָקען). וואָס האָט ער געוואָלט ? — —

ט ר י י נ ע. כ'ווייס נישט... גערעדט... איבערגעבעטען... ר'האָט רחמנות. נאָר מען מ ו ז, זאָגט ער. אַלץ מוז מען אַנ־דערש מאַכען, אַלע מוזען זיין זאַט —

ל י י ז ע ר. זיי, זיי וועלען א י ב ע ר מ א כ ע ן, — עם הארצים, שקצים —

ט ר י י נ ע. געפרעגט אויף חנה'ן...

ל י י ז ע ר. ער ? — —

ט ר י י נ ע. ס'איז אויף איהר א רחמנות, זאָגט ער...

(נאָכטראַכטענדיגע פּויזע.)

ל י י ז ע ר. געווען אויף דער אסיפה — —

ט ר י י נ ע (אומרוהיג). ווענען לאָקויט ?

ל י י ז ע ר. דער ראש וראשון — עוזר'ל — —

ט ר י י נ ע. אונזער געוועזענער שותף ?

ל י י ז ע ר. דער גנב ! —

ט ר י י נ ע. בדלות האָט ער אונז געשטעלט...

ל י י ז ע ר. נאָך אין טיר, גיט ער מיך אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז פיס... אַ בעטלער צו מיר אין שטוב אריינגעקומען, היינט געפעלט'ם נישט מיין „הולך“...

ט ר י י נ ע (נאָך לאַנגען אָפּוואַרטען). נו? —

ל י י ז ע ר. „צי כ'האָב הונדערט רובל איינצולעגען“ — אוועקגעגאַנגען...

ט ר י י נ ע (נאָך פּויזע). גלייכער — —

(פּויזע, לייזער באַטראַכט זי פאַרדעכטיגט.)

ט ר י י נ ע. ווייסט וואָס, — ס'אפילו נישט גלייך... נאָר אז מע'מוז...

ל י י ז ע ר. וואָס?

ט ר י י נ ע. פאַרזעצען חנה'ם פּאַליסע...

ל י י ז ע ר. שוין צעהן חדשים נישט געצאָהלט... אָפּגע־פאַלען.

(פּויזע.)

ט ר י י נ ע. די שפּייז־קרעמערין איז דאָ געווען...

ל י י ז ע ר. כ'האָב זי געטראָפען אין פעדער־הויז... יאָ, כ'האָב גאָר פארגעסען... אַ העזה! כ'זאָל מיט איהר צוריקגעהן אין קרעמעל אריין, וועט זי מיר מיטגעבען אַ זעקעלע מעהל — (געריי‍צט) קראַנק אַפּצוטראָגען! ? — צייטען!

(פּיינליכע פּויזע.)

ט ר י י נ ע. מען וועט מוזען פארדינגען די צווייטע שטוב — יוסעל וויל זי נעמען —

ל י י ז ע ר. משוגע ביסטו?

(גלאָק.)

ט ר י י נ ע. חנה'ס קלונג — געגאַנגען נאָך דער נעה־מאשין.

(הערען זיך איין. חנה קומט אריין אָהן עפּעס.)

ל י י ז ע ר. וואו איז די מאשין? —

ח נ ה. געטראָפען זיך מיט יוסל'ען — — (טראַציג.) יוסל

וויל נישט, כ'זאָל ארבייטען... א שאָד מיינע פינגער, זאָגט ער... הענטלעך, ווי א בת־מלכה, זאָגט ער...

לייזער. חנה!

חנה. טאַמער וואָלסטו שוין, טאַטע, אוועקגעלעגט דיין פוסטען יחוס? — — (צו דער מוטער.) ער וועט, זאָגט ער, אר־בייטען פאר זיך, פאר מיר, פאר אייך — ער קומט באלד!

(לייזער אָטעמט שווער פאר אומקרעפטיגען צאָרן.)

טריינע. מען וועט'ם דען לאָזען?

חנה. ר'האָט א פאָרטעל, זאָגט ער —

לייזער. נישט ביי מיר! נישט ביי מיר!

חנה. גנה איך אוועק פון דער היים!

טריינע. לייזער!

לייזער. א וועלט! אהז אן עול פון גאָט, פון מלכות — פון טאַטע־מאַמע — הא! אפשר וועט זיך די וועלט אליין פיהרען... כ'וויים? (וואַקעלט זיך אַוועק אין צווייטען צימער אריין.)

טריינע (צו חנה'ן). קינד, נישט מיט אמאָל!

חנה. אז די גערולד פּלאַצט — —

(טריינע אַרבייט.)

חנה (געהט איבער דער שטוב, ברומענדיג).
אמאָל איז געווען...
האָט ער געהאַט א מלכה —
האָט די מלכה נישט געהאַט וואָס צו עסען, האָט ער איהר א טשאַסטע געקויפט — (נעמט אַרויס אַ טשאַסטע, וויל איינבייסען.) מאַמע, ווילסט א שטיקעל?...

טריינע. ניין, טאָכטער... עס געזונטערהייט... מיין מאָגען פארדייהט נישט אזוינס — (אַרבייט שנעלער.)

חנה (נאָכ'ן אויפעסען). ביסט שוין לאַנג נישט געווען ביים דאָקטאָר, מאַמע? — —

(גלאָק. לייזער באַווייזט זיך אויף דער שוועל, ציהט זיך ראָש און אומבאַמערקט צוריק, דערזעהענדיג יוסל'ען.)

יוסל (אַריינקומענדיג). גוט מאָרגען, טריינע —

ט ר י י נ ע. גוט יאָהר...

(חנה ווינקט איהם צו מוט.)

י ו ס ל. איז דאָס פאַר א י י ד, טריינע? פאַר אייער ג ע ז ו נ ט? —

ט ר י י נ ע. ו ו אָ ס זאָל מען טון... ל י י ז ע ר'ן זעצען צו דער ארבייט?

(פויזע.)

י ו ס ל. חנה זאָגט, איהר ווילט פאַרדינגען די שטוב. —

ט ר י י נ ע. מען וועט מוזען —

י ו ס ל. גיט זי מ י ר —

(טריינע ווייזט שטום מיט דער האַנט צו דער שטוב, וואו דער מאַן איז.)

ח נ ה. זעה, מאמע, ס'זאָל זיין אן עק... גענוג געהונגערט... אז יוסל זאָגט, אז ער וועט קאָנען ארבייטען... אז ר'האָט א פאַר־טעל...

ט ר י י נ ע (זיפצט אָפּ). כ'וועל איבעררעדען!

(געהט אין צווייטען צימער אריין.)

י ו ס ל. חנה'לע...

ח נ ה. וואָס?

י ו ס ל (זעצט זיך צו צו איהר). ס'האַרץ זאָגט מיר, ס'ו ו ע ט ג ו ט ז י י ן... ס'מוז גוט זיין... דו וועסט ביי מיר די האַנט אין קאַלט וואסער אריין נישט טון... ווי אַן אייזעל וועל איך ארבייטען... וועלען מיר צוזאַמען עסען... נאָכ'ן עסען לאַנג, לאַנג צוזאַמען זיצען... האַלטען זיך ביי די הענט... אזוי — (טוט עס.) ווייטער קאַלטע הענט?...

ח נ ה (הויבט אויף צו איהם די אויגען). כ'וויים?... (מיט טרערען.) איך האָב דאָך דיר געזאָגט, כ'קאָן נישט...

י ו ס ל. נו... נו... ס'וועט גוט זיין! וועסט זעהן... וועסט מיך שוין ליעב האָבען! וועסט! איך וועל דיר זיין א ז ו י גע־טריי... אין דער פריה... פאַרטאָג נאָך... וועל איך אויפשטעהן...

שטיל, אויף די נעגעל, כ׳זאָל מיין חנה׳לע נישט וועקען... כ׳וועל איהר אָפּפּוצען די שיך, די קליידער, מאַכען טיי, ברענגען געבעקס — משאַסטעס... דערנאָך — אַז אַלץ וועט זיין פאַרטיג, וועל איך צוגעהן אויף די נעגעל צום בעט — און... (וויל זי קושען. חנה בויגט זיך אָפּ.)

טריינע (באַווייזט זיך אויף דער שוועל. גלייך זי האָט גאָר־נישט באַמערקט; פינסטער). קענסט׳ך אריינציהען!

יוסל (שטאַמעלט דערפרעהט). און... און...

טריינע. מיט דער צייט... דערוויל זאָגט ער, אַז אַהן גאָט און אַהן מלכות, איז אַהן אַ טאַטען — —

חנה. מאַלע וואָס ער רעדט!

(טריינע זעצט זיך צו דער מאַשין.)

יוסל. נו, זאָגט מיר מזל־טוב, טריינע...

טריינע (נאָך פויזע). זאָל אייך זיין מיט מזל...

יוסל. און דו חנה? מזל־טוב אונז, וואָס? — — — ווי דאָס שמייכעלט... וואָס פאַר אַ פלעמלעך אין די אויגאַנעס! הער! מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב אונז, קום, כלה, טאַנצען. (ציהט זי אין מיט שטוב אריין, וויל זי דוקא נעמען טאַנצען.)

לייזער (קומט אַריין). טאַנצט, טאַנצט! אויף אַ הפקר־וועלט טאַנצט מען; יאָ צייט, נישט צייט — —

יוסל (אָפּלאָזענדיג חנה׳ן). ר׳ לייזער!

טריינע. לייזער!

חנה. דער טאַטע וויל פריהער אוראי תנאים — (לאַכט — דאָס לאַכען בלייבט אָהן אָפּקלאַנג.)

יוסל (ערנסט). נו, נישט קיין צייט צו פאַרלירען... מחותנת׳טע אוועק! דאָס איז מיין אָרט!

טריינע (אויפשטעהענדיג). מען וועט דיך דען לאָזען?

יוסל. ווי הייסט, כ׳בין דאָך אַן איידעם! כ׳אַרבייט דאָך אויף מיר... (אַרבייט אַ ווײַלע.) זאָגט נאָר יאָ, ר׳ לייזער! זאָגט — יאָ — איך וויל אייער ברכה...

לייזער. זאָל זיין יאָ!

(יוסל אַרבייט ראַשער.)

ט ר י י נ ע. געבענשטע הענט!

י ו ס ל. ר׳ לייזער, שבת בשבת וועל איך געהן מיט אייך אין שולכעל, לערנען תורה!

ח נ ה. אדער — מיט מיר שפאצירען.

(גלאָק.)

ג ב ר י א ל (קורץ געקליידעט, אַריינפאַלענדיג מיט אַ ברוינינג). שטרייק־ברעכער!

(ראַש. פאָרהאַנג.)

(עס הערט זיך אַ שאָס.)

דריטער אקט.

(דיזעלבע ווארשטאט־שטוב. יאַך אָפּגעקומענער. אויפ'ן אָרט פון אַ נעה־מאַשין — אַ זאַקען־מאַשין. אַ קינד אין וויגעל.)

(חנה אַרבייט ביי דער מאַשין; יוסל ליגט אין בעט מיט אַ באַנ־דאַזשירטען פוס.

ל י י ז ע ר (וואָס האָט אָפּגעדאַווענט, לעגט צוזאַמען טלית ותּפילין, פרעגענדיג חנה'ן מיט'ן בליק, צי זי האָט נישט עפּעס אין מויל אַריינצונעמען — נישט באַקומענדיג קיין ענטפער, רעזיגנירט). כ'וועל געהן צו דער מאַמען אין שפּיטאַל אריין!

ח נ ה. אדרבא...

ל י י ז ע ר (נאָך אַ פּויזע). האָסט גאַרנישט איבערצובייסען?

ח נ ה. דערווייל נישט... כ'וועל ענדיגען... אזוי אקעגען פאַר־נאַכט... דאַס צוועלפטע טוץ... וועל'ך אפשר קריגען געלט... ברענג ד ו עפּעס... פון גאַס!...

ל י י ז ע ר. פון גאַס?...

ח נ ה. כ'וויים? באַרג... בעטעל אוים... גנב'ע... אז ע ר ליגט איבעראַנאַנד!...

ל י י ז ע ר (אָפּ, צוזאַמענגעשרומפּען).

ח נ ה. ע—הע! אמת, יוסל? ! „כ'וועל דיך נישט לאַזען אַר־בייטען... נישט פאַר דיינע הענטלעך", ציו־ציו־ציו — יעדעס פינ־גערל... פּריצ'ישע פינגערלעך... פּריצ'ישע הענטעלעך... און נישט איינגעבויגען זאָלסט דו זיצען... איך וועל אַרבייטען... בת־מלכה... וועסט זיין מיין מלכה... ווי אַן עזעל וועל איך אַרבייטען... פון אַלעם גוטען וועל איך דיר אַהיים ברענגען. —

יוסל (פינסטער). ס'קינד וויינט...

חנה. אויף דיר וויינט עס... כ'האָב איהם דען וואָס צו געבען!

יוסל. רוק צו ס'וויגעל צו מיר!

חנה (בויגט זיך מיט דער ברוסט איבער'ן וויגעל). צאָפּ, צאָפּ, אז ס'איז נישטאָ! (לויפט צו צו דעם שראַנק, געפינט אַ שטיקעל ברויט, צוקייט עס, לעגט עס אַריין אין אַ שמאַטקעלע, שטופּט דעם קינד אין מויל אַריין.) נאַג, נאַג, בן מלך! א מחיה! א מחיה! — (צו יוסלען) נאַ, אז דו ווילסט! (רוקט איהם צו די וויג. געהט צוריק צו דער אַרבייט.)

יוסל (ריהרענדיג דאָס וויגעל, זינגט זעהר טרויעריג).

אונטער יענקעלס וויגעלע,
שטעהט א גילדען ציגעלע; —
ס'ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ראָזשינקעס מיט פייגען...

(זאָקען־אַרבייטערינס קומען האַסטיג אַריין.)

ערשטע. גבריאל האָט אונז געהייסען אַהער געהן... ער וועט קומען מיט עפּעס נייעס...

יוסל. מיין מלאך־המות — צו מיר אין שטוב אַריין!

ערשטע. ער האָט געטאָן זיין שליחות! צ. ק.!

צווייטע. און ר'האָט אייך גענוג געשאַנעוועט; גע־קאַנט — אין האַרץ אַריין!

דריטע. אודאי, ווי דען!

יוסל (ביטער). כ'בין דאָך שוין חתן — שותף געוואָרען—

פיערטע. געדאַרפט פריהער אַנזאָגען.

ערשטע. נעמען ערלויבניש...

(ס'קינד צוואווייגט זיך; אַרבייטערינס לויפען צו צום וויגעל).

ערשטע. אוי, אזא שעהן קינד!

צווייטע. אַ גאָלדען קינד — נאָר אזוי בלייך...

דריטע. ווי עס ציהט מיט די ליפּעלעך!..!

ע ר ש ט ע. ווי די בעקעלעך בלאָזען זיך אָן און פאַלען אָפּ...
(צו חנה׳ן.) איהר זוינגט עס נישט?

ח נ ה (אַרבייטענדיג). כ׳האָב נישט...

ע ר ש ט ע. איהר האָט נישט א פלעשעלע?

ח נ ה. נישטאָ קיין מילך —

ד י א ר ב י י ט ע ר י נ ס (קוקען זיך איבער, וואַרפען צו־זאַמען אַ פּאָר גראָשען; צו חנה׳ן). ס׳וועט אייך נישט פאַרדריסען?

ח נ ה. דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען בעטלען... אפשר גנב׳ענען...

(ערשטע אָפּ מיט׳ן געלט.)

צ ו ו י י ט ע. אמאָל אַזאַ עושר געווען...

ד ר י ט ע. און א בעל־צדקה...

פ י ע ר ט ע. נו, נו, צדקה, א פלאַסטער אויף א הילצערנעם פוס...

(פויזע.)

צ ו ו י י ט ע. ר׳האָט אונז באַשטעלט אויף עלף, אצינד איז דריי אזייגער... מיר האָבען געמיינט, אז מיר האָבען זיך פאַרשפּעטיגט — (צו חנה׳ן) נישט געווען דאָ גבריאל?

ח נ ה (אַרבייטענדיג). ניין...

ג ב ר י א ל (קומט אַריין). גוט מאָרגען... גוט מאָרגען, יוסל! — ענטפערסט נישט? איז נישט! איך בין דיר קיין שונא נישט... גוט מאָרגען, חנה... (צום עולם) זייט נישט בייז, וואָס כ׳האָב מיך פאַרשפּעטיגט, (מיט גאַליגען הומאָר.) דער רב האָט מיך פאַרהאַלטען —

א ר ב י י ט ע ר י ן. דער רב?

ג ב ר י א ל. מיט צוויי דינים.

א ר ב י י ט ע ר י ן. רב—דינים?

ג ב ר י א ל. און א סופר!

א ל ע. א סופר?

ג ב ר י א ל. כ׳האָב גע׳גט ס׳ווייב —

ח נ ה (שפּרינגט אויף). וואָס?

א ר ב י י ט ע ר י ן. גע׳גט?

ח נ ה (געהט לאנגזאם נעהנטער צו).

ג ב ר י א ל. אייגענטליך האט זי מ י ך גע'גט. זייט כ'האב מיך איבערגעקליידט, האט זי אויף מיר אן אומ'חן געוואר־פען... האט זיך אנגעהויבען א לעבען!... אצינד, אדער איך — זאגט זי — אדער צ. ק. ... וועסט פארפאלען ווערען, זאגט זי, ער־געץ אין א קאזאמאט, אויף קאטארגע. קיין עגונה בלייבען וויל זי נישט!...

ח נ ה. זענט איהר פריי?

ע ר ש ט ע. און די קינדער?

ג ב ר י א ל. האב איך געזאלט נעמען נאכ'ן גט. כ'קום אהיים — כ'האב מיך פארשפעטיגט, געמוזט ארייננעהן אין צ. ק. — א לעדיגע שטוב... ז'האט ארויסגע'גנב'עט די קינדער... אמת, מיט די עטליכע, אומשטיינס געזאגט, כלים... (פויזע.) גלייכער! — ז'האט עלטערען בורזשויעס... בייטעל־מאכערס... זאלען זיי שפיי־זען!

ע ר ש ט ע. עס טוט דיר גארנישט וועה?... נישט באנג?

(חנה הויבט די אויגען אויף, ווארט אומרוהיג אויף ענטפער.)

ג ב ר י א ל. כ'וויים? ווער האט צייט דערצו? — מלחמה. (באמערקט חנה'ס אויגען.) דאכט זיך — ניין! נו, עולם, אצינד צו דער זאך...

(ארבייטערינס רינגלען איהם ארום.)

ג ב ר י א ל. איהר אלע — שטרייקט!

(איינדרוק; נישט ווילענדיג טרעטען אלע עטוואס צוריק.)

א י י נ ע. ווי הייסט?

ג ב ר י א ל. נישט מעהר ארבייטען אויפ'ן שטיק! נישט אפרעכענען קיין פחת! פרויען־ארבייט ווערט באלוינט גלייך מיט מענער־ארבייט! —

א ל ע. בראוואָ! בראוואָ! הורא!

ג ב ר י א ל. אזוי הייסט צ. ק.!

א ל ע. עס זאל געשעהען!

ג ב ר י א ל. און אצינד, שוועסטער, פראלעטאריאט־שוועס־

טער, אין גאַס אריין! עס וועט זיין א דעמאָנסטראַציע! א גראַנ־דיעזע דעמאָנסטראַציע... אַלע פאַרטייען מיט די פעהנער איבער די גאַסען! זאָלען די בורזשויען זעהן און ציטערען! די מחנה זאָ־לען זיי זעהן; די מחנה, וואָס געהט אויף זיי! אויף זייער וועלט, אויף זייער שענדליכער, פאַרזינדיגטער, פאַרבלוטיגטער וועלט!

י ו ס ל. געהט... געהט... קאַזאַקען וועלען אייך אריינשמיי־סען שכל אין די לייבער אריין... מיט די בלייערלעך...

ג ב ר י א ל. שטרייק־ברעכער! (צו די אַרבייטערינס.) ווער ס'האָט מורא פאַר'ן טויט — ווען ס'לעבען איז טייערער פאַר'ן פּראָלעטאַרישען זיג, ווער עס וויל לעבען בלייבען אין שמאד, אין אונטערדריקונג, ווער עס וויל לעבען, ווי א וואָרעם אין מיסט, נאָ־גענדיג ביינער, וואָס בורזשויעס וואַרפען צו — —

א ר ב י י ט ע ר י נ ס. מיר געהען! מיר געהען!

ג ב ר י א ל (דערמאָנט זיך). יאָ... און א פאָהן...

ח נ ה. וואַרט! (כאַפּענדיג דעם מאַנס שטאָק.) ער וועט סיי־ווי־סיי וויגען ס'קינד! (רייסט איהם אַראָפּ די רויטע שאַל פון די פּיס.) אויפ'ן וועג צובינדען...

(אַלע אויסער יוסלען אַפּ.)

י ו ס ל. אמאָל איז געווען א מלך,
האט ער געהאט א מלכה —
האָבען זיי געהאט א ווייגאַרטען,
האָט געוואַקסען דאָרט א רויז! — —

(צוואווינט זיך. פאָרהאַנג.)

אביסעל נאַטור־געשיכטע.

(א סצענע).

פערזאנען:
לעהרער און שילער.

לעהרער (אינמיטען פאַרטראַג). אלזא, לעבט דער מויל־וואַרף אונטער דער ערד. זיינע נאָהנטע קרובים, ווי מיר האָבען געזעהן, לעבען אויף דער ערד, אָטעמען פראַנק און פריי אין דער לופט. ער לעבט זיין געוועהנליך לעבען אין דער ערד. טייל־מאָל, — טרעפט זיך עס אמאָל זומערצייט ביינאַכט, — פארבענקט ער זיך צום פרייען לעבען אויף דער ערד, און ער קומט ארויס שפּאַצירען. בייטאָג ווען די זון שיינט, טוט ער עס נישט. עס זעהט אבער אויס, אז אפילו דאָס שוואַכע ליכט פון לבנה און שטערען ביינאַכט שמעקט איהם שוין אויך נישט גוט, וואָרים זיין שפּאַציר אויף דער ערד דויערט נישט לאַנג, און אפשר האָט ער אויף דער ערד שונאים אסך און ער אנטלויפט פאַר זיי, און באַהאַלט זיך צוריק אין דער פינסטערניש...

שילער. וואו, אייגענטליך, געפינט ער זיך?

לעהרער. ביי אונז — אומעטום. ער באַוואוינט לאַנ־קעס, פעלדער, וועלדער, נאַטירליך — נישט פון אויבען. אויבען לעבען אנדערע. ער לעבט אונטער די לאַנקעס, אונטער די פעלדער און וועלדער... פאַר א נויט, אז ער באַגעגענט אונטער דער ערד א וואַסער, און אפילו אויף דער ערד, אז ער לאָזט זיך ארויס אין א זומער־נאַכט שפּאַצירען — שווימט ער. אז מען דאַרף, קאָן ער שווימען אויך... פון אויסזעהן איז ער גאָר „קיין מעשה נישט“ — אַהן א האַלז, קיילעכדיג־לענגליך; גרויסע, ברייטע פיס צום גראָבען אין דער ערד. טראָגען טראָגט ער זיך פיין:

א קורץ־העריג זיידען פעלצעל, א נאז האט ער אויך א פיינע: דער־פיהלט אלץ פון דערווייטען, אויך א גוט אויער: הערט, וואס ארום טוט זיך. און א ק י נ ס ט ל ע ר איז ער: גראבט אויסטערליש פיינע קאנאלען אונטער דער ערד; א וואוינונג און א פעסטונג צו־זאמען! דערפאר האט ער זעהר שעהנע אויגען. שווארצע, ברענענ־דיגע, נאר קליינע ווי מאן־קערנדלעך. און ער קאן זיי שטענדיג אריינציהען צוריק אזוי, אז זיי ווערען איינגאנצען פארשוואונדען אין דעם פיין בעל־בתי'שען פעלצעל. א צייט לאנג האט מען דער־ריבער געמיינט, אז ער האט גאר קיין אויגען נישט! אז ער זעהט נישט; עס האט זיך אבער אויסגעוויזען, אז דאס איז פאלש... אז ער באהאלט נאר די אויגען, ווייל כל־זמן ער לעבט אונטער דער ערד, קאן ער זיי נישט באנוצען... אונטער דער ערד איז נאטירליך פינס־טער... און אפשר לאזט ער זיך דעריבער אפטמאל ארוים אויף א שפאציר איבער דער ערד, ער זאל קאנען כאטש אויף א וויילע די אויגען באנוצען! אניט וואלט ער זיי איינגאנצען פארלוירען!

ש י ל ע ר. ווי אזוי?

ל ע ה ר ע ר. עס איז שוין אזא געזעץ אין דער נאטור! דאס געזעץ זאגט: אלץ, וואס נוצט נישט, וואס ארבייט נישט, געהט פארלוירען, ווערט פארניכטעט; אלץ וואס לעבט, מוז אר־בייטען, און אויב עס ארבייט, ווערט עס געשפייזט. די ווארעמע חיות מיט רויטען בלוט (און צו זיי געהערט דער מוילווארף אויך) האבען א הארץ, וואס שפייזט אלע גלידער מיט בלוט, עס שלאגט אריין דאס בלוט אין אלע ווינקעלעך, אין אלע קעמערלעך פון גוף און דערנעהרט זיי דערמיט. אז מען וויל, צום ביישפיל, פריי ווערען פון א ווארצעל אויפ'ן לייב, בינדט מען איהם שטארק ארום מיט א דינעם זיידענעם פאדעם; אויף אזא אופן האקט מען איהם איבער דעם צופלוס פון בלוט, ווערט ער נישט געשפייזט, קאן ער נישט לעבען. אויסגעהונגערט, ווערט ער איינגעשרומפען, אויס־געדארט, שטארבט ער און פאלט אראפ, ווי א געשטארבען בלאט פון בוים. דאס הארץ זאגט טאקי: „כאכילתכם כך עבודתכם"! דאס הייסט: אזוי ווי איהר עסט, אזוי מוזט איהר ארבייטען! און, ווירקליך, א גליד, וואס ארבייט נישט — פארגעהט. עס טרעפט, אז מען מוז א קראנקען פארבינדען א פארוואונדעטע האנט, אדער א פוס, זיי זאלען זיך רוהיג אויסהיילען. די פאר־

בונדענע האַנט אָדער דער פוס אַרבייטען נישט און באַוועגען זיך נישט אַ צייט. און דערנאָך, אַז מען נעמט אַראָפּ די בינדע, זעהט מען זיי אויסגעדאַרט, פיעל מאָגערער, ווי די צווייטע האַנט אָדער דער צווייטער פוס...

ש י ל ע ר. און ביים מח?

ל ע ה ר ע ר. ביים מאַרך איז אויך דאָסזעלבע. מענשען, וואָס מען האַלט לאַנג פאַרשפּאַרט אַליין אין דער פינסטער, פאַר־לירען דעם מענשליכען פאַרשטאַנד, די פעהיגקייט צו דענקען... דאָסזעלבע איז אויך מיט אויגען. מאַסען באַשעפענישען, וואָס לעבען שוין לאַנג אין דער פינסטער אונטער דער ערד, האָבען שוין גאָר קיין צייכען פון אויגען נישט... די אָבער האָבען שוין געמוזט גאָר אינגאַנצען אָן ליכט פאַרגעסען. עס חלומ'ט זיי שוין נישט פון ליכט; זיי בענקען שוין נישט דערצו...

ש י ל ע ר. און די, וואָס פאַרגעסען נישט און בענקען?

ל ע ה ר ע ר. די טוען זיך אָן עצה. דער מוילוואָרף כאַפּט זיך פון צייט צו צייט אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין... די זון וואָלט איהם שוין וועה געטאָן, באַגניגט ער זיך מיט לבנה און שטערען... אַנדערע — — —

ש י ל ע ר. וואָס טוען אַנדערע?

ל ע ה ר ע ר. טיף אין וואַסער איז אויך פינסטער. דורך די ערשטע עטליכע קלאַפטער זעהט זיך נאָך אַ גרינליכער שיין, אַ ציטערינגער, צוואַוואַרפענער, וואָס טיפער איז אַלץ פינסטערער און פינסטערער. און די ימים זענען טיף, זעהר טיף. אין דעם דייטשען ים האָט מען געפונען טיפע ערטער ביז פינף הונדערט מע־טער, אין מיטעללענדישען ים — ביז פיער טויזענט צוויי הונ־דערט מעטער, אין אַטלאַנטישען אָקעאַן האָט מען אויסגעמאָסטען טיפענישען ביז זיבען טויזענט, און אין שטילען אָקעאַן—ביז אכט טויזענט און דרייצעהן מעטער... מען זאָל אהין אריינלאָזען אַ הי־מאַלאַאישען באַרג, וואָלט ער קוים אַרויסגעשטאַרט מיט'ן שפּיץ... ווי פינסטער מוז דאָרט זיין אויפ'ן גרונט! און דאָך לעבען דאָרט פאַרשידענע אומגעהויערע באַשעפענישען, ווי צום ביישפּיל, דער פּאַפּוגיי־פיש, און זיי זעהען!

ש י ל ע ר. ווי אַזוי?

ל ע ה ר ע ר. זיי שאַפען זיך זייער א י י ג ע ן ליכט.

ווי אזוי לייכט א גליה־וואָרעם אין דער פינסטער? ער גיט פון זיך אַרוים ליכט, און יענע פיש האָבען אַזוינע אויגען, וואָס שטראַלען פון זיך ליכט אַרוים, און זעהען ביים אייגענעם ליכט...

ש י ל ע ר. אַלע?

ל ע ה ר ע ר. ניין! פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבען אַז ליכט פאַרגעסען און די האָבען די אויגען פאַרלוירען!... כדי צו באַשאַפען זיך אייגען ליכט, מוז מען בענקען נאָך ליכט! —

עולם הבא.

(א סצענע).

שפעטליכער אָוונט. אין דערמיט שטוב א געדעקט טישעל צו דער וועטשערע. רעכטס אַן אויסגעלאָשענער קוימען. לינקס צוויי בעטען. פון פאָרענט, אין דער טיף ביי די פענסטער, א וואַרשטאַט מיט כלים פון א טאָקער. א טונקעל ברענענדיגער לאָמפּ איבער'ן טיש.

פ ע ר ז א נ ע ן :

ג ב ר י א ל און ס ע ר ע ל — אַ יונג פּאָר־פאָלק.

ס ע ר ע ל (זיצט ביים טיש און דרימעלט, אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויף די הענט. וועקט זיך, הערענדיג גבריאל'ס טריט.)

ג ב ר י א ל (קומט אריין). גוטען אָוונט!

ס ע ר ע ל. אַזוי שפּעט! (געגנעצט.) וואָס האָסט דו דיך אַזוי פאַרזוימט? (ציהט זיך אויס.) די וועטשערע שטעהט שוין אונטער'ן קישען. (געגנעצט.) וואש דיך.

ג ב ר י א ל (אויף־און־אָפּ געהענדיג). עט, סערעל, יאָ וועטשערע, בישט וועטשערע! נו, א תכלית!

ס ע ר ע ל (וואָס האָט געוואָלט צוגעהן נעמען פון אונטער'ן קישען די וועטשערע, שטעלט זיך אָפּ פאַרוואונדערט). וואָס איז מיט דיר, גבריאל?

ג ב ר י א ל. מען עסט וועטשערע... אָנבייסען... מען לעבט... נאָר ווי אַזוי לעבט מען? ווי א מויל־וואורם אין דער ערד! זיי וויסען, די בית־המדרש־לייט! אז מען קוקט אין ספרים אריין, ווייסט מען! אלץ שטעהט דאָרטען, אלץ! אָט האָב איך היינט, צווישען מנחה און מעריב, ביים אויווען זיצענדיג, אונטערגע־

הערט, ווי זיי רעדען. וואס זאל איך דיר זאגען? קרעפלעך אוועק־צושטעלען!

סערעל (געהט צו איהם צו נעהנטער). כ'האב דיר טאקע היינט געמאכט קרעפלעך! פון נעכטיגען פלייש... האסט נישט געגעסען.

גבריאל (מיט א פארוואורף). א אידענע בלייבט א אי־דענע! פארנעם א רגע אן עסען... דו זאלסט הערען דעם ויכוח!

סערעל. וועגען וואס?

גבריאל. נישט וועגען ווייץ אדער קארן, ווי אונזערע בעלי־בתים ביי דער מזרח־וואנט...

סערעל. וועגען מלחמה?

גבריאל. נארעלע... וועגען עולם הבא!

סערעל (וויל ווייטער צוגעהן צום בעט). וועסט דער־צעהלען ביי וועטשערע...

גבריאל (נישט צופרידען). ווארט א ווײלע! איך זאג דיר, מויל און אויערען אויפצושטעלען. בערעלע מלמד, דאס קליינ־טשיגע, דאס דארע... דאכט זיך, א פליג, און אז עס רעדט — פלאמט איהם א פייער אין די אויגען... און נאך איינער, עפעס א חסיד, דאכט זיך, א פרעמדער. רעדען זיי! זאגט בערעלע פשוט, — ער איז דאך א דרדק'ער מלמד — זאגט ער, ווי ביי דיר אין טייטש־חומש שטעהט... איך הער דאך! באשר בכן, מען וועט עסען און טרינקען, נישט אזוי ווי דא; בעסער! און ווי הייסט בעסער! דו ווייסט דאך: שור־הבר... עס צוגעהט, זאגט ער טאקע אין מויל. היינט — וויין! אלטער וויין, ער האט'ן עפעס אויסטערליש אנ־גערופען, כ'קאן נישט נאכזאגען, נאר מששת ימי בראשית, זאגט ער, און, זאגט ער, ליכטיג וועט זיין אין אלע ווינקעלעך. פון דער שכינה א שיין, א מין אפגלאנץ און אין דעם אפגלאנץ, פאר־שטעהסט דו מיך (האלב זינגענדיג.) וועלען זיצען די צדיקים מיט גאלדענע קרוינען אויף די קעפ און קוועלען, און הנאה האבען, ממש שמעלצען זיך פאר תענוג!

סערעל. מען זאל נאר זוכה זיין, רבונו של עולם! (טרויעריג.) כ'האב נאך אפילו די ר' מאיר־בעל־נס־פושקע נישט פול... שוין א האלב יאהר, אז זי הענגט!

גבריאל. הער אבער נאר ווייטער! דער חסיד זאגט

אנדערש: עס וועט זיך ווייטער פיהרען, זאגט ער, פונקט ווי דא! נאר פארשטעהסט דו מיך, אהן דאגות, אהן עגמת נפש, אהן א פיצעל צער! פארשטעהסט? א וועלט, ווי די וועלט, נאר אהן אלעם שלעכטען. כדומה למשל: נעהם, זאגט ער, א בעל־עגלה, א שמייסער, פון וואס האט אזא מענש הנאה? פון גוטע פערד, פון א גוטען וואויל־יונגערישען קנאק מיט דער בייטש. זאגט דער רבונו של עולם: מהיכא תיתי! און אויב ער פאהרט נישט אין שבת אריין, איז נישט עובר אויף צער־בעלי־חיים, נארט נישט אפ מיט די צעטלען, שלעפט נישט ארוים פון די זעק — פאהרט ער דארט ווייטער! אזוי האט ער פון רבי'נס מויל געהערט, און זיין רבי האט עס פון בעל־שם! הכלל — פאהרט ער! און שמירען די רעדער דארף ער נישט... שמן זית גיסט זיך אויף זיי. אויף די רעדער! און א וועג האט ער, ווי אויפ'ן טיש... און א בייטש, למשל, פון עלפענביין, א שטריקעל, למשל, פון זייד! און עס קנאקט אי־בער אלע ש"י עולמות... ממש עס דונערט! און פערד, צוויי פאר, דריי פאר, פיער אויך... ווי איינעם קומט... „נאשפיץ" און אין דערברייט... און פערד — לייבען, אדלער... עס פליהט! כהרף עין פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, און צוריק...

ס ע ר ע ל. און אזוי שטענדיג?

ג ב ר י א ל. אז ער האט הנאה דערפון! דאס הערסט דו דאך, איז זיין גן־עדן! און עס איז א יושר אויך! וואס מען ווינשט זיך, זאגט ער, אויף ד ע ר וועלט, האט מען אויף י ע נ ע ר, דער רבונו של עולם גיט נאך יעדען באזונדער זיין תענוג... א בעט־לער, זאגט ער, ווינשט זיך גוטע בעלי־בתים — האט ער! שטעהען פאר איהם אפען אלע טירען... מען באשיט איהם מיט גראשען, ווי א כלה מיט האפען! דאס איז שוין מיין משל... און ער געהט און געהט... און אט למשל, צום ביישפיל: א כשר'ער מלמד. וואס ווינשט זיך אן עהרליכער מלמד? גוטע תלמידים ווינשט ער זיך, פלינקע קעפעלעך, עלוים... און דער דאנערשטאג זאל איהם נישט דערעסען... די רבי'צין זאל איהם נישט קראצען אין אויער: אויף שבת און אויף שבת! האט ער עס, קנעלט ער דארט ביי סאמע־ראדנע גבירים. האט ער די בעסטע און שענסטע תלמידים, טאקע גוטע שעפעלעך... פאשעט ער זיי מיט תורה! און עס וואקסען פון זיי למדנים ארוים, גרויסע למדנים, רבנים, צדיקים גרויסע... יעדען

זמן לאזט ער ארויס א גאון, און דאס איז זיין גן־עדן! א פאר מאל אין יאהר קומען צו איהם זיינע תלמידים צו גאסט, דער רב, יענער רב, דער צדיק, יענער צדיק, שמעלצט ער זיך טאקע אין זיי, זאגען זיי איהם: דאס אלץ האבען מיר פון אייך. רבי! וואס?

סערעל (טרויעריג). דאס איז נישט פאר אונז געדאכט.

גבריאל. פון א טאקער האט ער נישט גערעדט. דער־צעהלט האט ער נאך וועגען א דין. עס איז געווען ערגעץ אין א שטאדט א דין, האט ער גע'פסק'ענט שאלות, איז ער אבער א גוטער געווען, א ברילינאנט, און אוהב ישראל. „כשר" פלעגט ער ענט־פערען מיט א שמחה. ביי „טרפה" האט ער כמעט געוויינט, ער האט געוואוסט, וואס עס הייסט אידישער שאדען, ווי שווער עס קומט עפעס אן! אפילו ביי אן ערדערען טעפעל פלעגט ער וויינען! בפרט א הון אויף שבת; ווער שמועסט — פסח'דיגע כלים... האט ער טאקע געציטערט, אז ער האט געזעהן אריינקומען מיט א שאלה! טאמער, חס ושלום, וועט מוזען זיין טרף! און טאג און נאכט האט ער גאט געבעטען, נישט וועגען עשירות, נישט וועגען פרנסה אפילו, נאר זיין ליעבער נאמען זאל איהם באשערען סאמע כשר'ע שאלות! און זיין ליעבער נאמען האט אויסגעהערט זיין געבעט. זיצט ער דארט און פסק'עט שאלות, און קוועלט: וואס א שאלה עס קומט, איז אלץ כשר... כשר און כשר! און די שמחה זיינע איז גרויס אין לשער! נאך יעדער שאלה געהט ער זיך א טענצעל איבער דער שטוב... זינגט ער פאר גרויס תענוג... ווי א פויגעלע זינגט ער!

סערעל (האלב דערשראקען). ווייסט, גבריאל, עפעס א מין עולם הדמיון?!

גבריאל. אבי גוט! זאל זיין אן עולם הדמיון, און אז א איד, זאגט ער, איז א בעל־צדקה, א מכניס־אורח... א איד, וואס גיט נישט, אבי אפצוקומען און נישט מיט בזיון, נאר טאקע מיט א אידיש הארץ, מיט א גוט אויג, ער האט נחת דערפון, וואס ער גיט... אזא איד — זאגט ער — זיצט אויף יענער וועלט אין א גרויסער שטוב, א סאליע מיט אפענע טירען אין אלע פיער זייטען... אויפגעפראלט! און א גאנץ יאהר איז ביי איהם פורים... צי חנוכה! און א געדעקטער טיש מיט אלערליי שמי־אדלען, חלות מיט זא־

פערעז, פיש און פלייש, און פלוימען... היינט משקה! און ער זיצט ביי אפענע זעקער געלט און טיילט, סאמע גאלדענע מטבעות טיילט ער און רופט: עסט, רבותים, עסט און טרינקט! לחיים, לחיים! און נעמט געלט! און דאס מויל ווערט איהם נישט מיד פון ווינשעווען, און די האנט נישט אפגעשוואכט פון טיילען. עס וואקסען איהם די כחות פאר פרייד, זיי באנייען זיך איהם פון טאג צו טאג... און ארעמעלייט קומען אן און געהען אוועק, קומען און געהען... קומען קומען זיי, בלאסע, אויסגעמאטערטע, אויסגע־דארטע און פאר׳מרה־שחורה׳טע, און ארויס געהען זיי פרעהליך און לוסטיג, זינגענדיג און טאנצענדיג... און ער זיצט און קוועלט און שעפט נחת, און עס וואקסט אין איהם דערפון דאס הארץ... וואס האסט דו זיך פארטראכט, סערעל?

ס ע ר ע ל. כ׳ווייס? כ׳קלער: וויפיעל מען דארף ארעמע לייט, א בעל־הבית זאל האבען גן־עדן?

ג ב ר י א ל. א אידענע בלייבט אידענע! גיב שוין בעסער וועטשערע! (מאכט ליכטיגער די לאמפ).

פאר דער טיר.

אַ טונקעלע נאכט. אין אָפּגעלעגען שטיל געסעל. ז י אויף אַ באַנק אונטער אַ פינסטערען פענסטער. שטאַר פאַר זיך קו־קענדיג. ע ר קומט צו, אומקוקענדיג זיך, צו געהט נישט ווער.

ע ר (ריהרט איהר זאַפט דעם אַקסעל אָן).

ז י (זיך אומקערענדיג צו איהם אָהן פאַרב). דו?

ע ר (מיט אַ בליק צום פינסטערען פענסטער). אליין?

ז י. דער טאַטע אין קבר — די מאַמע אין תפיסה — אליין.

ע ר. וואָס ווייטער?

ז י. האָט ערגעץ אַ הון געכאַפּט... אַ בריה דערויף. זי האָט אבער קיין גליק נישט. געכאַפּט.

ע ר. כ'האָב דאָך דיר געוואָלט געבען —

ז י (שטרענג). כ'וועל ביי דיר נישט נעמען — — (האַרט.) געה אהיים...

ע ר (געבענט). טרייב מיך נישט...

ז י (נאָך פויזע). כ'האָב דיין מאַמע געזעהן.

ע ר (דערשראָקען). זי ווייסט עפּעס? — האָט דיר עפּעס געזאָגט?

ז י. זעהר אַ גוטע, דיין מאַמע; ס'טוט איהר זעהר לייד, וואָס די אַלטע זיצט... און פונקט אַ צ י נ ד...

ע ר. וואָס אַ צ י נ ד?

ז י. ווען מען דאַרף אַזויפיעל איינקויפען צו דיין — חתונה... אַזוי ווי זי קויפט איין, וועט קיינער נישט... פעט און ביליג, און פינקטליך...

ע ר (פאַרוואורף). מרים!

ז י. זי וויל, כ'זאָל פאַרטרעטען די מאַמען... זי וואונדערט זיך, פאַרוואָס כ'וויל נישט ע ה ר ל י ך פאַרדינען!

ע ר (ווי פריהער, נאָר טיפער). מרים!

ז י. אַזוי היים איך. (נאָך פויזע.) זי האָט מיך פאַרבעטען צו דער אָרעמער סעודה... ז'וועט מיך זעצען באַזונדער...

ע ר (וויל זי אָנכאַפּען ביי דער האַנט, זי באַהאַלט זי הינטער זיך). לאָז מיך, גיב מיר דיין האַנט... לאָז מיך דיך פאַר דער מאַמען אי־בערבעטען... זי קען דיך נישט, פאַרשטעהט דיך נישט!

ז י. לאָז אָפּ! (ער געהאָרכט.) כ'בין א גנב'טעס א טאָכטער. זי האָט רעכט!

ע ר. דיין מאַמע איז דיין אומגליק.

ז י. רעד נישט! — זי האָט אַלץ געטאָן, וואָס זי האָט גע־קאָנט... דער הונגער איז שטאַרקער געווען... האָט זי געכאַפּט אמאָל עפּעס... און די יתומה, אַז זי איז אַליין געבליבען, האָט חן אין לייטענס אויגען באַקומען.

ע ר. דערמאָן נישט!

ז י. געה אהיים, אויב דו ווילסט, כ'זאָל פאַרגעסען!... דו דערמאָנסט!...

ע ר. ניין... איך מיין עס ערליך! איך האָב דיך ליעב, אַזוי ליעב...

ז י. און דעם טאַטען דיינעם האָסטו פיינט? און דער גרוי־סער טאַטע דיינער, מיט דער ווייסער לאַנגער באָרד, און שטרענגע לאַנגע ברעמען — וועט שטאַרבען, הערסט? אונטערגעהאַקט וועט ער ווערען, ווי א בוים, אַז מען וועט'ן רופען: „דער גנב'טעס מחותן"... און די מאַמע דיינע — זי האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן, — וואָלט שוין קיין איינגעמאַכטס פאַר'ן שפּיטאָל נישט געפרעגעלט!... די ערד וואָלט זי געקיהלט! כ'זאָל מיך שטעלען מיט איהר ביי דער קראַטע אין שוהל — און דיין כלה —

ע ר. כ'האָב קיין כלה נישט! כ'וויל נישט! עס ווענדט זיך נאָר אָן דיר. זאָג א וואָרט!

ז י. כ'וועל נישט זאָגען! פאַרוואָס זאָל זי זיך אויסוויינען די קלאָרע אויגען? פאַרוואָס זאָלען איהרע בעקלעך פאַרבליהט ווע־רען? צוליעב וואָס? פאַרוואָס נעמען א פאַרצעלייענע שעהנע זאַך — די בלאַסע מיט די גרויסע און פאַר'חלום'טע אויגען און צושלאָגען? ווייסט, וואָס זי טוט גאַנצע נעכט? איך ווייס!

אויך אמאָל ריין און עהרליך געווען!... זי בענקט... זי שפּינט גאַנצע נעכט...

ע ר. שפּינט?

ז י. שפּינט... פון לבנה־שטראַלען; און פון נשמה־שטראַלען... צוזאַמען שפּינט זי... און ווייסטו וואָס? אַרום איהר חתן אַ זילבערנעם נעבעל... אין אַ זילבערנעם נעבעל זעהט זי דיך... פון זילבערנעם נעבעל אַרוים הערט זי דיין שטימע... דו קאָנסט עס נישט פאַרשטעהן... צורייס דעם נעבעל נישט, וועסט איהר די נשמה צורייסען!

ע ר. איך פאַרשטעה דיך נישט, אָבער לאָז געמאַך... נישט מיין זאַך... כ׳וויל דיך, דיך, דיך!

ז י. צוליעב וואָס? וואָס וועסט דו האָבען ביי מיר, וואָס דו און אַנדערע האָבען פריהער נישט געהאַט... געה!

ע ר (געהט).

זי. דאָס לעצטע ברעט — אוועקגעשוואומען!

פ אַ ר ה אַ נ ג.

אין סקוועער.

יוסל און מלכה זיצען אויף א באנק אין סקווער.

יוסל (אז זי האט זיך פארטראכט און שווייגט). האסט שוין סודות פאר מיר?

מלכה (וועקט זיך, אפעטעמענדיג). שרעקליך...

יוסל. וואס, מלכה?

מלכה. א פרעמדער, בלוט־פרעמדער מאן.

יוסל (עטוואס סארקאסטיש). א סוחר — א געמאכטער מענש!

מלכה (אומגעדולדיג). אלץ איינס. (ווי פריהער.) און אזוי פלוצלונג... עפעס א שפרונג אין אן אפגרונט אריין!

יוסל. האסט אזוי געוואלט.

מלכה (צוקט מיט די אקסלען). געוואלט?

יוסל. געזאגט יא...

מלכה. זאג ניין! — אז אלטע מויד ווערען... ווי עס איז אזוי שווער, אזוי שווער...

יוסל. נישט אזוי שווער! כ'בין נעכטען אין טעאטער געווען.

מלכה. ווילסט מיך פארררעדען.

יוסל. ניין! עס געהער צו דער זאך. שטעל דיר פאר: עס זיצט ערגעץ אין א שטוב א פריילין. אייגענטליך זיצט זי נישט, זי שטעהט, ליגט, טאנצט איבער די שטוב, לויפט צו צו די פענסטער, קוקט ארויס, זעצט זיך צוריק, זינגט עפעס, ברומט עפעס — פלוצלונג עפענט זיך די טיר — אויסגעוויזען האט זיך: דורך אן אירטום, געעפענט האט געזאלט ווערען אן אנדער טיר, אויף דעם זעלבען שטאק. ער קומט אריין, נישט אנגעקלאפט, ביי יענער טיר דארף ער, קענטיג, נישט אנקלאפען — — אויף דער שוועל „גוט מארגען" געזאגט, זי עפענט ס'מויל, איבערראשט, דערנאך צולאכט זי זיך, קענטיג פארשטאנען — גוט יאהר, טרי־

לערט זי. באמערקט ער זיין אירטום, ווייל זיך צוריקציהען פון דער שוועל, עס איז איהם אבער א שאד, ווייגערט זיך א קורצע ווייל. קוקט איהר אין די אויגען אריין; די אויגען לאכען, פארמאכט ער הינטער זיך די טיר, רוקט זיך וואס אמאל נעהנטער און נעהנטער, אויף די שפיץ פינגער געהט ער, זי ווערט עטוואס בלאסליך, דער־שרעקט זיך אביסעל, דערנאך — רויטליך, עטוואס פארשעמט, פינטעלט מיט די אויגען, הויבט אויף א האנט, עפענט ס'מויל, אפ־צוזאגען, ארויסצואווייזען. א שמייכעל ארום מוילכעל, און חן־גריבעלעך. ניין, זיי הויבען נישט אן אפצושטויסען... זי רוקט זיך אביסעל הינטערווייליכטס אפ. פרעגט, געוויס, וואס ער וויל, נאר מען זעהט נאך, ווי ליפען ריהרען זיך, קיין שטימע הערט מען נישט... און ער וויל, זעהט אויס, הערען, רוקט זיך נעהנטער צו... זי רוקט זיך ווייטער און הינטערווייליכטס אפ, טרעפט אויף א פאטער־שטול, פאלט, אלץ הינטערווייליכטס, אין איהם אריין... ער איז שוין ביי איהר, פלאצט ארויס: פארדאן! עפעס צופיעל הויך. מעהר ווי די נאהנטקייט מיט'ן צימער פארלאנגען, זי, פלוצ־לונג, צולאכט זיך. ער בעט אום פארציי־הען, א טעות געהאט, באפט און קושט איהר די האנט, זי לאכט עפעס מאדנע. רייסט דאך די האנט נישט אויס. ער זאגט, ר'האט א טעות געהאט, די טיר פארטוישט, נאר געגלויבט איז גאט... ער דאנקט זיין ליעבען נאמען פאר'ן טעות... געוויס — ער האלט נאך אלץ די האנט. זי לאכט נאך אלץ — — — ענדע אקט — —

מ ל כ ה (געקרענקטער פארוואורף). יוסל!

י ו ס ל. גאט באהיט, קיין שלעכטס נישט געשעהען... טאטע־מאמע — אנגעקומען. געשיקט נאך חופה און קלעזמער. געקו־מען אויך דער רב, א ליעדעל געזונגען, און נישט אין דעם געהט עס...

מ ל כ ה (אויטאמאטיש). נישט אין דעם געהט עס!

י ו ס ל ניין—נאר, ווי גוט דאס פריילין האט געשפילט, א פרעמדער מאן... א ווילד־פרעמדער מאן, א בלוט־פרעמדער...

מ ל כ ה. אויף די ברעטער!

י ו ס ל. דאס לעבען איז מעהר? א י י ן סצענע! נאר זי האט פראבען געמאכט... אויסגעלערענט זיך... דורכגעשפילט... ווילסט פרובירען, מלכה? ער קומט מארגען...

מ ל כ ה (זעהר פארביטערט). צו דער חופה — א פארנו־מענער מענש... גלייך צום שול־הויף פארפאהרען...

י ו ס ל. א, ביז מארגען, — ווערסטו קאנען! נישט אזוי פיעל פראבען, ווי יענע, פאר דאס מעהר אינטעליגענץ... ווערסט עס פיין מאכען...

מ ל כ ה (פארצאגט). וואס?

י ו ס ל. די ראליע שפילען — אין דער קאמעדיע!

מ ל כ ה (עמפערט). קא—מעד—יע!

י ו ס ל. ס'אי מעהר? ווילסט ווירקליך חתונה האבען?

מ ל כ ה (אויפשפרינגענדיג). פארזיצען?

(פויזע.)

י ו ס ל (אומגעדולדיג). אלץ איינס אייגענטליך, א דראמע ווערט אויך געשפילט. זאגאר א טראגעדיע! פרוביר, מלכה!

מ ל כ ה. עס טוט וועה, יוסל...

י ו ס ל. דאס לעבען אליין טוט וועה, מאך דיר נישט דערווים. מ'וועל מיר עס דורכשפילען. קאמעדיאנטען! — נו! אקטיארען טוישען זיך... נאר נישט אומגעדולדיג, נישט געביסען די ליפען, אהן פינסטערע בליקען... מען האט דיר קלארע געגעבען, מאך זיי נישט פינסטער... נאריש מיידעל, ס'א קאמעדיע, נא, זעה, אט פאל איך פאר דיר אויף די קני... ביסט דאך — א מלכה, אזא גרויסע מלכה... אזא מלכה לאזט זיך אזוי לייכט נישט נעמען... איך שפיל גוט? וואס, ניין? האניג גיסט זיך מיר פון מויל? וואס, — נישט? איך מאך דיך גרויס — איך קני פאר דיר, ווי פאר א מלכה, ווילסט, מאך איך דיך הייליג, קוש איך דיר די זוים פון קלייד — —

מ ל כ ה (באוועגט). יוסף!

י ו ס ל. פיין! „יוסף" איז שענער! דאס געהער צו דער ראלע, פאלסט אין טאן אריין... גיב די האנט... (ער נעמט זי, באַ־קוקט די פינגער.) אביסעל צושטאכען, פון דער נאדעל... קושען לוינט זיך... (קושט זיי.) ער האט אויך אזוי געטאן... פריהער אויף דער פלאכער האנט, דערנאך די פינגער. יעדען באזונדער האט ער געקושט... אזוי... נאר יענע האט גראבע הענט און דיקע פינגער געהאט — נאר אמאל! (אויפהויבענדיג דעם קאפ.) איך

שפּיל גוט, מלכּה? — דו העלפסט מיר אָבער נישט. יענע חאַט געהאָלפען, אויך מיטגעשפּילט... יענעם איז גרינגער געווען, נישט אַזוי האַלט מען די האַנט, אַז עמיץ קושט... זי דאַרף ציטערען... עטוואָס ציטערען, מען וויל זי, מכלומרשט צוריקציהען...

מ ל כּ ה. יוסל!

י ו ס ל. נאָר מאַך דאָס שפּיל נישט צו שאַנדען... נישט טראַגיש... נישט דראַמאַטיש... אַט לעג מיר בעסער דיין ווייכע האַנט אויפ'ן קאָפּ... פלעגסט דאָך עס גערן טון...

מ ל כּ ה (ביטער). אַמאָל... קינדוויין...

י ו ס ל (לעגט זיך איהר האַנט אויפ'ן קאָפּ). אויך געשפּילט. אין חבר'קייט געשפּילט, אַמאָל אין צייכען; אַ אינגעל און דיר צוליעב האָב איך אין צייכען געשפּילט... וואו ערגעץ אַ ווינקעלע... אָבער נישט אַזוי ליגט אַ האַנט אויף אַ קאָפּ — אין אַ קאָמעדיע... צי אַ פּאַרם... נישט קיין טויטע האַנט דאַרף ליגען... צוואוואַרף מיר אַביסעל די האָר... (טוט עס פאַר איהר.) אַזוי... (זי שמייכעלט בלאַס און קרייזעלט איהם אַליין די האָר.) דו קאַנסט, דו קאַנסט! און עפּעס פּליסט אַרוים פון דיין האַנט אין קאָפּ אַריין... עפּעס ווערט דאָרט קלאָרער... די קניפּען און קנוילען צונעמען זיך עפּעס... מיר דאַכט, דיין האַרץ קלאַפּט — אָדער מיינס?

מ ל כּ ה. עס קלאַפּט...

י ו ס ל (אויפשטעהענדיג). אַ, איך שפּיל גוט, אויף דער סצענע וואָלט איך געלעבט, נישט געשפּילט. דאָס בלוט פּולסירט שוין אין די אָדערען... די שלייפען קלאַפּען אַזוי... ריהר אָן... פיהל נאָר דאָס האַרץ... ווער האָט דיר די שאָטען פון די אויגען פאַר־טריבען, מלכּה, זעה, ווי זיי גלאַנצען... און צינד — ציטערט שוין די האַנט — פּונקט ווי ביי יענער, ניין, כ'וועל נישט פאַרגלייכען... נאָר יענע האָט געהאַט האָר אַראָפּגעלאָזטע... שפּעטער, עס איז אַ פּאַרם געווען — האָט זי דעם צאָפּ פאַרלוירען, אונטער דער חופּה... דאָס האָט אייגענע און לענגערע...

(צולאָזט איהר די האָר.)

מ ל כּ ה. יוסל, איך סקווער!

י ו ס ל (צורעכטווייזענדיג). אַז מען שפּילט, שפּילט מען! — איך זעץ מיך לעבען דיר — ער האָט אויך אַזוי געטאָן... אויך

עפּעס א שטיקעל דיכטער געווען... א פולען טאש מיט מאנוסקריפּ־טען געהאט... פון מאסען פּאסט־סטעמפּעל אויף די קאָנווערטען, פון אלע רעדאקציעס צוריקגעשיקט... האָט איהר א געדיכט געלעזען — נאר דאָס וועל איך נישט טון — מיינע זענען צו אויסגעלאסען... יענער האָט געהאט אזוינע אנגעשוואָלענע, אנגעבלאָזענע: שטע־רען... זונען... זומער־פייגעלעך און אזוי אלערליי פייגעל, און בלו־מען, און רויזען באזונדער, — פאר די אויגען האָט איהר געשווינ־דעלט... געהט ער — (טוט ווי ער באַשרייבט.) נעמט ער איהר קעפּעל, לעגט זיך אויפ'ן אקסעל... קושט זי... זעהר זאכט, פריי־הער די האר... דערנאָך דאָס אויערלעפּעל, דערנאָך די בעקלעך און דערנאָך — די ליפּען, די קרעלענע ליפּען, נישט געקאָנט זיך אָפּ־רייסען... און אזוי, ווי מיט צוואנגען צו זיך צוגעדריקט, צוגע־צווינען...

מ ל כ ה (אויסגעריסען זיך פון זיין אָרעם, מיט בליץ אין די אויגען). כ'וויל קיין קאָמעדיע נישט, יוסל!

י ו ס ל (אויפגעשטאַנען). מוז זיין א — טראַגעדיע!

מ ל כ ה. זאָל זיין!

י ו ס ל. ווילסט? — דער הימעל שפּאַלט זיך, מלכה — א י י ן ווארט!

מ ל כ ה. כ'וויל!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

ער און זי.

(פאַרשפּיל.)

אַ גערטעל. אין הינטערגרונט אַ זומער־וואוינונג. די לבנה באַפרייט זיך פון אונטער אַ וואָלקען. אַ בלאַסער זילבערנער שיין לעגט זיך איבער דער סצענע.

ע ר. די בלומען האָבען דיך דערשפירט, און גריסען דיך מיט וואוילגערוך...

ז י (איראָניש). אַ...

ע ר. און די לבנה... זי שווימט ארויס פון אונטער'ן לייכטען וואָלקען — זי שווימט דיר אקעגען...

ז י. די לבנה איז אַ נאַר, האָט נאָך היינע געזאָגט...

ע ר. און יעדער נאַר האָט דאָך זיין שכל, און ווייסט, וואָס שעהן און גוט איז. ווי איהרע שטראַלען ציטערען איבער דיין צארט געזיכט, שמייכלען ארום דיינע פיינע ליפען...

ז י. ביסט דיכטער געוואָרען!

ע ר. דאָס וועט יעדערער ביי דיר ווערען, און עס איז קיין דיכטונג — איך האָב דיך ליעב...

ז י (מיט אַ האַנט־באַוועגונג צום הויז). געה, זאָג דער מאַ־מען מיינער; זי וועט זיך פרעהען דערמיט. גאַנצע נעכט שלאָפט זי נישט; איך וואַקס איהר אין גרויען צאָפּ אריין... שטעהסט נאָך?

ע ר. איך האָב מיך אַן אַ מעשה'לע דערמאַנט!

ז י. אויב עס געהער צו דער זאַך, דערצעהל...

ע ר. עס איז אין גן־עדן געווען.

ז י. אַן אַלטע געשיכטע —

ע ר. „און בלייבט אימער ניי“, זאָגט היינע... און עס איז געווען נאָך איידער מען האָט אדם וחוה — די ערשטע מענשליכע פּאָר — פון גן־עדן פאַרטריבען און די כרובים מיט די שאַרפע שווערדען ביים טויער געשטעלט...

ז י. זיי האָבען פון עפּעל נישט געגעסען און נישט געוואוסט. וואָס גוט און שלעכט איז ?

ע ר. געגעסען —

ז י. און נאָך נישט פאַרטריבען ?

ע ר (שמייכלענדיג). עס געהט עבען דער פּראָצעס — און אדם, נישט וויסענדיג פון קיין בייז, שפּאַצירט רוהיג אַרום אין די אַלעען פון גן־עדן און דערזעהט אַ שעהנעם עפּעל אויף אַ בוים —

ז י. ווייטער אַן עפּעל !

ע ר. און אויך אַ שעהנער, אַ פאַרגלוסטונג פאַר די אויגען, ווי די ביבעל וואָלט געזאָגט ; צאַרט געראָטעלט, ווי דער פרישער מאָרגען...

ז י. געפעלט ער איהם ?

ע ר. געוויס. ער באַקומט אַ פול מויל מיט וואַסער און עפּעס אַ מין צוויקען אין דער געגענד פון האַרץ —

ז י. האָט ער'ן אָפּגעריסען ?

ע ר. אין גן־עדן רייסט מען נישט. ער האָט געבעטען ! ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בוים, פיין געגריסט און געבעטען : בוים, גוטער בוים, שענק מיר דיין עפּעל, איך וויל איהם עסען !

ז י. און דער בוים האָט—אָפּגעזאָגט.

ע ר. ניין. ער האָט נאָר אַ באַדינג געשטעלט : אדם, האָט געענטפערט דער בוים, דו קאָנסט דעם עפּעל האָבען, נאָר מיט מיר צוזאַמען. דו קאָנסט איהם עסען, נאָר מיך אויך צוזאַמען, מיך אינגאַנצען... דעם עפּעל, די בלעטער, די צווייגען, דעם שטאַם, זאָגאָר די וואָרצלען אונטער דער ערד און מיט'ן שטויב אויף די וואָרצלען !

ז י. כאַ־כאַ־כאַ !

ע ר. אדם האָט אויך געלאַכט. דער בוים דאַך האָט עס ערנסט געמיינט. נישט מיט אַמאָל — האָט ער איהם פאַר־טייטשט, ביסט דו מחויב מיך אויפצועסען, נאָר מיט דער צייט, דורכ'ן גאַנצען לעבען, מיך עסען מוזט דו יעדען טאָג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט, יעדע סעקונדע — אָהן אויפהער —

ז י. און ער ?

ע ר. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז ! (פּויזע).

ז י. איך האָב מיך אויך דערמאָנט אַן אַ מעשה׳לע...

ע ר. אויב עס געהער צו דער זאַך, דערצעהל...

ז י. נישט אין גן־עדן איז עס געווען. נאָר אויף אַן עהנ־ליכען פּלאַץ אין אורוואלד! און נישט מיט אָדם הראשון איז עס געשעהען, נאָר מיט אַן עהנליכען צו אָדם הראשון — מיט אַ וויל־דען מענש. טאַטואירט איז ער געווען, אויפ׳ן האלז צײַין פון פאַר־שידענע חיות אַנשטאַט פּערעל, און אויפ׳ן קאָפּ — אַ קרוין פון פאַרשידענע פעדערען... אין דער האַנט האָט ער אַ פײַילענבויגען געטראָגען. איינמאָל הויבט ער די אויגען אויף און דערזעהט, אַ פויגעל רעדעלט איבער זיין קאָפּ, אַ פויגעל, אַ פרעמדער מיט אַ גאָלדענער פעדער — אַ פאַרגלוסטונג צו די אויגען, אַ גאָלדענער מאָרגען־שטראַל... און די פעדער איז איהם געפעלען, ער האָט זי צו זיין פעדער־קרוין געברויכט.

ע ר. האָט ער׳ס געשאָסען?

ז י. צו הויך און צו ראַש איז דער פויגעל געפלויגען, ער זאָל מיט דער פייל דערגרייכען...

ע ר. האָט ער איהם אַ פויגעל־פאָל געשטעלט?

ז י. ניין, ער האָט געבעטען: פויגעל, פויגעל, איך ברויך דיין פעדער... שטעל דיך אָפּ און איך וועל דיך שיסען. דיין קערפּער וועל איך נישט באַנוצען, נאָר דיין פעדער, דיין שטראַלענדיג גלאַנ־ציגע פעדער —

ע ר. נו? —

ז י. ער האָט נישט געענדיגט; **דער פויגעל איז אוועק —** (געהט ראַש אָפּ.)

ע ר. **דאָס איז דאָס פּראָבלעם...**

אַ קברות נאַכט.

(נערווען־שפּיל.)

אַ בית־עלמין ווינקעל. לינקס און אין הינטערגרונט — דער פּלויט. ביים פּלויט — צואוואָרפענע בוימלעך. אויפ׳ן פּלאַץ זענען זיי צואוואָרפענער, שיטערער. עטליכע אָרעמע מצבות. די רעשט פּ ר י ש ע קברים, מיט דערוויילינע ברעטלעך. רעכטס — דעם קברנ׳ס שטוב. דערביי — דאָס טויטען־שטיבעל. רעכטער — אַ לאָפּאַטע ביי אַן אָפענעם קבר. אין וויטערען הינטערגרונט — א שלאָפענדיג שטעדטעל. אַ וואָלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לבנה, פּאַרדעקט איהר לעצטע שמאָלע זוים. דער הינטערגרונט זינקט איין אין נעבעל, גלייכצייטיג לעשט זיך דאָס איינציגע פלעמעל אין פענסטער פון קברנ׳ס שטיבעל.

א ו ו י י ב ע ל (מיט פאַרטריקענטען בלוט אויף אַ באַק, פאַלט אַרויס פון אונטער בוימלעך ביים פלויט. קוקט זיך שרעקיג אום, הערט זיך איין אויף אַלע זייטען, דערשפּירט זיך אַליין, אָטעמט אָפּ, לויפט צו צו אַ מצבה. פאַלט פאַר איהר אויף דער ערד, פאַרשטיקט רופענדיג). געשלאָגען! (כאַפּט אַרום די מצבה.) דאָס בין איך, מאמע... קוים אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט! ס׳האָט מיך געשטיקט, געוואָרגען... גע־מיינט, עס וועט נישט אַרויס — כ׳וועל שטאַרבען און נישט זאָ־גען... ציינד איז גרינגער...

מאמע, כ׳בין דאָ שוין עטליכע שעה... פאַר לייטען אונטער די בוימלעך באהאַלטען, אצינד איז פינסטער און שטיל, און אַרויסגעזאָגט האָב איך שוין...

געשלאָגען, מאמע, געשלאָגען!

וועמען?

דיין בת יחידה, מאמע, דיין איינאיינציגע, אויף וועלכער דו האָסט אזוי געהויכט, אזוי געבלאָזען! אזויפיעל און אלץ אינאיי־נעם עין־הרע׳ס אָפּגעשפּראָכען; און אזוי זיך געשראָקען פאַר דער פּטירה, עס זאָל מיר אָהן דיר קיין בייז, חלילה, נישט געשעהען...

ווער עס האָט מיך — — גע — שלאָ — גען?

ווער?

— ער!

ער, וואָס דו האָסט מיין האַנט פאַר דער פּמירה אין זיינער אריינגעלעגט און געזאָגט: נעם זי... היט זי... ער, וואָס האָט דיר תקיעת כף גע׳גע׳ן, געשוואוירען...

פאַרוואָס? מיינסט, חלילה, ער האָט מיך נישט ליעב? מיינסט, חלילה, איך פאַרקלאָג איהם פאַר דיר? — איך וויל, חס־ושלום, זאָלסט ערגעץ דאַרט, חלילה, דערצעהלען — —

פאַר הונגער. מאמע! און ווייל איך האָב נישט געוואָלט ו ו י י נ ע ן. אָבער איך האָב געוואָלט! גאָט איז מיין עדות, איך האָב געוואָלט... איך האָב נישט געקאָנט... כ׳בין אזוי פאַרשטיי־נערט געוואָרען, פאַרגליווערט! און ער זאָגט: א ווייבעל, וואָס דער מאַן שפּייזט נישט, שרייט, שילט! — און א שוואַרץ פייער צינדט זיך איהם אין די אויגען אָן: „דו וועסט שרייען! מוזט וויינען!" — איך קאָן נישט; ער מיינט — להכעים! איך וויל נישט, מיינט ער! — כאַפּט ער מיך אָן ביי די הענט און דריקט. די פינגער מיינע קנאַקען, עס כאַפּט מיך ביים האַרץ... איך קאָן נישט...

איך וויל שטאַרק וויינען; כ׳ווייס, כ׳מוז! אז ווען ער דער־זעהט א טרער, געהט איהם אָפּ דאָס פאַרביטערטע האַרץ, דאָס פאַרשטיינערטע — און קאָן נישט. די אויגען ברענען אזוי טרו־קען, און איך קאָן זיי פון זיין צאָרניג־ברוין פּנים, פון זיינע פאַר־גלאָזטע אויגען נישט אָפּרייסען, און ער שרייט: „וויין!" „דו מוזט!" און „דו וועסט!" הימעל און ערד זאָל אונטערגעהן — דו מוזט וויינען! און לאָזט מיך נישט אָפּ. איך וויל צופאַלען צו זיין האַרץ, לאָזט ער נישט. שטויסט מיך אָפּ און — דערלאַנגט מיר אין באַק. — „וויין — שרייט ער, נישט מיט זיין קול; מיט א קול פון א חיה א ווילדער! וויין, איך צוריים דיך! און דערלאַנגט, און דערלאַנגט — ביז בלוט...

און ווי ער האָט מיין בלוט דערזעהן, מאַמע, איז ער אויסער זיך געוואָרען, א ווילדען אויסגעשריי געטאָן, ביים קאָפּ זיך אָנגע־כאַפּט און אַנטלאָפען...

ר'איז אנטלאָפען, מאַמע... ער וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן, מאַמע! ער וועט עס נישט אויסהאַלטען... שוין צוויי טאָג, אַז איך זוך איהם אַרום...

מאַמע, איך גּעה פון דיין קבר נישט אַוועק! — קום איך אַהיים, און די שטוב איז לעדיג, הענג איך מיך, — הערסט, מאַמע?

איך וועל דאַ ליגען ביי דיינע פיס...

מיר איז אַ ז ו י קאַלט, איך בין אַ ז ו י מיד... איך וועל דאַ איינשלאָפען. און דו, מאַמע, צו חלום קום! זאָג־אָן, וואו ער איז... אַ נישט גּעה איך פון דער וועלט... אַט, מאַמע, שלאָף איך איין, לאָז מיך לאַנג נישט וואַרטען... ס'איז קאַלט, אַזוי קאַלט...

(נעמט אַרום די מצבה, ציהט זיך אויס — שלאָפט איין.)

(אַ יונג שפּרינגט אַריבער די צוים, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שטיוועל, לויפט באָרוועס צו צום קברנ'ס פענסטערל, קלאַפּט שטיל אָן, און אַ ווײילע אַרום קומט אַרויס פאַר דער טיר דעם קברנ'ס טאָכטער.)

ד ע ר י ו נ ג. נו?

ד ע ם ק ב ר נ ' ס ט אָ כ ט ע ר. שוין...

ד ע ר י ו נ ג. שטאַרק וועה געטאָן.

ד ע ם ק ב ר נ ' ס ט אָ כ ט ע ר (פינסטער). נישט דיין זאַך!

ד ע ר י ו נ ג. ס'טאַטעל נישט געהערט — — ?

ד ע ם ק ב ר נ ' ס ט אָ כ ט ע ר. אַ מת־מצוה געברענגט; נושאים ערגעץ אויפ'ן וועג געפונען — אַ קבר געגראָבען, גע'שכור'ט — — ס'מת אין שטיבעל געלאָזט — אַליין אין בעט אַריין — נישט געהערט — איך האָב די צונג געביסען, צוהאַקט די גאַנצע צונג. — ערשט אַצינד אָפּגעשניטען...

ד ע ר י ו נ ג. לעבט?...

ד ע ם ק ב ר נ ' ס ט אָ כ ט ע ר. או—הום...

ד ע ר י ו נ ג. ברענג אַרויס! —

ד ע ם ק ב ר נ ' ס ט אָ כ ט ע ר. נאָך וואָס?

ד ע ר י ו נ ג. ווילסט, ער זאָל דיך דער'הרג'ענען?

ד ע ם ק ב ר נ ' ס ט אָ כ ט ע ר. מאַך אַן עק מיט דיין ווייב, — האָב חתונה! — —

ד ע ר י ו נ ג. איך שלאָג; זי וויל נישט — ליגט איבער־אַנאַנד — זי וויל נישט — — — —

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אַ כ ט ע ר. טו מיט איהר, וואָס דו ווילסט טוּן מיט מיין קינד —

ד ע ר י ו נ ג. ברענג ארויס! א נפל איז קיין מענש נישט... א מענש ק אָ ן מען נישט מיט אמאָל... ברענג!

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אַ כ ט ע ר (געהט אריין, ברענגט אַרויס דאָס קינד איינגעהילט). באקוק באַטש...

ד ע ר י ו נ ג (דרעהט זיך אוים). מ׳דאַרף נישט... איך וועל שפּעטער אַ נ ד ע ר ע זעהן... נאָך צייט... א לאָפּעטע?

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אַ כ ט ע ר (שרעק). לעבעדיגער־ הייט?

ד ע ר י ו נ ג (פינסטער). נישט דיין זאַך — (דערזעהט די לאָפּאַטע אין אָפענעם קבר, כאַפּט זי אַרויס.) געה פאַראויס — געה! (שטופּט זי, זי געהט, ער דערשטיקט ס׳קינד, נאָכגעהענדיג.) כ׳הער טריט.

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אַ כ ט ע ר. איך אויך!
(קוקען זיך אום, דערזעהען: דריי גנבים שפּרינגען איבער׳ן פּלויט — זיי אנטלויפען טיפער פאַר שרעק. ער פאַרלירט, לויפענדיג, דאָס פּעקעל. די גנבים שפּרינגען פון פּלויט אַראָפּ.)

ע ר ש ט ע ר ג נ ב (געפינט דעם יונגס שטיוועל, הויבט אויף). א פּאַר שטיוועל? — דעם שכור׳ן קברנ׳ס אודאי — צו־ גוץ קומען!

צ ו ו י י ט ע ר ג נ ב. שטילער, עפּעס וויכטיגערס צו טון! (קוקט זיך אום.) צו וועלכען קבר צוגעהן? פּעטס אויפ׳ן חלב און א אדערל אויף א קנויט מוז מען נעמען פון א זינדיגען...

ד ר י ט ע ר ג נ ב. ווער איז נישט זינדיג?

ע ר ש ט ע ר ג נ ב. קיינער. איך וואָלט אהן אטעם גע־ גאַנגען... לייכטע טריט!

צ ו ו י י ט ע ר ג נ ב. אַלטע לייט... שלאָפען נישט... הערען באַלד...

ע ר ש ט ע ר ג נ ב. איז כיק! דערנאָך — „בורא מאורי האש“ — א זאַך...

ד ר י ט ע ר ג נ ב. בעסער מיט א ליכט... געשמאַקער, דו זעהסט — יענער נישט! — כ׳קוק און לאַך...

צווייטער גנב. געפּרוואוט?

דריטער גנב. אַליין נאָך נישט!... מענשען זאָגען...
כוועדקאַ זאָגט... מ׳קוקט און מ׳לאַכט, מ׳נעמט און יענער שלאָפט...

ערשטער גנב (געפינט דאָס פּעקעל, וואָס דער יונג האָט פאַרלוירען). אַט נאָך א כשר׳ע מציאה — א געבענשטע נאַכט. (וויקעלט אויף.) א קינד!

צווייטער גנב. גוט! אודאי א ממזר׳ל...

דריטער גנב. און א בן הנדה... וואָס קאָן זיין זינ־דיגער?

ערשטער גנב (באַטראַכט דאָס קינד, באַטאַפּט עס). אָבער ווענין פעטס...

צווייטער גנב. גענוג זיין! כ׳ווייס, וואו עפּעס ליגט... א מינוט צייט!

דריטער (דערהערט עפּעס). טס... טריט.

צווייטער (דערזעהט עפּעס). מתים געהען...

ערשטער. נאָך האַלבער נאַכט!

(געהען, מיט׳ן טויטען קינדה אין האַנט, טיפער. פאַרשווינדען אין טונ־קעלקייט. פון נעבעל קומען אַרויס דריי מתים; קוקען זיך אומרוהיג אום.)

ערשטער מת. אויסער אונז, קיינער נישט אויפגעשטאַנען?!

צווייטער מת. מ׳האָט מורא!

דריטער מת. א שכור׳ער קברן... האָט בייזע חלומות, שפּרינגט אַרויס מיט׳ן גראַבען שטעקען...

ערשטער מת. מיר אמאָל א ביין איבערגעבראָכען; כ׳הינק דאָך נאָך!

ערשטער מת (פאַרקוקט פון בית־עולם אַרויס). עמיץ קריכט פון דרויסען אויפ׳ן פּלויט אַרויף.

צווייטער מת. ביינאַכט אויף קבר אבות?...

דריטער מת. מוז דאָרט זעהר נישט גוט זיין —

ערשטער מת. לאָמיר זעהן!

צווייטער מת. לאָמיר הערען.

(ציהען זיך צוריק אין נעבעל אַריין.)

א י ו נ ג ע ר מ א ן (זיצט שוין אויפ'ן פלויט, אין איין האנט — א שטריק, אין דער צווייטער — א ברויט. ער ווארפט עס אוועק). אז זי איז אוועק, דארף מען נישט קיין ברויט... נישט נעוואלט ווינען? וועסט אן אלמנה ווערען... וועסט דו שוין ווינען.

(שפרינגט אראפ פון פלויט, לאזט זיך צו צו א בוימעל.)

ד א ס ו ו י י ב ע ל (פון אומרוהיגען דרימעל ארויס). מאמע! פארוואס קומסט דו מיר צו חלום נישט, מאמע? מיר איז קאלט... און איך שרעק זיך.. גערוישען וועקען מיך — מאמע — —

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן (שאקעלט מיט א שטאם פון א בוימעל). גוט... וועט אויסהאלטען... שווער, נאך אזויפיעל הונגערטעג, מוז איך נישט זיין... זיכער אויסהאלטען.

ד א ס ו ו י י ב ע ל. מאמע... עמיץ רעדט... מתים אודאי...

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן (פארווארפענדיג דעם שטריק ארום א צווייג). ודוי זאגען? נאך וואס? סיי־ווי־סיי ביידע וועלטען פארלוירען... תקיעת כף — און נישט געהאלטען... געשוואוירען מיט כל השבועות און פארט געשלאגען... און אצינד הענג איך מיך... אז זי איז נישטא, דארף מען נישט... וואס פאר א לעבען? וואס פאר ודוי?

ד א ס ו ו י י ב ע ל. מאמע... זיין קול, דאכט זיך, מאמע... ער זוכט מיך! ער! (שפרינגט אויף, זעהט, ווי דער יונגערמאן פארלעגט דעם שטריק ארום האלז, שרייט אויס ווילד.) מענדעלע!... (און פאלט; דאס בילד פון יונגענמאן, וואס הענגט זיך, ווערט צורונען.)

ק ב ר ן (שכור, מיט א גראבען שטעקען, ארויסקומענדיג פון שטוב). א געשריי געהערט! לאזען נישט רוהען די מתים! ניין, ביי מיר געהט עס נישט! איך לאז נישט! אין מיין מלוכה מוז זיין שטיל! (רופט אין חשך אריין.) ווער האט געשריגען? (נאך פויזע.) דער מת־מצוה? (הארכט צום טויטען־שטיבעל.) שטיל?! (געהט אריין, קומט נאך א ווייל'ע ארויס.) ווי א מויז! אויפגערעקט. — אונטער'ן ליילער האט איהם אן עכבר א פינגער פון פוס אפגעביסען — ער שווייגט... שכור'רערהייט, אפנים, געשטארבען און נאך נישט אויסגעניכטערט! (קוקט זיך אום.) ווער פארט?

א ק ר א ה (שטעלט זיך אויפ'ן דעכעל פון קברות־שטיבעל). קרא! קרא!

ק ב ר ן (הערצאָרנט). ווערסט זיין שטיל, ממזר? ! נאָך דו האָסט מיר געפעהלט... (וואַרפט דעם דראָנג צו דער קראָה, זי פליהט אוועק. דער דראָנג ברעכט איין דאָס דעכעל.)

ק ב ר ן. א שעהנע כפרה! אבי פטור... ווער פאַרט האָט נע־שרינען? באַהאַלטען זיך אודאי! (געהט צוריק, דערזעהט פונוויי־טענס דאָס ווייבעל.) אהא! מיין טעכטערל אודאי... באשטעלט זיך מיט עמיצען און איינגעשלאָפען... א שאָד, וואָס כ'האָב נישט דעם דראָנג... אדער פויסטען — — (נעהנטער קומענדיג.) ניין — צו דיר!... אנדערע טליקען זיך אויך... (ריהרט זי, צוגעקומען, מיט'ן פוס.) ע, דו, — שטעה אויף! — טויט? פאַרטריקענט בלוט אויף דער באַק? גע'הרג'עט? מ י ר אונטערגעוואָר־פען? אי... מיך פאַקט מען נישט! מיר מאַכט מען קיין בלבול נישט — פאַראַן אַן אָפען קבר — דער מת־מצוה קאָן וואַרטען — (וויל זי שלעפען צום קבר צו.)

ד אָ ס ו ו י י ב ע ל. מאַמע, עמיץ שלעפּט מיך!

ק ב ר ן. שוויג! דו, מיט מיר מאַכט מען קיין קונצען נישט! טויט איז טויט! און קאָנסט דו שרייען, קאָנסט דו געהן! שטעה, מ■ילה, אויף און — אליין צום קבר! — מאַרש!

(ס'ווייבעל שפּרינגט אויף — די לבנה שווימט אַרויס פון אונטער'ן וואָלקען און באַליכט דאָס גאַנצע פעלד, — דאָס ווייבעל מיט'ן קברן, דעם קברנ'ס טאָכטער מיט'ן יונג, טיפער — די גנבים, ווי זיי קריכען אַרויף אויפ'ן פּלויט פון הינטערגרונט. אין מיט בית עלמין שטעהט א קאָזע, אויף א שטריק צו א מצבה צוגעבונדען און קייט גראָז גאַנץ גלייכגילטיג.)

ווענען קינדער.

(אין צוויי דראַמאַטישע בילדער.)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

ש ר ה — אַ קראַנקע אין בעט.

מ א י ר — איהר זוהן, אַ יונגער שניידער־געזעל.

מ ר י ם — זייער קרובה.

ש נ י י ד ע ר ־ ג ע ז ע ל ע ן.

א ש כ נ ה — אַ פרומע, אָרעם געקליידעטע פרוי פון
אַ יאָהר פיערציג.

ב י ת ־ ד י ן ש מ ש.

(צווישען ערשטען און צווייטען בילד געהט פאַרביי
אַ יאָהר צעהן.)

ערשטעס ביל ד.

אַן אָרעם צימער. רעכטס א טיר אין קאָרידאָר אַריין. לינקס — א פענסטער אין גאַס אַריין. אין דער מיטעל־וואנט א פארמאכטע טיר, פאַרהאנגען מיט שניידער־אַרביט. לינקס פון דער פארמאַכטער טיר: א גלעגער — א שעניק, אַ שטרויען קישען, א קאָלדרע. אלץ אלט, געצערעט, נאָר ווייס איבערגעצויגען. אין מיט שטוב — דער קראַנקערס בעט. פאַר׳ן בעט, רעכטס און אַרויסגערוקט — אַן אַלטער מיט שוואַרצע לעדער באדעקטער פאטער־שטול, מיט א שאַל איבער דער אָנלעהן, און — א ווייס קישען אויפ׳ן געזעס. פאַר׳ן בעט — א טישעל. דערויף — מעדיצין־פלעשלעך, א פאָר טעלער און דערגלייכען. נעהנטער און אין מיט שטוב — אַן ארביטס־טיש, אויף איהם רעכטס — א שניידערישע פוס־נעה־מאַשין, לינקס א האַנט־נעה־מאַשין צו וועש.

איבער דער צייט פון שפילען הערט זיך אָפט א גערויש דורכ׳ן פענסטער פון גאַס און דאָס קרעכצען פון דער קראַנקער אין שלאָף.

(דער פאָרהאַנג געהט אויף. דאָס שפאַנישע ווענטעל איז אָפּגערוקט פון בעט.)

שרה (קרעכצט, איינשלאָפענדיג.)

מרים (פאָרעט זיך ביים בעט; גלעט די קראַנקע און שלעפט זי איין.)

מאיר (אַרבייט ביי דער פוס־מאַשין. קוקט מיט ברענענדיגע אויגען אויף מרים׳ן און איהרע באַוועגונגען ביים בעט.)

מ ר י ם (געהט אַפּ עטליכע טריט הינטערוויילעכטס, רוקט צו דאָס שפּאַנישע ווענטעל.)

מ א י ר (כאַפּט צוריק די אויגען צו דער אַרבייט.)

מ ר י ם. געלויבט איז גאָט — איינגעשלאָפען.

מ א י ר (איראָניש). געלויבט זיין ליעבער נאָמען. (קורצע פּויזע.) אויף לאַנג?

מ ר י ם. דאָס גערויש פון גאַס זאָל זי נאָר נישט וועקען...

מ א י ר (ביטער). זוך אַ בעסערע דירה!

מ ר י ם (קוקט אויף מאיר'ן מיט רחמנות, זעצט זיך צו דער אַרבייט, צו וועלכער זי בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ.)

מ א י ר (הויבט די אויגען אויף, קוקט אויף איהר מיט אַ געמישטען בליק פון ליעבשאַפט, בימערקייט און צאָרן.)

מ ר י ם (דערפיהלענדיג זיין בליק. ווייך). האָסט עפּעס געוואָלט, מאיר?

מ א י ר (געשווינד צוריק אַראָפּלאָזענדיג די אויגען און האָסטיגער אַרבייטענדיג). איך? — — געוואָלט? — אין מיין גאַל וויל מען נישט — טאָר מען נישט וועלען.

מ ר י ם. עט! (נעמט זיך צוריק צו דער אַרבייט.)

מ א י ר (ביטער און בייזיג). ז'האָט זיך באַליידיגט, די פּריצה! רעד מיט איהר דורך אַ זיידען טיכעל! — — כ'האָב נישט קיין זיידען טיכעל. (פּויזע.)

ש ר ה (ווי פון שלאָף). מרים לעב!

מ ר י ם (הערט זיך איין.)

ש ר ה (וואַכענדיגער). מרים לעב!

מ ר י ם. כ'געה, מומע. (געהט צו, רוקט אָפּ דאָס שפּאַנישע ווענטעל.) וואָס ווילסט דו, מומע?

ש ר ה. אַביסעל וואַסער...

מ ר י ם (דערלאַנגט איהר צום מויל.)

ש ר ה (וויל אויסבויגען דעם קאָפּ צו דער שטוב און קאָן נישט.)

מ ר י ם (וויל איהר העלפען.)

ש ר ה (אָפּוועהרענד). ניין... ניין... ס'טוט וועה... ס'טוט אַזוי וועה... (פּויזע.) ער איז דאָ?

מ ר י ם. ר'איז דאָ...

ש ר ה. זייט דו ביסט געקומען, זיצט ער אין דערחיים !...
(העכער.) זאָל דיר גאָט באצאָהלען דערפאר !
מ א י ר. ווייבער קאָנען אָהן גאָט נישט לעבען !
ש ר ה. געה צו איהם, געה... (זאָגט איהר עפּעס זעהר שטיל.)
מ ר י ם (שווייגט אומרוהיג פאַרשעמט.)
ש ר ה. האָסט עס געוואוסט...
מ ר י ם. איך האָב עס פארשטאַנען...
ש ר ה. נו, געה... געה — צו דער מאשין... איך וועל אפשר נאָך איינשלאָפען !
מ ר י ם (טרעט אָפּ פון בעט, פאררוקט צוריק דאָס ווענטעל. זעצט זיך צוריק. פויזע.)
מ א י ר. נאָך וואָס ביסט דו צו אונז געקומען, פריצה ?
מ ר י ם. נישט צו דיר. די מומע האָט געשריבען... פלעגסט זי אליין לאָזען... אויף פארזאמלונגען געהן... די בריף זענען דורכגענעצט געווען פון טרערען.
מ א י ר. און עס האָט דיך געריהרט ?
מ ר י ם. נישט קיין רחמנות ?
מ א י ר. א טייערער ביסען רחמנות — פאר אן אָרעמאן. אן עושר — עס ווערט איהם וואָרעם ביים הארץ, כאַפּט ער ארויס א קערבעל און קיהלט זיך אָפּ. אן אָרעמאן מוז זיך אוועקגעבען ! — אינגאַנצען !
מ ר י ם. מיין גוטער ווילען.
מ א י ר. און דאָ בלייבסט דו — לאַנג ?
מ ר י ם (פּעסט). איך בלייב !
מ א י ר. ביסט דו א נאַר... א מיידעל איז יונג, שעהן...
מ ר י ם (שמייכלענדיג דורך טרערען). שעהן אויך, מאיר ?
מ א י ר (נישט אָכטענדיג). און א פרייער פויגעל — — — איינע אליין — — —
מ ר י ם. ביסט שוין אמאָל געווען איינער אליין ?
מ א י ר. ניין...
מ ר י ם. זאָל דיך גאָט דערמיט נישט שטראָפען...
מ א י ר. ווען איך בין אליין — —
מ ר י ם. יואָס וואָלסטו געטאָן ?
מ א י ר. אוועק וואָלט איך... אוועק ?...

מ ר י ם. פון דער קראַנקער מאַמען?

מ א י ר. „אַליין“ — האָב איך געזאָגט...

מ ר י ם. און פון מיר?

מ א י ר. — — דו וואָלסט ערשט די פליגעל צושפּרייט! אַ פרייער פויגעל... מיט דיין שעהנקייט... די וועלט וואָלט פאַר דיר אָפען געשטאַנען...

מ ר י ם (שפּרינגט אויף פאַרציטערט). וואָס ווילסט דו פון מיר, מאיר? וואָס פאַר'סמ'סט דו מיר דאָס בלוט! (געהט האַסטיג איבער דער שטוב.) ווי פיינט דו האָסט מיך!

מ א י ר. איך האָב אַלע פיינט! פאַרוואָס דיך נישט?

מ ר י ם (שטעלט זיך פאַר'ן אָפּ). מיך האָסט דו באַזונדער פיינט!

מ א י ר. עקסטראַ!

מ ר י ם. און ווייסט דו פאַרוואָס, מאיר, דו האָסט מיך פיינט?

מ א י ר. פאַרוואָס זאָל איך דיך האָבען ליעב?

מ ר י ם. דוקא פאַרקערט! ווייל דו האָסט מיך ליעב! ווייל דו ליעבסט מיך, האָסט דו מיך! האָסט מיך פיינט, ווי אַ קראַנק קינד האָט פיינט זיין מעדיצין... פון וועלכער עס קאָן גע־נעזען ווערען!

מ א י ר. אין וועלכען ראַמאַן האָסטו עס געלעזען?

מ ר י ם. ניין, מאיר! איך זעה... פאַר מיר באַהאַלטעסט דו דיינע אויגען, אָדער קוקסט מיט האַס; און לאָז איך נאָר דעם קאָפּ צו דער אַרבייט אַראָפּ — שוועבט שוין גאָן אַן אַנדער בליק אי־בער מיין קאָפּ... געה איך נאָר אָפּ פון דיר און דרעה מיך אויס, ווערט דיין מאַשין שטילער. בלייבט זי שטעהן און דיין בליק ברענט מיר די אַקסעל — — —

מ א י ר. משוגע!

מ ר י ם. דערווייל נאָך נישט... נאָר מען קאָן, מען קאָן משוגע ווערען — — (זעצט זיך צוריק צום טיש, פאַרבאָרגט דעם קאָפּ אין די הענט, ציטערט פון אַ פאַרשטיקטען געוויין.)

מ א י ר (ווייכער). מרים!

מ ר י ם (נעמט די הענט אַוועק). וואָס, מאיר?

מ א י ר (געריהרט). דו וויינסט?

מ ר י ם (בעטענדיג). מאיר, האָב רחמנות! — האָב רחמנות אויף זיך אליין, מעהר ווי אויף מיר... (שטעלט זיך אויף, דרעהט זיך אויס, אויסצואווישען די טרערען.)

מ א י ר (שלאָגט זיך אָוויילע מיט דער דעה, נעמט ענדליך פון בוזעם־טאַש אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע, דערלאַנגט איהר). איך טאָר נישט, מרים!

מ ר י ם (נעמט די פאָטאָגראַפיע מיט ציטערדיגע הענט — באַטראַכט — פאַלט צוריק אויפ'ן בענקעל — די פאָטאָגראַפיע פאַלט איהר פון האַנט אַרויס אויפ'ן טיש, הייזעריג). אַ? דאָס איז נידערטרעכטיג... האָסט ליעב אַן אנדערע און האָסט פארשוויגען — — —

מ א י ר (שטרענג). עס איז קיין אנדערע, מרים... מיין מאַמע איז עס... מיין מאַמע, מיידעלוויין — (פויזע.)

מ ר י ם (קומט לאַנגזאַם צו זיך — מיט טרערען פאַר פרייד). דיין מוטער... ווי שעהן... ווי געטליך שעהן —

מ א י ר. געוועזן! — מיין טאַטע איז אויך אַ שעהנער געווען... אויך אַ שניידער־געזעל, נאָר — אנדערע צייטען, בטחון געהאַט... גאָט פארלאָזט נישט... ווער עס שפּייזט אַ ווערימעל... און אַ חופּה געשטעלט... צוויי מתים...

מ ר י ם. און נישט גליקליך געלעבט — —

מ א י ר. דלות לאָזט נישט לעבען — — פון זיבען בין איך איינער געבליבען — — פון די וויגען אוועקגעטראָגען — איינס פון וואַסער ארויסגעצויגען! (ווייזענדיג צו דער מוטערס בעט.) און דאָס איז געבליבען פון דער געטליכער שעהנקייט... (פויזע.) אַ לעבעדיגער מת!

מ ר י ם (פארשטעלט זיך דאָס פּנים און וויינט.)

מ א י ר (זעהר געריהרט). מען טאָר נישט, מרים! עס איז אַ זינד... מיין טאַטע פלעגט אויף דער עלטער צו רייבע ארומגעהן נאָך הילף... „אויף קהל'ס חשבון קינדלען און באַגראָבען — האָבען זיי געזאָגט, — איז אַ זינד!"... (פויזע.)

מ ר י ם. מאיר... גאָט קאָן העלפען... האָף צו גאָט!

מ א י ר (מאַכט אַוועק מיט דער האַנט.)

מ ר י ם. און אפשר... אפשר...

מ א י ר. וואָס אפשר? מרים!...

מ ר י ם. אפשר וועט גאָט העלפען, עס וועט נישט זיין... קיין... קיין קינדער!

(הינטער'ן ווענטעל פאַלען אַראָפּ טעלער און גלעזער פון טישעל.)

(פאַרוואונדערטע פויזע.)

מ א י ר. אַראָפּגעפאַלען, ציי זי האָט געהערט און אַראָפּגעוואָרפען! (געהט צו צו איהר מיט אויסגעשפּרייטע הענט.)

ש כ נ ה (קוממ אַריין). מזל טוב!

(פ אַ ר ה אַ נ ג.)

צווייטעס בילד.

(צעהן־צוועלף יאָהר אָרום.)

דאָס זעלבע צימער, בעל־בת׳ישער איינגעריכטעט; רעכטס — צוויי בעטען; לינקס — אַ קאַנטאָרקע; אין מיט — אַ קליין גאַרניטור ביליג מעבעל. די טיר אין צווייטען צי־מער אריין איז אָפען, עס זעהען זיך שניידער־געזעלען ביי דער ארבייט, דאָס גערויש פון פוס־מאַשינען.

מ א י ר (זיצט ביי דער קאַנטאָרקע איבער רעכען־ביכער; דער־נערווירט, בייזע באַוועגונגען.)—

מ ר י ם (זיצט אויף אַ בעט, דאָס געזיכט אין די הענט.)

(איינשטימיג געזאַנג פון צווייטען צימער:)

מיר שווערען ביי דער ליכטיגער זון—ליכט מוז זיין פאַר אַלע!
מיר שווערען ביים פרייען פעלד — — ברויט מוז זיין פאַר אַלע!

(דער רעפריין ווערט אויפגעכאַפּט פון עטליכע שטימען.)

מ א י ר (רופט אין דער צווייטער שטוב אַריין). שטיל זאָל זיין! נישט פאַר זינגען צאַל איך מיין בלוט! (עס ווערט שטיל.)

מ ר י ם (זיפצט.)

מ א י ר. און דו, קווענקע נישט! — נישט מעגליך אַ רע־כענונג צו מאַכען!

(פון יענער זייט ווערט מיט אַן אימפעט צוגעוואָרפען די טיר צום שלאָס.)

מ א י ר. קלאַפּען זאָל עס אייך אין די קעפּ!

מ ר י ם. אך, גאָט, גאָט — וואָס פון אַ מענש ווערט!
מ א י ר. שווייג!
(פויזע. דאָס געזאַנג פון צווייטען צימער הערט זיך אָהן ווערטער.)
אַ ש נ י י ד ע ר - ג ע ז ע ל (קוממ אַריין.)
מ א י ר. וואָס אַזוי שפּעט?
ש נ י י ד ע ר - ג ע ז ע ל. אַ קינד איז מיר אוועקגעפאַלען.
מ א י ר. וועל איך רעכענען אַ פיערטעל טאָג! —
ש נ י י ד ע ר - ג ע ז ע ל (איבערגעהענדיג צום צווייטען צימער). עקספּלואַטאַטאָר! (וואַרפט הינטער זיך צו די טיר.)
מ ר י ם (שטילער אַלס פריהער). וואָס פון אַ מענש קאָן ווערען.
מ א י ר (פאַרטיפט זיך אין רעכענען.)
מ ר י ם (נאָך אַ פויזע, זעהר טרויעריג און לאַנגזאַם). אַרויס־געזאָגט אין אַ ש ל ע כ ט ע ר שעה... אין אַ בייזער שעה... ג אָ ט ס א ו י ע ר הערט... אליין זיך פאַרשאָלטען... אַ מענש טוט זיך נאָר אַליין...
מ א י ר. ווערסט שווייגען אַמאָל?
מ ר י ם. ווי אַזוי רעדסט דו צו מיר, מאיר? נישט אַזוי פלעגסט דו רעדען אַמאָל.
מ א י ר. האָסט מיך געקענט... נישט געדאַרפט צורעדען...

(פויזע.)

מ ר י ם. היינט איז דער חופה־טאָג געוועזן...
מ א י ר. אַ יאָהר־צייט!... אַזוי פיעל יאָהרען באַגראָבען...
מ ר י ם. באַגראָבען... גאָר באַגראָבען? קיין גליק איז ג אָ ר נ י ש ט געוועזן? האָסט מיר גאָרנישט קיין גוטס צו פאַרדאַנקען... מאיר!
מ א י ר (געריהרט). פאָלג מיך, מרים — רעד נישט דער־פון... אַזוי קאָן נישט זיין... עס קאָן אַזוי נישט בלייבען... און וואָס? ! מיר זענען דאָך נישט צוגעשמידט מיט אייזערנע קייטען... לאָמיר זיך נישט שווער מאַכען דעם לעצטען טאָג... נעם בעסער דעם שאַל, געה אַראָפּ, קויף עפּעס איין...
מ ר י ם (וויל עפּעס זאָגען.)
מ א י ר. רעד מיך נישט איבער... עס מוז אַמאָל קומען די

צייט... און וואָס שפּעטער איז ערגער — פאַר דיר... ד י י ן טובה מיין איך... געה, מרים, געה. לאָמיר נאָך היינט צוזאַמען מיטאָג עסען...

מ ר י ם (רעזיגנירט). גוט... איך געה. (הויבט זיך אויף, נעמט דעם שאַל, געהט, וואַקעלדיג איבער׳ן צימער צו דער טיר.)

מ א י ר (מאַכט זיך גלייך ער איז צוריק פאַרטיפט אין חשבונות.)

מ ר י ם (אין טיר). צו ווידערזעהן!

מ א י ר (ענטפערט נישט, גלייך ער הערט נישט.)

מ ר י ם (וואַרפט אויף איהם אַ געבעט־בליק.)

מ א י ר (דערפיהלט דעם בליק און לאָזט נידעריגער דעם קאָפּ איבער׳ן בוך אַראָפּ.)

מ ר י ם (וויל זיך צואווייגען. געהט געשווינד אַרוים.)

מ א י ר (אָטעמט אָפּ). אַ! (שטעהט אויף, געהט האַסטיג אי־בער דער שטוב.) אוים אייזען מוז מען זיין — — — און וואָס? כ׳וועל זי דאָך פאַרזאַרגען — — — עס מ ו ז זיין אַ סוף —

א ש נ י י ד ע ר ־ ג ע ז ע ל (קומט פון צווייטען צימער). בעל־הבית, איך מוז היינט אהיים געהן פריהער —

מ א י ר (האַסטיג). געה!

ש נ י י ד ע ר ־ ג ע ז ע ל (קוקט פאַרוואונדערט, נאָך אַ ווײַלע). גיט מיר אַ רובל אוואַנס!...

מ א י ר (האַסטיגער). מאָרגען, מאָרגען — געה... געה!

ש נ י י ד ע ר ־ ג ע ז ע ל (ציהט די אַקסעל, געהט אַרוים.)

(דורך דער אָפענער טיר הערט זיך אַ שטיל־געצויגען געזאַנג):

עס יאָגען, ס׳ציהען שווערע וואָלקען,\
עס בלאָזט און פייפט דער ווינט!\
פון סיביריען שיקט דיין טאַטע — —

מ א י ר (מיט קנאה). מענשען זינגען. (געהט צו, פאַרמאַכט לאַנגזאַם די טיר.)

(עס הערט זיך די מעלאָדיע אָהן ווערטער.)

(מאיר געהט אויף און אָפּ—געריהרט.)

ש כ נ ה (קומט אריין). גוט מארגען!... (בלייבט שטעהן אין טיר.)

מ א י ר (וויר). גוט יאהר... איהר זוכט מיין ווייב? ארויסגעגאנגען...

ש כ נ ה. כ'ווייס... איך האב זי אראפגעפיהרט פון די טרעפ. זי איז אזוי שוואך... (פויזע). אונטען האט זי זיך צואוויינט.

(פויזע.)

מ א י ר (פארציהט א הארט פנים). נו, איז וואס?

ש כ נ ה. ווארט א רגע. (לויפט איבער דער שטוב, עפענט דאס צימער צו די שניידער־געזעלען.)

מ א י ר (צולאכט זיך). כא־כא־כא! מורא געהאט פאר יחיד.

ש כ נ ה (צוריקגעהענדיג). איך ווייס, איהר וועט אויף מיר קיין בעלן נישט זיין... נאר, אז די היילינע תורה זאגט: ניין! איז — ניין!

מ א י ר. הכלל —

ש כ נ ה. הכלל, עס איז א רחמנות!

מ א י ר. א ביליגע זאך — רחמנות! — און אויף מיר איז קיין רחמנות נישט? (ארויספלאצענד.) און פאר וועמען הארעוועט מען? פאר וועמען רייסט מען איין די וועלט? שינדט מען — —

א ג ע ז ע ל (פון צווייטען צימער). ביים ארבייטער די הויט!

מ א י ר (ווייזט א פויסט צו דער צווייטער שטוב.)

ש כ נ ה. אוי, ר' מאיר, ר' מאיר — איהר רעדט אליץ פון עולם הזה, וואלט איהר כאטש גערעדט וועגען א קריש — איבער הונדערט און צוואנציג יאהר פאר דער נשמה וועגען!...

מ א י ר. זאל זיין דאס —

ש כ נ ה. אויף איהר איז אבער מעהר רחמנות — אזא גוטע נשמה — —

מ א י ר (פאר־ענדערט דעם קול, איינשמייכעלדיג). זעצט אייך, שכנה. (זעצען זיך צום טיש.) — אדרבה — איהר האט רחמנות, איך האב אויך רחמנות — „א גוטע נשמה“, זאגט איהר, איך זאג נאר: א כשר'ע נשמה... אבער עס מוז דאך א סוף זיין —

ש כ נ ה. אודאי איז שלעכט...

מ א י ר. א קונץ צו זאָגען „שלעכט“!... אז מען איז אבער א שכנה, און מען האָט רחמנות, מאכט מען שלום...

ש כ נ ה (פאַרוואונדערט). איהר קריגט אייך דען?

מ א י ר. כ'מיין — —

ש כ נ ה. ניין, ר' מאיר... שלום מאכען טאָר איך נישט... קעגען דער תורה הקדושה... א שפּאָס, די ערשטע מצוה!

מ א י ר (אומגעדולדיג). נישט דאָס מיין איך... שלום צום גט!...

ש כ נ ה. חס־ושלום, חס־ושלום! א פינגער אין שפּאַלט פון טיר לעג איך נישט...

מ א י ר (בייז, שטעהט אויף). נו, גערהט מיר געזונטערהייט.

ש כ נ ה (שטעהט אויף, געהט. דרעהט זיך אום שוין אין טיר). פונדעסטוועגען פאָלגט מיך, ר' מאיר — פרעגט א שאלה... אפשר וועט מען מתיר זיין — וואָס תלמידי חכמים קאָנען...

א ש ט י מ ע פ ו ן ה ו י ז. געהסט אין שטוב אריין? ס'קינד רייסט זיך! —

ש כ נ ה. איך געה, איך געה. (אָפּ.)

מ א י ר (נעמט זיך מיט געוואלד צום חשבון, רעכענט הויך). זיבען און פינף איז צוועלף און ניין איז צוויי און דרייסיג. (שטוי־לער. דערנאָך.) זיבען און זעכציג און אכט און זעכציג — (בייז.) א שווארץ יאָהר — עס דרעהט אין קאָפּ... סאמע טעותים — בדיל הדל וועל איך ווערען — אז עק מוז עס האָבען!

מ ר י ם (קומט צוריק, נישט איינגעקויפט, וואַקעלט זיך צו צום בעט, וויל זיך לעגען). כ'האָב נישט איינגעקויפט.

מ א י ר (שטרענג). כ'האָב דיר שוין נישט איינמאָל גע־זאָגט, בייטאָג לעגט מען זיך נישט... ס'קאָן א סוחר קומען —

מ ר י ם. פאַרוואָס מאַטערסט דו מיך נאָך, מאיר?

מ א י ר. ווער מאַטערט דיך? ווייסט, מענשען קאָנען קו־מען. עס מוז אויסזעהן ליטיש... אנישט גיט מען קיין קרעדיט! געשעפט איז געשעפט! — — און דו ווייסט, ווען נישט דאָס. וואָס דו ווייסט, וואָלט איך א ניי שפּאַניש ווענטעל געקויפט... דער מאַמעס, עליה השלום, איז צוריסען, א חרפּה. — —

מ ר י ם (וויינענדיג). וועסט קויפען, וועסט קויפען! פאר אן אנדערע...

מ א י ר (שטעהט אויף). א מענש דארף זיין א מענש! און וואס? וואס פאר אן אומגליק? (געהט נעהנטער צו.) כ'לעבען, גארנישט! וואס איז? חס־ושלום, אזוי אלט ביסט דו? (נעמט א בענקעל, זעצט זיך רייטענדיג, פאהרט צו אויפ'ן בענקעל נעהנטער צום בעט.) גלויב, מיר, מרים, די וועלט איז א וועלט... די זון איז דיר נישט אונטערגעגאנגען, חס־ושלום! א שעהן ווייבעל, ברוך השם, ביסט דו דאך — זאלסט דיך נאר נישט אזוי אפלאזען!... אויגען האסט דו... נאך וואס פאר אויגען!... זאלסט זיי נאר נישט אזוי אויסוויינען — א שאד אזוינע אויגען — —

מ ר י ם (וויינט שטיל). וואס דו רעדסט, מאיר!

מ א י ר. און א פאר הונדערט וועסטו באקומען...

מ ר י ם (שפרינגט אויף). שלאנג!

ב י ת ־ ד י ן ־ ש מ ש (קומט אריין). גוט מארגען — דער רב שיקט רופען —

מ א י ר (ארויסשרייענדיג). אזוי פריה!

פ א ר ה א נ ג.

וואָס אין פידעלע שטעקט.

(טעאַטער שטיק)

פערזאָנען:

יואל — פינף און פיערציג — פופציג יאָהר. אַ פאַרבענקטע, אייביג זוכענדיגע פערזאָן. טרינקט. פיהרט אין אַ מיטעל־פּוי־לישער שטאָדט אַן אָרקעסטער, אין וועלכען עס שפּילען:
שמאי און
לוי — צווילינגס־ברידער —
שמעון,
מאיר און
יונה — צווילינגס־ברידער און
חיים — דער מוזיגיק, זיינע זעקס זיהן, פון וועלכע חיים איז דער עהנליכסטער צו איהם.
מירל — זייער מוטער, יואל'ס ווייב, געעלטערט, מעהר פון ליידען אַלס פון יאָהרען. ציטערן, איבערהויפּט אין די אויגען פון אַן אַמאָליגער גרויסער שעהנקייט.
בדחן — אַ פאַטאַליסטיש־מיזאַנטראָפּיש געשטימטע פיגור.
די שווארצע פּעשע — געקומען פון אַ גרעסערער שטאָדט אַהער צו גאַסט; גרויסשטעדטיש געקליידט. אויסערליך — שטאָלץ, נישט צולאָזענדיג. אינערליך שטימונגס־מענש; עט־וואָס סאַמנאַמבול. פון אַ יאָהר עטליכע צוואַנציג.
גרינציג — אַן אַלטער בחור. רייך, אָבער געשמאַקלאָז געקליידט.
קייט און זייגער, רינגען, ברילאַנטענע ספּינקען, א. ד. גל.
דיין, שמש, חזן, משוררים, חתונה־געסט, צווישען זיי ר׳ עזריאל, סארווער, שכנה און אַנדערע.

דער ערשטער אַקט שפּילט זיך זומער, דער צווייטער — ווינטער, דער דריטער — ענדע הערבסט.

אין הינטער־גרונט — אַן אלט־געבויט איינשטאָקיג הויז מיט אַ גרוימען, אָפענעם גאניק אויף טרעפּלעך, וואָס פיהרט אין אַ קאָרידאָר מיט טירען: רעכט — צו דער וואוינונג, לינקס — צו דער קיך. דער הויף פאַר'ן הויז, וואָס פאַרנעמט די רעשט סצענע איז אמאָל אַ גערטעל געווען, פאַראַן נאָך צואוואָרפענע שטאַמען פון בוימער, וואָס מען האָט אויף האָלץ פאַרניצט, צייכען פון קלאָמבען. ערטערוויז — נישט אינגאַנצען אויסגעטרעטען גראָז. צופעליג זענען גאַנץ געבליבען פון איין זייט הויף — אַן אָפּגעשטאָרבענער הוילער דעמב, מיט צולעגטע טרוקענע צווייגען. פון דער אנדערער זייט — עטליכע צוזאמענשטעהענדיגע צו יונגע בוימלעך אויף האָלץ. אין מיט הויף — א פלומפּ.

לינקס זענען הויז און הויף אָפּגעטיילט דורך א שטאַכעטען־צוים פון א שמאָלען און א שטילען הינטער־געסעל.

אויפ'ן גאַניק — פון געוועהנליכען ווייסען האָלץ: טיש, שטולען און אַ באַנק־בעט. אויף דער וואַנט: רעכטס—אַן אַלטער צובראָכענער שפּיגעל; לינקס, אין ווינקעל — א דעמאָלירטער ביוסט פון א קאָמפּאָזיטאָר.

אין הויף — אין שאָטען פון די בוימלעך — אַ מוזיק־שטענדער, צוקאָפּענס אַ גראָז־באַנק. אויף די בוימלעך, ווי אויפ'ן אלטען בוים—אויסגעשניצטע איניציאַלען פון נעמען.

אַ הייסער פאַר־מיטאג. אין געסעל געהט ווער זעלטען דורך. דורך דעם אָפענעם קיך־פענסטער זעהט מען, ווי מירל פּאָרעט זיך ביים פייער אויפ'ן קוימען, בריהט מילך, וואשט גלעזער א. ד. גל.

די מענער זענען, קענטיג, זעהר שפעט געקומען פון חתונה: די פענסטער פון דער וואוינונג זענען פון אינעווייניג נאָך פאַרלאָדענט. מען שלאָפט נאָך דאָרט. שמאי, שמעון, מאיר און יונה שלאָפען אין דרויסען. שמאי — אויפ׳ן גאניק אין באַנק־בעט; שמעון — אויף דער גראָז־באַנק; מאיר און יונה — אונטער׳ן אַלטען בוים. זיי האָבען זיך אַרויסגעבראַכט קישען און געוואָרפען זיך אויף די ערטער אין די קליידער, קוים אַראָפּגעוואָרפען דאָס שוך־וואַרג און די האַרטע, דורכגעווייקטע וועש, וואָס וואַלגערט זיך, גלייך מיט די מוזיק־אינסטרומענטען, ביי די געלעגער.

(בדחן קומט אָן פון געסעל צום חויף צו.)

מירל (האָט אויסגעוווישט דאָס לעצטע גלאָז, געשטעלט אויף אַ טאַץ. געהט צו צום פענסטער; קוקט, צי די זיהן שלאָפען נאָך). נעבעך... אַהיים געקומען, — גרויסער טאָג געווען... מ׳האָט שוין פרישע בייגעל געטראָגען... (וויל זיך צוריקציהען, באַמערקט דעם בדחן, וואָס קומט פון געסעל, שטעלט זיך אָפּ ביי די שטאַכעטען, נעמט פון טאַש אַרויס אַ פלאַש און טרינקט אָפּ.) — שלענדערט זיך ארום... אַ זופּ און אַ זיפּץ... אַ זיפּץ און אַ זופּ... און רעדט דעם אַלטען נישט אַ וואָרט... „וואָס באַשערט איז באַשערט“.

בדחן (האָט צוריק באַהאַלטען די פלאַש, קומענדיג אין מיט חויף אַריין; מיט׳ן טאָן פון שול־קלאַפּען). שטעהט אויף, אידעלעך, כשר׳ע, פרומע אידעלעך — לעבודת — —

מירל. שטילער, וועסט וועקען דעם אַלטען!

בדחן. ר׳ אי׳דען געשלאָפען?

(מירל ראַש אָפּ.)

שמאי (שוין אויפגעזעצט, מיט אַ בליק צום הויז). דאָרט מאַכט מען דען אַן אויג צו? — דער אַלטער וואַרפט זיך, ווי אַ שלאַנג אין בעט... די אַלטע — גראָבט ס׳פּנים אין קישען אַריין און שלוכצט — — וואָס מאַכט לאה?

בדחן (זעצט זיך אויף אַ שטאָם פון אַ בוים. פינסטער). אַזוי...

מ א י ר. וואַקעלט זיך אַרום, ווי אַ שאָטען...

י ו נ ה. די נשמה, — זאָגט זי — איז איהר איינגעהילט אין אַ נעבעל.

ש מ ע ו ן. זיינע רייד... אַלע רעדען מיט זיין לשון... אַלע יאָהר אַן אַנדערע...

ש מ א י. אָבער אַ יונג מיט ביינער, דער אַלטער! טרינקט אויס דאָס קעלישיקעל — באַץ!

ש מ ע ו ן. און וואָס זאָגט אייער לאה אַצינד?

ב ד ח ן. הערסט דאָך! אַ קעלישעק... אַ קלונג געטאָן, — שטיל געוואָרען...

ל ו י (אַרויסקומענדיג צום שפּיגעל זיך גאָלען). דער אַלטער פאַרבט זיך שוין די האָר...

ש מ א י. וויל נישט אַלט ווערען.

ב ד ח ן. מען מוז!

ש מ א י. אַז די אַלטע פאַרשליסט די פלאַש, באַפאַלט איהם אַ בענקעניש, און ער ווערט — פאַרפאַלען... קומט ער צוריק גרוי, ווי אַ טויב, איינגעשרומפּען, ווי אַן אַלטע ציטרין.

מ א י ר. אָבער מיט אויגען קלאָרע...

י ו נ ה. אַ נשמה אַ נייע...

ל ו י. און אַ נייע נשמה, — דאַרף עפּעס נייעס!

מ י ר ל (אַרויסקומענדיג מיט הייסע מילך). קינדער, דאָס איז אייער ברכה, אין דערפריה? (איבערוועלטיגט זיך, צוגיסט די מילך, צום שדכן, קאַלט.) טרינקען אַ גלאָז מילך?

(אָפּ, נישט אָפּוואַרטענדיג קיין ענטפער.)

ב ד ח ן (מעהר צו זיך). פאַר גסיסה, אפשר...

ל ו י (אויף דער מוטער). וואָס פאַר אַן אויערען דאָס האָט! (הויבט אָן פייפען אַ פאַרבענקטען מאָטיוו, אַנדערע נעמען מילך, צוגעהן זיך איבער'ן הויף מיט די גלעזער.)

ש מ א י. דעם אַלטענס נעכטיג האַרץ־רייסעניש... (טאָן ענהערונג.) כ'בינ'ם אַריין מיט'ן באַס, האָט ער אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגען!

ב ד ח ן. ביסט אַריין, ווי אַ שכור מיט דער פויסט אין שפּיגעל...

ש מ אַ י (פאַרענטפערט זיך). דער עולם איז נישט צופרידען געווען. — געפרעגט: אַ חתונה צי אַ הספד...

ב ד ח ן. ווארף פערעל פאר — חזירים...

ח י י ם (פאַלט אַרויס פון שטוב עמפערט, מיט אַ פידעל אין דער האַנט). דאָס איז צום פייפען, דאָס?

מ אַ י ר. ער וועט פייפען „כל נדרי" אויך...

י ו נ ה. וידוי אויך...

ב ד ח ן. וואָס עס וועט איהם זיין באשערט...

ח י י ם (שפּילט ביי דער גראָז־באַנק דעם זעלבען מאָטיוו. מירל באַווייזט זיך אין פענסטער. דאָס געסעל ווערט ריהרעוודיגער. מאַנכע שטעלען זיך אָפּ ביי די שטאַכעטען.)

ב ד ח ן. שניידט זיך אַ טאַטע!

מ י ר ל. זאָל גאָט היטען!...

(ציהט זיך עטוואָס צוריק.)

ש מ ע ו ן. אַבער, ווי ר'האָט עס געשפּילט, דער אַלטער!... לוט שכור געווען...

ש מ אַ י. די פידעל האָט'ם אין דער האַנט געציטערט...

ל ו י. די צונג איז מויל געדרעהט... מיט'ן פיסעל צוגעקלאַפּט. (נאָכמאַכענדיג.) שבת... שבת...

ש מ ע ו ן. און פּלוצלונג, — מיינער איז שוין אויף יענער וועלט.

מ אַ י ר. פערעל האָבען זיך געשיט...

י ו נ ה. אַ זילבערנע שוים געצויגען... אַ בלומען־קראַנץ געפלאָכטען...

ש מ אַ י. באַ, אַז זי באַווייזט זיך!

מ י ר ל (אַרויספאַלענדיג פון קאָרידאָר). ווער? (די זיהן צוגעהן זיך. זי קוקט זיך פאַרשענדיג אום. — אָפּהענדיג.) שוין ווייטער עפּעס נייעס!

(אומרוהיגע פויזע. מען ווינקט זיך איבער.)

(אין געסעל באַווייזט זיך די שוואַרצע פעשע. זי געהט פאַר־ביי שטאָלץ, הערט זיך איין, מיט אַ קוים אונטערדריקטען שמייכעל, צו דער מוזיק, וואַרפט אין פאַרבייגעהן פאַרשטוי־

לענע בליקען צו יואל'ס פענסטער. אומגעהייערער איינדרוק אויף יואל'ס זיהן. מירל קאָן פון איהר קיין אויג נישט אָפּרייסען.)

בדחן. אַט, דער נייער יצר־הרע!
לוי. אַ שטיק מאַרמאָר!
מאיר. אַ מלכה!
יונה. אַ בת מלכה...
שמאי. אַ מלכה שבא! זי כשופ'ט!
מאיר. וואַרפט אַ בליק, מיט רענדלעך באַשיט...
יונה. אַ שמייכעל — מיט ליכט באַגאָסען...

מירל (וואָס האָט אַלץ געהערט, מעהר מיט'ן האַרץ, ווי מיט די אויערען, צו חיים'ען, ווי פון בליץ געטראָפען). שפּיל נישט! (חיים הערט אויף. פויזע. פאַרבייגעהער אָפּ. די שוואַרצע פּעשע גיט אַ ציטער. איבערוועלטיגט זיך דאָך ראַש, און געהט לאַנגזאַם פאַרביי, קוקענדיג אויף מירל'ען מיט שטאָלערנע אויגען.) אַ בעטלערין איז זי! אַן אָרעמע, די אָרעמסטע בעטלערין! פון זיין ליעבען נאָמען האָט זי אַ מתנה — שעהנקייט באַקומען... אַבער פאַרגעסען האָט ער איהר צו געבען — אַ האַרץ... אַ געפרוירענע נשמה האָט ער איהר געגעבען... אַ שטיק מאַרמאָר שלענדערט זי זיך אַרום אויף דער וועלט... זוכט ליכט, זוכט וואַרעמקייט... און וואו זי טרעפט אַ מענש מיט אַ ליכטיגערער נשמה, מיט אַ וואַרעמערען האַרץ, שטעלט זי זיך אָפּ, גלאָצט אויס די אויגען, שטעלט אויס די האַנט און בעטעלט און סקאָמלעט: אַ פונק! אַ פונק!...

יואל (אַרויסקומענדיג פון שטוב). מירל!

מירל (פאַלט קראַמפּהאַפט אויף אַ שטול, פאַרבאַרגענדיג דאָס פּנים אין די הענט). ער וועט עס מיר נישט מוחל זיין, קיינמאָל נישט מוחל זיין! (יואל קעמפט מיט זיך... די שוואַרצע פּעשע פאַרשווינדט. יואל געהט צו צו מירלען, גלעט זי באַרמהאַרציג־מיטליידיג איבער'ן קאָפּ. מירל שפּרינגט אָבער, ווי עלעקטריזירט, פון אונטער זיינע הענט, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ וואַנט, ציטערט... דערנאָך צו יואל'ן, וואָס קוקט אויף איהר אַלץ אינאיינעם שולדיג און בעטענדיג, שוואַך מיט ראַש־שטייגענדער אויפרעגונג.) וואָס קוקסט דו אויף מיר — וואָס זוכסטו ביי מיר? — וואָס? מיין געזונט? מיין שעהנקייט?

(נאָכמאַכענדיג זיינע אַמאָליגע רעד.) מיינע בעקעלעך — די רויטע? די ליפּעלעך — די קרעלענע? די אויגען די גרויסע, די שטראַ־לענדיגע? נישט דאָ! אוועקגעגעבען. (שטרייכענדיג מיט׳ן בליק ווידער יואל׳ן און די זיהן.) דיר — זיי! (יואל מאַכט אַוועק מיט דער האַנט. לאָזט זיך אַראָפּ פון גאַניק. מיט שרעק.) וואוהין געהסט דו?

יואל (זיך איבערדרעהענדיג, אָפּבעטענדיג). כ׳מוז... מיך שטיקט דאָ, מיך ווארגט דאָ!

מירל (קורץ און האַסטיג באפעהלענדיג). ווארט! (יואל בלייבט שטעהן. זי לויפט אַריין אין שטוב. קומט ראַש אַרויס מיט אַ פלאַש בראַנפען, שפּילט איהם אַקעגען.) נאַ! — טרינק בעסער...

(יואל וואַקעלט זיך.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

צווייטער אקט.

אַ האָכציימ־רוים. טירען: רעכטס — צום שפייז־זאַל, לינקס — צום פאָרצימער. אין הינטער־גרונט — אַ ברייטע אָפענע אַרקאַדע אין טאַנץ־זאַל אַריין.

עס איז ערשט נאָך א חופה. חתן־כלה זענען אין שפייז־זאַל ביי דער גילדענער יויך.

פון טאַנץ־זאַל, וואו איינצעלנע געסט זענען נאָך געבליבען, ווערט אַרויסגעטראָגען די חופה, צושטעלט די אָלעאַנדערס, צוזאַמענגעוויקעלט און אַוועקגענומען דער דיוואַן מיט די געגנג. פון שפייז־זאַל הערט זיך דאָס גערודער פון ווינשע־ווען. א געקלינגעריי פון גלעזער. באַלד דערנאָך „מי שברך׳ס" פון חזן מיט די משוררים. גראַמען—פון בדחן. אין צימער, אויסער דין און שמש, (דער לעצטער עטוואָס פאַרנעבעלט) וואָס דרעהען זיך ארום פאַרגעסען, שטעהען די קלעזמער — יואל׳ס זיהן, אָהן דעם פאָטער, מיט די אינס־טרומענטען אין די הענט, גרייט צו ווייוואַטען. סאַרוועך דע־קען זיי א טישעל מיט טרינקען און פאַרבייסען. לאה שטעהט אין דער אָפענער אַרקאַדע, אפוועזענד פאַרקוקט אין דער איינגאַנגס־טיר.

לוי. — ז׳האָט געכאַפּט א העכט!

שמעון. געלויבט איז גאָט, איבערגעקומען! ווען דער אַלטער פּאַלט אריין...

שמאי. געשטאַנען, ווי א שטיק מאַרמאָר אונטער דער

חופה... נאָר די ברעמען האָבען געציטערט. האָט אלץ פארשטוילען
אהער געקוקט: צי קומט ער נישט...

ע ר ש ט ע ר ס א ר ו ו ע ר. אבער ברילִיאנטען געזעהן?
די קאַליע!

צ ו ו י י ט ע ר ס א ר ו ו ע ר. דער מוטערס, דעם חתן׳ס.
א כשר׳ע אידענע געווען... דרעהט זיך דאָרט אין קבר איבער...

ש מ ש (צוקומענדיג). און מיין כשר׳ע צנועה — פאר־
זיצט...

ד י ן (ציהט׳ם אַוועק). קום שוין, אלטער שכור...

(סאַרוועֶר אָפּ, קלעזמער שטעלען זיך, נישט אָפּלעגענדיג די
אינסטרומענטען, אַרום טישעל. שמש וויל אַלע מאָל צו, דער
דין שלעפּט איהם וואָס אמאָל אַוועק.)

ח י י ם (מיט כבוד צו לאה׳ן). נעם עפּעס, ניפּ אביסעל
וויין...

(זי הערט נישט, צוויי מיידלעך געהען פון טאַנץ צום שפּייז־
זאַל, שטעלען זיך אָפּ מיט באהאלטענע חן׳דלעך פאר די
קלעזמער.)

ד א ס ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל (צו שמאי׳ן). אז איך
וועל טאנצען, שפּילט מיר עפּעס נייעס...

ש מ א י. פאר ר׳ עזריאל׳ס טאָכטער, — דאָס שענסטע
און דאָס בעסטע...

ד א ס צ ו ו י י ט ע. און פאר מיר?...

(ביידע פאַרשעמט אָפּ. — צוויי מענער קומען אַרוים פון
שפּייז־זאַל.)

ד ע ר ע ר ש ט ע ר (באַמערקענדיג לאה׳ן). זעה נאָר...

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר. א חולנית...

(ציהט איהם אָפּ אין טאַנץ־זאַל אריין.)

ל א ה. איך הער זיינע טריט...

ר׳ ע ז ר י א ל (אַ פֿאַרשפּעטיגטער חתונה־גאַסט צום סאַר־

ווער, וואָס נעמט אויף דער שוועל דעם פעלץ אָפּ). עקסטרא־פּאָסט פון גובערניע...

סאַרוועֶר (אָנווייזענדיג מיט אַ בליק צום שפּייז־זאַל). וועט זיין אַ ליעבער גאַסט... (אָפּ.)

ר׳ עזריאל (אין פאַרבייגעהן צום שפּייז־זאַל, צום דין). מזל טוב, מסדר קדושין געווען? (געהט ווייטער.)

דין. דער רב איז נעבעך, לא עליכם —— (האַקט אָפּ, נישט געהערט.)

שמש. לא עליכם —— כי — כי — כי —

ר׳ עזריאל (צו די קלעזמער). פאַרפאַלען געוואָרען ס׳טאַטעל...

שמאי (חניפה). און ווען מאַכט איהר חתונה צו מזל?

(עזריאל אָפּ שוין אין שפּייז־זאַל, וואו עס דערהערט זיך באַלד אַ שטאַרק גערודער, געדופּעדייען: מזל־טוב. דערנאָך די שטימע פון)

בדחן. — און צינד אַ וואָרט מיט גרויס געפיהל
פאַר׳ן פאַרשפּעטיגטען גאַסט ר׳ עזריאל,
פאַר דעם חתן׳ס הכל כאשר לכל...
עזריאל מאַכט, ——

עזריאל (שטימע פון עס־צימער). אַ שהכל.

(געלעכטער. געדופּעריען: לחיים, לחיים. קלעזמער: טוש— יואל, אָפּגעריסען, פאַרשניוט, גרוי פאַרוואַקסען, נאָר מיט קלאָרע אויגען, רייסט זיך, שמייכעלדיג, אַריין פון פאָרצי־מער, זיך אַרויסגליטשענדיג פון פאַלטאָ, וואָס דער סאַרוועֶר, נישט ווילענדיג איהם אַריינלאָזען, האַלט ביי דער פאָלע. לאזט פאלט צוזאמען. קלעזמער האַקען אָפּ.)

יואל. כ׳בין דא, קינדער — אַט בין איך דאָ. כ׳קום אַהיים, געה דאָ אַרום פאַרביי — ליכטיג! וועמעס חתונה —— ?

דין (ציהט איהם צו זיך ביים אַרבעל). שלום עליכם, פון וואַנען קומסטו, יואל—?

שמאי (פינסטער). פון קרעטשמע...

יואל. עליכם שלום, רבי — פון שנייו ——

ש מ ש. שניי אין קרעטשמע? כי — כי — כי —

ד י ן. שניי?

י ו א ל. רבי... איהר זאָלט וויסען, וואָס שניי איז! (צו די זיהן.) ווערמעם חתונה? (צוריק צום דין.) אַ גרויסע זאַך שניי — שניי, רבי, איז אַ ריינקייט... שניי, רבי, איז קלאָר. גאָט'ס שטיל געגאָד איז שניי —

ש מ ש. געהערט קלעזמער־לשון?

י ו א ל (וואָס איז שטיל געבליבען, דערזעהענדיג לאה'ן, שוין צו איהר געווענדט, זעהר טרויעריג, עטוואָס שולדיג). אַ מענש אין שטאָדט זינדיגט... באַשאַפט זינד... יאָגען זיי איהם נאָך די זינד... ווי די מייז... ווי די ווערים... קריכען איהם איבער'ן לייב... אונ־טער'ן העמד... קריכען איהם אַרום אויפ'ן לייב אין בעט... כאַפּט דעם זינדיגען מענש אָן אַ שרעק, אַנטלויפט ער פאַר זיי, פאַר די זינד, פון דער היים, פון שטאָדט אַרויס... קומט דער זינדיגער מענש פון שטאָדט אַרויס צום שניי, צום קלאָרען שניי, — טריבע אויגען האָט ער, דער זינדיגער מענש פון דער זינדיגער שטאָדט, אַ פינסטער, אין שרעק איינגעשרומפּען האַרץ, אַ נשמה אַ פאַר־קלעמטע און אין נעבעל איינגעהילטע — קוקט ער, דער זינדיגער מענש, אויפ'ן שניי, זאַפּט ער און זאַפּט די קלאָרקייט, די ווייסע ריינקייט פון שניי, זאַפּט ער גאָט'ס שטיל־געגאָד איין, גאָט'ס ליכטיגע לייטזעליגקייט — — לייטערט זיך איהם די נשמה אויס, קלערט זיך איהם אויף דאָס האַרץ, ווערט דאָרט אַזוי שטיל, אַזוי גוט...

ל א ה. יואל, שפּיל שניי!

י ו א ל. רבי, קינדער — כ'וועל אייך שפּילען שניי! — (שטימענדיג די פידעל.) רבי, אַז אייער האַרץ ווערט איבערגע־פילט מיט תורה, איבערגעשטראָלט פון דער ליכטיגער תורה, וואָס טוט איהר? — לויפט איהר צום בעלעמער... (צום חזן, וואָס באַ־ווייזט זיך, מיט די משוררים הינטער זיך, פון שפּייז־זאַל.) און דער איד, אַז דאָס האַרץ געהט איהם איבער פון געפיהל, האָט ער די קעהל... זינגט ער... (קושענדיג האַרציג די פידעל.) און דאָס איז מיין קעהל, מיין בעלעמער — — (ווענדט זיך צו די קינדער.) קינ־דער, כ'וועל אייך שפּילען שניי. (באַמערקט זייערע אַנגערוקטע

פנימ'ער — אומרוהיג.) אבער וועמעס חתונה איז היינט, וועמעס חתונה?

(געדרודער פון שפּייז־זאַל, גערוקעריי פון שטולען, טריט.)

ב ד ח ן (פאַלט אַריין פון שפּייז־זאַל, קנאַקענדיג מיט די פינ־גער). חתן כלה געהען! חתן כלה — — —

(וויל אַרויפשפּרינגען אויף אַ שטול, דערזעהט יואל'ן, בלייבט פאַרשטאַרט מיט איין פוס אויף דעם שטול.)

י ו א ל (מיט שרעק און צאָרן). וועמעס חתונה?

(אין טיר פון שפּייז־זאַל באווייזען זיך געארעמט חתן־כלה. גרינצייג און די שוואַרצע פעשע. די לעצטע גיט, דערזע־הענדיג יואל'ן, א ציטער, וויל צוריק, איבערוועלטיגט זיך באלד. אויגען־דועל מיט יואל, — גרינצייג, בלאַס, אָפּסער־ווירט — פון הינטער חתן־כלה קומען אַפיר געסט, צווישען זיי די שכנה. שטעלען זיך אָפּ, נישט פאַרשטעהענדיג, רעכטס און לינקס.)

ב ד ח ן. יואל, שפּיל!

ש מ א י. שפּיל, טאַטע!

ש כ נ ה. מען צאָהלט דאָך דערפאַר — שפּיל!

ג ר י נ צ י י ג (צו דער שוואַרצער פעשע). וואָס איז עס אזוינס! וואָס באַטייט עס? וואָס קוקט ער אויף דיר? וואָס האָט ער צו דיר? ווי קומט ע ר צו ד י ר?

ד י ש ו ו א ר צ ע פ ע ש ע (גענצליך צו זיך געקומען, שטאָלץ און קאַלט שמייכעלדיג). שפּיל, קלעזמער, שפּיל, אויב א גו־טער פריינד! עס איז דאָך מיין חתונה היינט. א שמחה ביי מיר און מיין מאַן... עפּעס פרעהליכס שפּיל! לעבעדיגס, שוימענדיגס, ווי דער וויין, ווי דאָס גליק, ווי די ליעבע!

(יואל וואַרפט איהר, ענטזעצט, די פידעל צו די פיס. די פידעל פּלאַצט.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

דריטער אקט.

ביי יואל אין שטוב. אן אָרעמער, לאַנג נישט געקאַלכטער צימער. דאָס באַנק־בעט, טיש און בענקלעך פון גאַניק אין שטוב נישט אַריינגענומען. עטליכע מוזיק־שטענדער. אַ ביוסט פון א קאָמפּאָזיטאָר. אָרום די ווענט הענגען אינס־טרומענטען. צווישען זיי — אַ צובראָכענער אַלטער שפּי־געל. עטליכע זעהר אַלטע שטיכען, אויסשניטען פון אי־לוסטרירטע בלעטער. קויל־קאַריקאַטורען. דערהויפּט פּרויען־קעפּ.

אין הינטערגרונט — דער גאַניק אין גערטעל אַריין. אַ וואַרעמער הערבסט־טאָג.

די בוימלעך אין הויף פאַרבליהען; די זון געהט אונטער.

(מ א י ר און י ו נ ה שרייבען איבער נאָטען ביים טיש. מ י ר ל און די ש כ נ ה רעדען ביים פענסטער. ש מ ע ו ן, אומצופרידען פון גאַסט, געהט האַסטיג אַרום איבער דער שטוב.)

ד י ש כ נ ה (פאַרשענדיג). ...מ׳זאָגט, א טייערע פידעל געוועזן.

מ י ר ל (פאַרטראַכט). אַ ירושה... איבער הונדערט יאָהר אַלט... (מעהר צו זיך.) און — באַלד אוועק...

ד י ש כ נ ה. וואו איז ער געוועזן איבער דער צייט?

מ י ר ל. ער רעדט דען? — מ׳גיט איהם עסען, ציהט ער עפּעס אָפּ, ווי א פויגעלע... צו טרינקען — ניפּט ער... רעדט נישט, דערמאָנט נישט... מען זאָל אָנ׳ם פאַרגעסען, וואָלט ער, חס ושלום— (עס שטיקען זי די טרערען.)

ש מ ע ו ן (פאַרבייגעהענהיג פאַר די ברידער). געפונען, פאַר וועמען זיך אויסצורעדען דאָס הארץ...

מ א י ר. פאַר וועמען?

י ו נ ה. וועמען האָט זי?

מ י ר ל. קיין פידעל נעמט ער שוין נישט אין דער האַנט אריין...

ש כ נ ה (נישט גלויביג). קיינמאָל נישט?...

מ י ר ל (אומרוהיג). טיילמאָל... אז א לבנה־נאַכט... שטעהט אמאָל אויף... נעמט א כלי... שפּילט — (טאָן ענדערונג.) אָבער קיין פידעל נישט...

ש כ נ ה. וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

מ י ר ל. פאַרשרייבט אייזען, — פאַרדייט ער נישט...

ש מ ע ו ן (אומגעדולדיג). וואָס זיי זוימען זיך אזוי לאַנג...

מ א י ר. דינגען זיך אודאי...

י ו נ ה (סאַרקאַסטיש). ר׳ עזריאל׳כעל!

ש כ נ ה (שטיל, שמעון זאָל נישט הערען). מען זאָגט: א דבוק...

(זי האַקט אָפּ: עס קומען אַריין שמאי, לוי, בדחן.)

ש מ ע ו ן (צו די אַריינקומענדיגע). ברענגט קלעזמער פון גובערניע?

ש מ א י. ניין... נאָר —

(באַמערקט די שכנה, האַקט אָפּ.)

ש כ נ ה (שטעהט אויף, געזעגענט זיך, אַרויסגעהענדיג). נו, וויינען, מירל, איז נ י ש ט... דאַנק און לויב זיין ליעבען נאָמען... און אנדערער — שלאָגט, הרג׳עט, צוברעכט אַלץ אין שטוב...

(אָפּ, פון העסיגע בליקען געטריבען.)

ש מ א י (ענדיגט דעם זאַץ). פינף רובל שלאָגט ער אָפּ.

מ י ר ל (פאַרברעכט די הענט). פאַרוואָס?

ש מ א י. ווייל דער אַלטער שפּילט נישט...

ל ו י. קומט אריין דאָס כלה־מיידעל מיט די צעפּעלעך, מיט די פּאַפּירלעך אין די צעפּעלעך — — (נאָכמאַכענדיג אַ פאַרצויגענע מיידעל־שטימע.) „אַז ער שפּילט קעגען דער לבנה, מעג ער שפּילען אויף מיין חתונה אויך"...

ש מ א י. אויף דער צווייטער וועט ער איהר שפּילען.

מ י ר ל. שילט נישט, שמאי...

ב ר ח ז. געוואָלט קויפען לאָה'ן אַ שאַל אויף ווינטער; נישט באַשערט... (צו מירלען.) זי מעג אריינקומען, מירל?...

מ י ר ל (נאָך אַ קאַמף מיט זיך). זי מעג...

(בדחן אָפּ.)

ש מ א י. אַבער פיהרען די קאַפּעליע וועל איך!

ש מ ע ו ן. אויב דו וועסט זיין ניכטערען...

ש מ א י. האַלט ס'מויל.

י ו א ל (זעהר קראַנק, געפיהרט פון חיים, באַווייזט זיך אויף דער שוועל). קינדער... (געזעצט דורך מירלען און חיים'ען אויפ'ן באַנק־בעט.) איהר וועט נאָך צייט האָבען זיך צו קריגען, קינדער...

מ י ר ל (נישט וויסענדיג פרעהען זיך, צי שרעקען). ער רעדט דאָך, ער רעדט דאָך...

י ו א ל (שטרייכט מיט אַ פאַרבענקטען בליק איבער די ווענט). כ'וויל נאָך אמאָל שפּילען...

מ י ר ל. געלויבט איז גאָט, געלויבט זיין ליעבער נאָמען.

(וויל אַראָפּכאַפּען אַ פידעל.)

י ו א ל (שרעק). ניין... ניין... אַ פידעל האָב איך אַ בשר־ודם צו די פיס געוואָרפען... אַ פידעל איז זיך נוקם... אַלץ איז זיך נוקם...

מ י ר ל. גאָט'ס רחמנות איז גרויס, יואל...

י ו א ל. און פאַר גרויס רחמנות צוברעכט ער מיך, ווי איך די פידעל... ער ווייסט, ער וועט שוין אויף מיר נישט שפּילען...

חיים (צופיהרענדיג אַ וויאָלענטשעל). איך וועל דיר האַל־טען, טאטע.

(דערלאַנגט איהם דעם בויגען.)

יואל (פאַרטראַכט אין פענסטער קוקענדיג). די זון געהט אונטער... די בוימלעך לעשען זיך אויס... די בלעטלעך פאַלען, פאַ־לען... קיינס שטעלט זיך נישט אקעגען... קיינס זאגט זיך: כ׳וויל נישט... (מיט אַן אונטערטעניגען בליק צום הימעל.) זאָל דיין ווילען געשעהען, כ׳וויל שטאַרבען...

מירל (שטרענג). מיינער פּטור ווילסט דו ווערען!

יואל. ניין, מירל...

מירל (שלוכצענדיג). די שווארצע פּעשע, אַלץ די שוואַר־צע פּעשע!...

יואל. געוועזן שווארצע... (באַמערקט לאה׳ן, וואָס באַוויייזט זיך אויף דער שוועל.) געוועזן ווייסע אויך... (מירל ערלויבט מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג לאה׳ן אַריינצוקומען; זי זעצט זיך אין אַ ווינקעל.) אַ ווייב איז אַ ווייב... יענעם איז עפּעס אזוינס... אין דער פידעל שטעקט עס, קלעזמער־לשון איז עס... (מיט אַ בלאַסען שמייכעל צו מירלען, אויף הי זיהן, וואָס האָבען זיך צושטעלט ביי די ווענט.) זעה נאר, מירל — קאָנען קיין צוויי נישט צעהלען... אריינגעשטעקט די אויגען אין די פּאַדלאָגע אריין, ווי טרפה מעסער... (צו די זיהן.) וואָס? אַ שכור, דער טאַטע? האַ? (טאָן־ענדערונג.) אַלץ קלעז־מער־לשון, — אויך אַ טאַטען געהאַט! — אין פידעלע שטעקט עס... (זעהר שוואַך ווערענדיג.) שפּילט מיר, קינדער וידוי...

מירל. אַ מנין! רופט אריין אַ מנין!

יואל. אַ קאַפּעליע איז מעהר, ווי אַ מנין! שפּילט... פּאַלגט אמאָל אַ טאַטען... נו, לאָמיך אמאָל הערען, ווי איהר שפּילט אַהן מיר, שמאי, בכור! (די אינסטרומענטען ווערען אַראָפּגענומען.) שפּילט...

(יואל זאָגט וידוי, די קאַפּעליע שפּילט מיט. לאה זינגט אונטער.)

מירל (פאַרברעכט די הענט). און איך, איך?...

יואל. האַלט מיר אונטער דעם קאָפּ! (זי טוט עס. יואל׳ס שטימע ווערט וואָס אמאָל שוואַכער, די קאַפּעליע דעריבער — וואָס

אַמאָל שטילער. יואל געהט לאַנגזאַם איבער אין אַ רעטשיטאַטיוו פון אייגענע ווערטער.) איך האָב געזינדיגט קעגען דיר... האָסט עס אליין דערלאָזט... האָסט מיר א פארבענקטע נשמה געגעבען. אַז אומרוהיגע, וואָס האָט, גלייך מיט נח'ס טויב, אין ערגעץ קיין רוה נישט געפונען. פאַר בענקשאַפט געזינדיגט. — — שטענדיג גע־זוכט, קיינמאָל נישט געפונען. און ווייסט דו, ווען זי האָט גע־זוכט, מיין אָרעמע נשמה? — — דיך! נאָר דיך! — — אָהן דיר אין איהר קאַלט און פינסטער געוועזען. און דו האָסט דיך באַ־האַלטען פאַר איהר... באהאַלטען פאַר'ן זינדיגען מענש... האָט זי דיך געזוכט אין וואַלד און פעלד... געבלאָנדזשעט נאָך דיר איבער בערג און טאָל. האָט זי דיך אין יעדען וואַסערל געזוכט, צווישען נעבעל און וואָלקען געזוכט... און אין יעדען שטראַל, אין יעדער פאַרב, אין יעדען טאָן, אין יעדען קלאַנג, אין יעדען טיפערען אויג... צינד ערשט האָב איך עס פאַרשטאַנען... אַזוי שפּעט און אַזוי קלאַר... דורך די געהירן האָט עס מיר פּלוצלונג דורכגעבליצט, דאַמאָלט, ווען איך געה צו דיר, צו דיין שטראָף, אָדער צו דיין גענאָד... פרי־הער — אין דער פינסטער געטאַפּט... אַזוי האָסט דו געוואָלט... זיי אויף מיין אָרעמער נשמה נישט בייז. נעם זי אויף, ווי א באַרמ־הארציגער פאָטער זיין פאַרבלאָנדזשעט קינד... און ווען געהסטו שטראָפען, א וואָרעם? זעה, שטאָלץ בין איך אַמאָל געווען—צינד? אין שטויב ליג איך פאַר דיר, אין שטויב... אין שטויב... (דער־זעהט פּלוצלונג די שווארצע פּעשע, וואָס איז געגאַנגען איבער'ן הויף אין קאַמף מיט זיך, אַריינצוגעהן אָדער נישט, און שפּרינגט פּלוצלונג אויף מיט ווילד־אויסגעלאַסענער פרייד.) פּע—שע!

(פּ אָ ר ה אַ נ ג.)

ס׳ברענט.

(איינאַקטער)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

ש מ ר י ה — איבער זיבעציג.

ח נ ה   ר ו י ז ע — זיין ווייב, אַ יאָהר צוויי און צוואנציג.

ד ו ד — שמריה'ס שטיף־זוהן.

אַ   א י ד — אין פענסטער.

אַ בעל־בית׳ישע שטוב מיט א טיר אין הינטער־גרונט אין קיך אַריין. אין קיך קעגען דער טיר אין שטוב רעכטס, פון פאָדערגרונט און ארויף א קאַמאָד, א פענסטער אין גאַס אַריין, אַ שאַנק און אין ווינקעל הויך אָנגעלעגטע זעק מיט תבואה, לינקס — אַ באַנק־בעטעל הינטער אַ שפּאַנישען ווענטעל, צום פאָדערגרונט צו אָפען; צוויי הויך אויפגעבעטע בעטען, אין דער מיט, אונטער א הענגעל־לייכטער — א טיש מיט שטולען ארום.

צייט: צו תקון שבועות.

ד ו ד (ליגט אויפ׳ן באַנק־בעטעל).

ש מ ר י ה (ענדיגט דאָס בענשען).

ח נ ה ר ו י ז ע (האָט געענדיגט, קוקט אומרוהיג צום שפּאַנישען ווענטעל, דערנאָך צו שמריה׳ן, נעמט זעהר שטיל צוזאַמען די טעלער פון טיש, געהט אויף די נעגעל צו דער קיך צו).

ש מ ר י ה. אדני עוז לעמו יתן, אד׳ יברך את עמו בשלום!

א א י ד (קומט פון דרויסען צום פענסטער, וואַרפט אַן איראָנישען בליק צום שפּאַנישען ווענטעל, זוכט מיט די אויגען חנה רויזע׳ן אין קיך; שמייכעלט; דערנאָך הויך צו שמריה׳ן). גוט יום־טוב, ר׳ שמריה...

ש מ ר י ה (דרעהט זיך צו איהם אויס, אומרוהיג). גוט יום־טוב, גוט יאָהר...

ד ע ר א י ד (מיט אַ בליק צום ווענטעל). ליעבער אייער גאַסט! נישט געגאַנגען אפילו דאַווענען?

ש מ ר י ה. אַזוי ליגט ער אין דער פינסטער... אפילו צו

דער סעודה נישט געגאַנגען. (פון צאָרן באַהערשט.) אַהיים געקו־מען... אַ שותּף צום הויז!

חנה רויזע (וואָס האָט געוואַשען ס'געפעס ביי דער קיך, זיך אויסדרעהענדיג מיט פאַרוואורף). שמריה!

דער איד. נו, אַ שותּף איז ער דאָך... איהר האָט אויך געקויפט מיט זיין מוטער, עליה השלום, דאַכט זיך, אייער דריטע ווייב — — בשותּפות? (פויזע.) איהר געהט צו תּקון שבועות?

שמריה. אוראַי, וואָס איז די שאלה?

דער איד. כ'מיין, ווייל ס'איז שפּעט. (פויזע.) איך געה שוין. (אָפּ.)

שמריה (נאָכלויפענדיג). ברעך די פּיס! (סאַפּעט שווער, פאַררויכערט אַ ציגאַר; רופט.) חנה רויזע! (העכער.) חנה־רוי־זע־לע!

חנה רויזע (אַריינקומענדיג). וואָס? (בלייבט שטעהן נישט ווייט פון טיר, ווישענדיג זיך נערוועז די הענט אָן פאַרטוך.)

שמריה. ווי געפעלט דיר מיין שטיף־זוהנדעל און דיין שיער — נישט — געוועזענער...?

חנה רויזע. שמריה, ער הערט דאָך יעדעס וואָרט.

שמריה. וואָס? נישט אמת? נישט גע'שדכנ'ט זיך צו דיר? — אי"ה באַלד מוצאי יו"ט צאָהל איך איהם אויס זיין חלק און היידאַ!

חנה רויזע. אָבער וואָס האָסט דו פון מיר געוואָלט?

שמריה. פון דיר?

חנה רויזע. האָסט דאָך מיך גערופען.

שמריה. און אַז כ'האָב גערופען, געהט מען צו נעהנטער. הע? און ווען אַ יונגערמאַן רופט דיך?

חנה רויזע (צוגעהענדיג). ס'וואַסער ווערט מיר קאַלט.

שמריה. מיר — דאָס האַרץ. (פויזע.) כ'געה צו תּקון שבועות!

חנה רויזע (דערשראָקען). געה נישט! (כאַפּט זיך.) כמאַרעס, ס'וועט רעגענען...

שמריה (וואָס האָט אויף חנה רויזע'ן געקוקט אַ לאַנגע ווייל מיט קאַלטען חשד). שאַדט נישט! כ'בין נישט פון צוקער

און כ'שמעק דיר נישט, ווי צוקער. (נאָך אַ קורצער פּויזע, צאָרניג.) און ליטעז געלעכטער וויל איך נישט זיין... ס'דאַרף קיינער נישט וויסען, הערסט?

ח נ ה ר ו י ז ע (זיך קוים איינהאַלטענדיג פון וויינען). קוועל נישט, שמריה, כ'בין אזוי קראַנק...

ש מ ר יה. נו... נו! פּריצישקע קרענק, כ'וויל זאָלסט דיך מאַרגען צו דער שול אַנטון. הערסט? זאָלסט מיר נישט פאַר־שטערען דעם יום־טוב, ווי פּסח! כ'וועל דיר אַרויסגעבען די צירונג, דערנאָך וועסט דו אַ תירוץ האָבען: כ'האָב דיך נישט געוואָלט ווע־קען! נעם דיר אַרויס ס'קלייד... ס'נייע.

ח נ ה ר ו י ז ע. נאָך וואָס?

ש מ ר י ה. זאָלסט געהן אין שול אַריין, ווי אַ מענש! ווי עס פּאַסט פאַר שמריה תבואה־סוחר'ס. גענוג חרפּות און בושות געהאַט פּסח! — געגאַנגען אין שול אַריין אין דעם אַלטען קליי־דעל, אין וועלכען די קבצנ'ישע קרובים האָבען זי אַרויסגעפּאַקט! פון פּסח אַ תשעה באָב געמאַכט! און אפשר האָסט דו זיך מיט עפּעס אַנדערש געפרעהט.

ח נ ה ר ו י ז ע. איך? —

ש מ ר י ה. כ'ווייס? גענוג שמחה געהאַט, אַז דו האָסט אייגענע מצות געגעסען!

ח נ ה ר ו י ז ע (איראָניש). אייגענע!

ד ו ד (שפּרינגט אויף, האַלט זיך קוים איין און זעצט זיך צוריק.)

ש מ ר י ה. אַלץ נישט פון מעות חטין! (פּויזע.)

ח נ ה ר ו י ז ע. וואָס ווילסט דו פון מיין לעבען?

ש מ ר י ה. וואָס ווילט איהר פון מיין לעבען? שווייגסט? ! כע־כע־כע, צנועה מיינע!... כ'בעט דיך, אַז דער הימעל שפּאַלט זיך, וואָס וואָלסט דו געבעטען?

ח נ ה ר ו י ז ע. דעם טויט!

ש מ ר י ה (נאָך אַ פּראָוועצדיגע פּויזע). פאַר וועמען?

ח נ ה ר ו י ז ע (אויסהאַלטענדיג דעם בליק). פאַר מיר...

ש מ ר י ה. אַזוי! ביסט דו נאָך טאַקע אַ כשר ווייבעל — קריגסט אַ מתנה דערפאַר — צירונג (עפענט דעם קאָמאָד, זוכענ־

דיג.) אזוי, אז מ'איז א געטריי ווייבעל! בע־בע־בע! (ארויסנע־מענדיג.) שנירלעך פערעל!

ד ו ד. די ירושה פון ערשטען ווייב!

ש מ ר י ה (גלייכצייטיג). א פריצה — (זיך אומקערענ־דיג צום ווענטעל.) וואָס ברומט ער דאָרט, דער אפיקורס? (צוריק צו חנה רויזע.) א פריצה מעג זיי טראָגען. (צום ווענטעל.) אָנגע־געסען זיך מיט טרפות, ברומט אין איהם! (צו חנה רויזע.) א קונציג שלעסעל מיט א בריליאַנטעל, (צום ווענטעל.) הערסט? גע־האַט א דין־תורה מיט איהרע יורשים; מ'האָט עס מיר צוגע־פסקנ'ט! (צו חנה רויזע.) א כראַבינע מעג עס טראָגען. נאַ, נעם, טראָג געזונטערהייט!

ח נ ה ר ו י ז ע (נעמט און פּאַרלירט פון דער האַנט אויפ'ן טיש אַרויף די פערעל.)

ש מ ר י ה. אַסטראָזשנע! (זוכט ווייטער אין קאַמאָדע, אַרויסנעמענדיג.) און אַט אוירינגלעך!

ד ו ד (עטוואָס שטילער). פון צווייטען!

ש מ ר י ה. אפילו פאַרגרינט; נאָך יום־טוב — אויספּו־צען; קרייט ב"ה פּעהלט נישט. אַ אחרון, אחרון חביב — קאָנסט דאָך לשון קודש — ער האָט דאָך דיך געלערענט? — א קייט און זייגער. (דרעהט זיך אויס צום ווענטעל צו, רעדט נישט עפּעס דות.)

ח נ ה ר ו י ז ע. שוין אַלע דריי ווייבער!

ש מ ר י ה (דערהערט, דרעהט זיך האַסטיג אויס). פּאַסט דיך נישט? קיין איינציגע פון מיסט נישט אויפגעהויבען! אַלע חתונה־קליידער און נדן געהאַט. (אַרויסגעהענדיג.) פאַרשטעק דעם לאַ־דען. כ'וועל דיר צוקלאַפּען. (אָפּ.)

ח נ ה ר ו י ז ע (געהט צו צום פענסטער.)

(פּויזע.)

ש מ ר י ה (פון דרויסען נאָכ'ן צוקלאַפּען פון לאַדען). שוין?

ח נ ה ר ו י ז ע (וואָס האָט דעם נאָגעל פון האַנט אַרויסגע־לאָזען, מעכאַניש). שוין.

ד ו ד (אָפּרוקענדיג דאָס ווענטעל). חנה רויזע!...

ח נ ה ר ו י ז ע (דרעהט זיך אויס דערשראָקען). אַך!...

ד ו ד (אויפשטעהענדיג). ווילסט מיר אפילו נישט ענט־פערען?

ח נ ה ר ו י ז ע (אָטעמט שווער, אָפּרייסענדיג ס'טיכעל פון האַלז). מעו טאָר נישט, דוד.

ד ו ד (פאַרוואונדערט). וואָס?

ח נ ה ר ו י ז ע. כ'בין אַ אשת איש, נישט דאָס וואָס געוועז!

ד ו ד. וואָס איז מיט דיר, חנה רויזע?

ח נ ה ר ו י ז ע. כאַטש דו קוועל מיך נישט, דוד! (זי קאָן נישט אָפּרייסען דעם בליק פון בענש־ליכטעל, וואָס צאַנקט, טוקט זיך און פלאַמט אויף.) ס'וויל נישט שטאַרבען... ס'וויל נישט אויסגעהן... ס'מוז אבער... אַלע מוזען! (דאָס ליכטעל פאַרלעשט זיך מיט'ן לעצטען אויפפלאַמען.)

ד ו ד. חנה־רויזע!

ח נ ה ר ו י ז ע. און אין מיר צאַנקט און צאַנקט די נשמה יאהרען — לאַנג, יאהרען — לאַנג!

ד ו ד (געהט אָפּ פון וועגטעל). קיין וואָרט פאַר מיר האַסט דו נישט!

(געהט אויף און איבער דער שטוב. פון זיין גאַנג צואוויגט זיך דער הענג־לייכטער, ביי דעם שוואַכען ליכט פון דעם קיך־לעמפעל טאַנצען אַרום שאָטענס אויף די ווענט. חנה רויזע יאָגט זיי נאָך מיט פאַרשטאַרטע אויגען. דוד'ס טריט ווערען האַסטיגער און וועקען זי פון די שווערע געדאַנקען. זי זעצט זיך און פאַרברעכט די הענט.)

ח נ ה ר ו י ז ע. שוין דריי טעג און דריי נעכט אזוי... אויף און אָפּ, אויף און אָפּ! (כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ.) משוגע צו ווערען! אויפ'ן בלויזען האַרץ טרעט ער מיר!

ד ו ד (געהט צו צום וועגטעל). זאָגסט מיר עפּעס, חנה רויזע?

ח נ ה ר ו י ז ע (איבערשראָקען). ניין, ניין!

(פּויזע.)

ד ו ד (נאָך אַ ווייל). וואָס האָסט דו מיר געטאָן חנה רויזע? וואָס האָסט דו אונז ביידע געטאָן?!

ח נ ה ר ו י ז ע (מיט אַ קול אָהן אַ קלאַנג). וואָס ווילסט דו פון מיר, דוד! האָב דו רחמנות אויף מיר!

ד ו ד. פאַרוואָס האָסט דו אין מיר נישט געגלויבט, חנה רויזע?

ח נ ה ר ו י ז ע (ווי פריהער). קוועל מיך נישט, דוד — גאָט איז מיין עדות! אַ שוואַכע בין איך... האָסט מיך אַ רגע אַרויס־געצויגען פון דער פינסטער, דערנאָך, אַז דו ביסט אַוועק, בין איך צוריק אַריינגעפאַלען אין דער פינסטערניש! — זיי האָבען מיך לייכט איבערגעוועלטיגט, איבערגעדייבערט... זיי האָבען מיר אויפ׳ן קאָפּ פּלעקער געשלאָגען! „נאָר געלערענט האָט ער דיך"... דאָרט פעהלען קיין כלות נישט... „ער האָט דיר דען עפּעס צוגעזאָגט?!" — „ער שרייבט דען?"

ד ו ד (עמפּערט). כ׳האָב געשריבען! חנה רויזע, כ׳האָב געשריבען!

ח נ ה ר ו י ז ע. האָט מען אונטערגעשלאָגען! — — און אין דער פינסטערער אַרעמקייט... ווייס איך? — און יעדער ביסען ברויט האָט געשטיקט, יעדער טרונק וואַסער געוואָרגען! פון קראַנקע קינדערס מויל אַוועקגענומען... און דו ווייסט — אַ שוואַכע בין איך; אַ מענש אָהן בלוט... אַ פליג... איז געקומען די שפּין... (פּויזע.) אַ שוואַכע פליג!

ד ו ד. ווייל דו האָסט נישט געגלויבט, חנה רויזע!

ח נ ה ר ו י ז ע. אפשר... נאָר יעדער ביסען האָט גע־שטיקט, יעדער טרונק וואַסער — געוואָרגען... איז ער געקומען... אַרום און אַרום געשפּינט אַלץ, אַרומגענומען! און דאָך בין איך איינע אַליין... איינע אַליין, אַ יתומה... און אָהן כח... בין איך אין פינסטערען קבר אַריינגעשפּרונגען... איך בין אַליין שולדיג... ווען אַ פונק שכל... אַ פונק... און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבען, אַ לעבען... שרעק, פּיין, עקעל... און נעכט... נעכט! דוד, איך בין גענוג באַשטראָפט געוואָרען!

ד ו ד. נישט דיין שטראָף וויל איך! באַפרייען וויל איך דיך, באַפרייען!

ח נ ה ר ו י ז ע. ניין, ניין, דוד! געשטאָרבען באַגראָ־בען! כ׳האָב מורא פאַר דיר, דוד! איך דאַרף דיך גאָרנישט הערען, דוד... עס איז אַ זינד... אַ שרעקליכע זינד! ער האָט מיר גאַנצע

נעכט פון ספרים ארויסגעלייענט... פאַראַן א גיהנום... מען הענגט אויף בריסטען... איבער אַנגעצונדענער סמאָלע, כ'האָב מורא פאַר דיר, דוד! פאַר דער זינד, פאַר גאָט!

ד ו ד (דערשראָקען). וואָס האָט ער געמאַכט פון דיר, חנה רויזע? וואָס טוט זיך עם? וואָרף פון דיר אראָפּ זיין קללה, שאָקעל דיך אָפּ, ווי פאַר'כשופ'ט ביסט דו! וואָס טוט זיך מיט דיר, קרוין מיינע, חנה רויזע, לעבען מיינס! נשמה מיינע!

ח נ ה ר ו י ז ע (קוקענדיג שטאַר אויף די שאָטענס). ניין! נישט דיינע, נישט דיינע! אַ אשת איש בין איך, שמריה'ס בין איך... ער האָט מיך געקויפט... גענומען אריין אין זיין שפּינוועבעריי און ער נאָגט און נאָגט... נישט דיינע בין איך... דיינע, דוד, לעבט שוין נישט... ער האָט זי באַזידעלט, באַשפּיגען, פאַר'מאוס'ט; דערנאָך מיט די דאַרע הענט געוואָרגען, מיט'ן אַלטען פייער אין די אויגען מיר פון לייב אויסגעברענט... פאַרפאַלען! — —
ש מ ר י ה ' ס ווייב בין איך, אַ אשת איש... איך מוז אַנטלויפען פון דיר, דוד, (רוקט זיך הינטערוויילעכטס אָפּ מיט'ן בענקעל צו די זעק אין ווינקעל.) און קוועל מיך נישט, דוד! רעד נישט, זיי דו מיין מלאך המות נישט! מאַך מיך כאָטש נישט זינדיג! דיין קול איז אָנגעזאָפּט מיט זינד, דיין יעדעס וואָרט שטעכט מיך אין האַרץ ווי אַ נאָדעל... און איבער דער שטוב געה נישט... איך טאָר אפילו דיינע טריט נישט הערען! איך טאָר נישט און קאָן שוין נישט! כ'האָב שוין קיין כח נישט און אזוי ווי דו געהסט, אזוי טאַנצען ארום מיר די שאָטענס אויף די ווענט, זיי קריכען צו מיר! שטעקען צו מיר אוים לאַנגע צונגען... לאַנגע, דאַרע הענט! זעץ דיך אַנידער, דוד!

ד ו ד (זעצט זיך אויפ'ן באַנק־בעטעל, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין טיר). און ווי לאַנג איז, אז דו האָסט פאַר מיר קיין מורא נישט געהאַט... ווי לאַנג איז, אז מיר האָבען זיך אזוי טריי געזעגענט... אין סקווער אויף דער באַנק, געדענקסט; אַ קלאָרע נאַכט געווען... געזעגענט האָבען מיר זיך. „מען וועט דיך אַרויסלאָזען", האָסט דו מיך געטרייסט, וועסט צוריק קומען... אויפ'ן אַנלעהן אָנגעשפּאַרט ביסט דו געזעסען... אַ שוואַכע, אַ בלאַסע, און שטיל געשמייכעלט האָסט דו! אַ שטילער רוהיגער גלויבען האָט איבער

דיין פּנים געשוועבט... האָסט אָנגעשפּאַרט דיין קאָפּ אָן מיין אַק־סעל; איך האָב דיך געקושט, און דיין פּנים האָט זיך גערויטעלט. ווי אַ פרישער מאָרגען־שטערן! און פון דיינע אויגען, פון דיינע גרינע, טיפע שמאַראַנדענע זעגען גאָלדענע שטראַלען אַרויס... גע־בליצט האָבען זיי... מיר ביסט דו געוואָרען אַראָפּגערוקט האָט זיך דיין קאָפּ אויף מיין האַרץ... „ווי עס קלאַפּט!“ האָסט דו קוים הערענדיג געזאָגט, און ווי זיס געציטערט האָט דיין קול... און איבער דיינע האָר, איבער דיין העבאַן־קרוין האָבען וואונדערליכע גלאַנצען געציטערט... מיט אַ פאַרציטערטע האַנט האָב איך דיינע האָר־נאָדלען אַרויסגענומען און דיין העבאַן־קרוין האָט זיך צופלאָכטען, ביז צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט... איך האָב מיט דער פלאַכער האַנט דיינע האָר געגלעט... פונקען זענען מיר פון אונטער דער האַנט גע־פלויגען.

ח נ ה ר ו י ז ע (וועקט זיך, בעטענדיג). שווייג, דוד, שווייג! דערמאָן נישט דאָס פאַרלוירענע! עס טוט אַזוי וועה!

ד ו ד (מיט פאָרוואורף). און מיר האָבען נישט גערעדט, חנה רויזע! נאָר דו האָסט געוואוסט און — געגלויבט!

ח נ ה ר ו י ז ע. איך האָב דיר דאַמאָלט געגלויבט, דוד, איך האָב מיך דאַמאָלט אין ליכטיגען שטרייף געבאָדען און אַ ליכ־טיגע נשמה געהאַט! דו ביסט געוועזען ביי מיר, מיין האַרץ האָט דיך אַזוי נאָהנט געפיהלט און מיין נשמה איז צו דיר געפלויגען, ווי פון ווינט און רעגען אַ שוואַכע טויב אין היימישען טויבענשלאַג אַריין!

ד ו ד (דערפרעהט). דער טויבענשלאַג איז אָפען, חנה רויזע! דו ביסט מיין!

ח נ ה ר ו י ז ע. ניין, ניין! דיין חנה רויזע איז געשטאָר־בען... שמריה'ס אשת איש לעבט!... אין קבר לעבט זי, אין פינס־טערען קבר... באַזידעלט... באַשפּיגען... מיינע אויגען וואַרפען שוין קיין שטראַלען נישט, איך האָב זיי אויסגעוויינט... איך האָב שוין נישט קיין העבאַן קרוין... אָפּגעשניטען האָט מען זי און ער האָט די האָר מיט די שטראַלען, מיט די גלאַנצען עמיצען פאַר אַ שייטעל פאַרקויפט. איך טראָג אַ האָר־באַנד! פאַרלאָשען איז געוואָרען דער גאָלדענער שטרייף און אַ פינסטערניש האָט מיך פאַרשלונגען!

ד ו ד. איך וויל דיך צוריק אין דער ליכט אריינציהען!

(פון דרויסען הערט זיך א ווינט, וואס ווערט וואס אמאל שטארקער. רעכטס ציטערט און קלאפט דער לאהען.)

ח נ ה ר ו י ז ע. ניין, ניין, דוד! — הערסט, איך האב מורא, דוד! איך שרעק מיך — פאר דיר, פאר איהם, פאר דער וועלט... פאר אלע... נאך מעהר פאר גאט!

ד ו ד. גאט איז א גוטער, חנה רויזע!

ח נ ה ר ו י ז ע (שאקעלט מיט'ן קאפ). דיין גאט, דער באשעפער פון דיין וועלט... דיין וועלט איז פאר מיר א גארטען מיט רויזען געווען... פלאמענדיגע רויזען... און ווייסע אויך... און פיעל בלויע, בלויע שטילע ברידערלעך... און בלוי איז געווען, און לייטזעליג דער הימעל איבער'ן קאפ... און מיט מיליאנען לייט־זעליגע אויגעלעך האט גאט אראפגעקוקט אויף דער וועלט... און האט אין גארטען די בלומען געבענשט, און א ווינטעל האט אין גאטס נאמען געבלאזען, ליעבט אייך, ליעבט! גאט וויל אזוי, גאט הייסט אזוי! אויף דעם האט ער דעם גארטען געווים באשאפען— — דאס אלץ, דוד, איז חרוב ונחרב געווארען — אן אשת איש בין איך — — — א פליג אין זיין נעץ, אין זיין שפינוועבס! און ער זיצט איבער מיר און נאגט, און נאגט... גאנצענע טעג, גאנצענע נעכט... ער האט מיר די פריהערדיגע נשמה אויסגענאגט! און פון גן־עדן בין איך פארוואגעלט געווארען! — איך בין זיין, און אין זיין וועלט לעב איך, אין זיין גיהנום! און אונטער מיר ברענט דער גיהנום — און איבער מיר איז אויסגעצויגען א קאלטער שטיינער־נער הימעל... און ארום מיר טאנצען זיינע שאטענס, זיינע שדים! גאנצע טעג, גאנצע נעכט האט ער עס מיר בלאס און פינסטער גע־מאכט — און פון צווישען די שפאלטען פון אייזערנעם הימעל קוקט אראפ א בייזער גאט! ער טרייסט נישט, ער שילט! ליעבען הייסט ער נישט! מיט שארפע אויגען, ווי מיט בליצען פון חלפים קוקט ער דעם ארעמען מענש אין הארץ אריין און פארשט און שטראפט — פאר יעדע סעקונדע גליק שטראפט ער! דער ווינט שטארקט זיך. הערסט! דאס פארשט ער! דאס פרעגט ער! אזוי רעדט ער צום ארעמען פאר'יתומ'טען, שוואכען מענש! פון שטורעם

אַרויס! (עס דונערט.) און שוין! ער האָט אַ זינד געפּונען און שטראָפט, אומר ועושה! — —

ד ו ד. חנה רויזע!

ח נ ה ר ו י ז ע (מיט צאָרן). שווייג, אַז ער רעדט! (דער ווינט רייסט אויף דעם לאָדען פון פענסטער רעכטס. עס באוויי־זען זיך פלאַמען מיט שרעק.) פלאַמען קומען צו מיר, דוד! פלאַמען!

ד ו ד (לויפט צו צום פענסטער אַרויס, עס הערען זיך גלאָקען פון גאַס.)

ח נ ה ר ו י ז ע (שפרינגט אָפּ לינקס). עס קלינגט! די טומאה קלינגט! דער גיהנום! נאָך מיין פאַרזינדיגטער נשמה קלינגט מען... איך גיי פון דער וועלט! איך גיי און אָהן אַ וואָרט אין מויל... אָהן ודוי! און אַזוי פאַרזינדיגט, דוד, ראַטעווע מיך, דוד, (געהענדיג צו איהם מיט אויסגעשטרעקטע הענט.) נאָר דיך איינעם האָב איך אויף דער וועלט, נאָר דיך איינעם!

ד ו ד (ווענדט זיך פון פענסטער, איילט צו איהר). נישט ווייט ברענט!

ש מ ר י ה (אַריינקומענדיג מיט צושפּרייטע הענט, וואָס לאָזען זיי נישט צוזאַמען קומען). דאָ, דאָ ברענט! ס'גיהנום ברענט!

(ראַשער פאָרהאַנג.)

גאָך קבורה.

פערזאָנען: די אלמנה.
צוויי מוהמעס.

רעכטס און לינקס — טירען. אין הינטערגרונט — צוויי פענסטער אונטער פאָרהאַנגען. אויף דער וואַנט אַן איבער־געקערטער שפּיגעל. אויף א פענסטער־לייסט — א נשמה־לעמ־פּעל; דעריבער א שטיק לייגוואנט. אין מיט שטוב — אַ הענגלייכטער מיט אַרייגגעשטעקטע קאַלירטע ליכט. צווישען די פענסטער — א קיך־בענקעל, דעֶרױף א שטיקעל בייגעל, אייער־שאָלען, א בישט־דערעסען איי; רעשטלעך פון א סעודת הבראה. געבעט־מעבעל אין אומאָרדנונג.

פאַרנאַכט. שפּעטער באווייזט זיך די לבנה אין פענסטער.

ד י א ל מ נ ה (זיצט אויפ׳ן בענקעלע פאַרשטיינערט און פאַרגעסען.)

ד י מ ו ה מ ע ס (ביים טיש קוקען אויף איהר מיט מיטלייד־יגער שרעק.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. האט נאָך קיין טרער נישט געלאָזט...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. זי קוקט — וואס זעהט זי?

(פּויזע.)

ע ר שְ ט ע מ ו ה מ ע (עטוואס האָפנונג). ס׳פּנים, דאכט זיך, געהט איהר אָפּ...

(פּויזע.)

ד י א ל מ נ ה (ליעבליך). מוהמע, וואס האסטו געטאָן אויפ׳ן בית־אלמין?...

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. גאַרנישט...
ד י א ל מ נ ה (מיט אַ פאַרגליווערטען שמייכעל). בליי־מעלער געריסען?
ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע (צו דער צווייטער). דאָס האָט זי געטאַן... אינמיטען קריעה־שניידען אַראָפּגעבויגען זיך...
ד י א ל מ נ ה (צו דער צווייטער). און ד ו, מוהמע? (פאַרגעסט זיך.)

(פויזע.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. צוריק פאַרשטיינערט.

(פויזע.)

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. וואָלט זי אַ טאַטען געהאַט...
ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. אַ מאַמען!... אַ מאַמע ווייסט שטענדיג, וואָס צו טון...
צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. אָדער אַ קינד.
ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. ס'וואָלט געוויינט...
צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. אַ קליינס, וואָלט עס געצופּט ביי דער ברוסט...

(פויזע.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. אַרויסגעהענדיג פון טויער, האָט זי געפרעגט: „וואו איז מיין מאַן?"...
צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. דאָסזעלבע אַריינקומענדיג אין שטוב... „נאָך נישטאָ?".

(פויזע.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. כ'מוז געהן אַהיים! די קינדער וועלען קומען פון חדר... כאָטש אַביסעל קאַרטאָפעל...
צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. מיינער איז ערשט געקומען פון וועג. ר' וועט שילטען.
ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. מען דאַרף זי לעגען שלאָפען...

(ווילען צוגעהן.)

ד י א ל מ נ ה. מיידעלווייז האָב איך געקאָנט טאַנצען...
ד י מ ו ה מ ע ס (שפּרינגען אָפּ פאַר שרעק.)

ד י א ל מ נ ה (מעהר צו זיך). און פייפען אויך... (צו די מוהמעס מיט אַ שעלמישען שמייכעל.) קיינער נישט געוואוסט... ע ר — אויך נישט...

ד י מ ו ה מ ע ס (נעהנטער קומענדיג). גאָט איז מיט דיר!

ד י א ל מ נ ה. גאָט? — מיט מיר?

(די מוהמעס שטעלען זיך אָפּ דערשראָקען.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. מען דאַרף זי לעגען שלאָפען...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע (צוגעהענדיג). קום, קום שלאָפען...

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. קום, כ'וועל מיט דיר לייענען קריאת־שמע...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע (לייענט איחר). „המפיל“ — (די אלמנה זאָגט נישט נאָך.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. כ'וועל דיך אויסטון...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע (וויל עס טון.)

ד י א ל מ נ ה (שפרינגט אָפּ). ניין... ניין... כ'מוז ביי איהם ז י צ ע ן... כ'מוז ביי איהם ז י צ ע ן. (אָפּגעהענדיג רעכטס.) כ'וועל קיין פרעמדען נישט צולאָזען... איך אליין... איך אליין... (אויף דער שוועל שוין באַריהמעריש.) ביי מיר נעמט ער אַלץ... איך שלעפּ'ם איין... כ'זינג איהם ליעדעלעך. (אָפּ.)

ד י מ ו ה מ ע ס (געהען נאָך; קומען צוריק נאָך אַ ווײַלע, שטעלען זיך אויף דער שוועל, איינע לעבען דער אַנדערער.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. ווי געשווינד זי איז איינגעשלאָפען...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. מיט אָפענע אויגען!

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. שנאָרכט!

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. עפּעס צו געשווינד... זי נאַרט!—

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. נאָך וואָס?

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. כ'ווייס? (פּויזע.) און אפשר האָט זי פאַרגעסען... (זיפצט אָפּ.) קום!

(די מוהמעס געהען און שטעלען זיך אָפּ אינמיטען שטוב.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. זי קאָן זיך אויפכאַפּען, אַריינקומען אַהער און פּלוצלונג דערזעהן — (קוקענדיג אויפ'ן קאַגאַניקעל.) אויסלעשען?

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. מען טאָר נישט... פארשטעלען!
(רוקט עס אָפּ צום פענסטער־ווינקעל, אונטער דעם פאָרהאַנג, עס שימערט קוים.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. ס'שטיקעל לייוואנט? (רוקט עס אויך איבער.)

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. דער שפּיגעל?

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. ס'איז פינסטער, זי וועט אפשר נישט זעהן... אומדרעהען טאָר מען נישט... קום... אַט, נאָך ס'בענקעל... (רוקט עס צו אַ פענסטער צו, פארלעגט מיט אַן פאָרהאַנג.)

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. און דאָס פוסען־בענקעל. (רוקט עס צום צווייטען פענסטער צו, פאַרלעגט מיט אַן עק פאָרהאַנג.)

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. און דאָס פוסען־בענקעל. (רוקט עס צום צווייטען פענסטער צו, פאַרשטעלט עס מיט'ן צווייטען עק פאָרהאַנג. פויזע.) אַז זי האָט קיינעם נישט אין שטוב...

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. צוויי איינזאַמע מענשען געווען...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. מיר וועלען דאָך באַלד צוריקקומען...

(זיי געהען צו דער טיר לינקס.)

(די אלמנה באַווייזט זיך אויף דער שוועל, זעהט די מוהמעס פון הינטען. שמייכעלט שעלמיש, ציהט זיך ראָש צוריק.)

ע ר ש ט ע מ ו ה מ ע. וועלען מיר פאַרשליסען פון דער צווייטער זייט...

צ ו ו י י ט ע מ ו ה מ ע. פון דער צווייטער זייט...

(די מוהמעס אָפּ; די טיר ווערט פון דער צווייטער זייט פאַרשלאָסען.)

ד י א ל מ נ ה (באַווייזט זיך מיט'ן פריהערדיגען שמייכעל אויף דער שוועל. קוקט זיך אום). אָפּגענאַרט! — (געהט איבער דער שטוב, טרעט אויף אַן אייער־שאָל. עס קנאַקט. זי דערשרעקט זיך. בלייבט שטעהן, קוקט זיך אומרוהיג אום — דער בליק פאַרהאַלט זיך ביי דער לבנה אין פענסטער.) די לְבנה שיינט!... (קוקט אַרוים.) די גאַס שלאָפט. (דרעהט זיך איבער צו דער שטוב זעהר ליעבליך.) קום, חתן מיינער, ש פּ א צ י ר ע ן... (גליַיך זי נעמט עמיצען אונטער'ן

אָרעם, שפּאַצירט.) גאָר זאָלסט מיך נישט קושען.. הערסט, האָסט צייט!... (בויגט צו דעם קאָפּ.) די האָר מעגסט דו... זיי שמעקען? — איך שמיר זיי מיט גאָרנישט... דאָס שמעקט מיין נשמה... אַזוי זאָגסטו? יאָ? — וואָס רעדסטו היינט אַזוי ווענים? דיינע ליפּען ריהרען זיך, און איך הער קיין קלאַנג... (שטעלט זיך אָפּ.) וואָס קוקסט דו עפּעס אַוועק אַן אַ זייט?... (פּויזע. אומרוהיג.) עפּעס פּיהל איך נישט דיין האַנט... דיך אויך נישט... (דערשראָקען.) וואו ביסט דו? — אַ! (שמייכעלט.) ערב שבת! געגאַנגען ראַוור־נען... (באַטראַכט זיך.) און איך בין נאָך נישט אָנגעטון! (וויל צוגעהן צו דער באַנק, בלייבט אַ ווייַלע שטעהן, שמייכעלט.) ער וועט באַלד קומען און זאָגען (מאַכט נאָך.) „גוט שבת“... אַזוי האַלב זינ־גענדיג: „גוט שבת“... און (שטעלט אויס דאָס מויל צום קושען.) דערנאָך אויף און אָפּ: „שלום עליכם“ (זינגט מיט אַ מענער־שטים, האַקט אָפּ אין דער מיט.) ווי... נאָך נישט קיין ליכט געבענשט... (נעמט פון שאַנק אַרויס ליכט און לייכטער — בענשט זעהר לאַנגזאַם ליכט, צולאַכט זיך אינמיטען.) כ'זעה דיך! כ'זעה דיך דורך די פינגער (ענדיגט ראַש.) — שוין צוריק געקומען... געה נישט צו, געה נישט... „שלום עליכם“ זינג, כ'וועל מיך איבערטון... לכבוד שבת... קוק נישט... נאַשער, קוק נישט... זינג! (זינגט „שלום עליכם“, געהט צו צו דער שאַנק, עפענט די שאַנק־טיר צום צושוויער, בלייבט פאַרשטעלט ביי דער שאַנק, זאָגט אָהן ווערטער, און אָפּט איבער־געהאַקט.) פאַרוואָס זינגסט דו נישט? הערסט נישט, ווי איך זינג? (באַווייזט זיך איבערגעטאָן אין ווייסען.) פאַרוואָס זינגסט דו נישט? — ביסט ברוגז? פאַרוואָס? (וויל זיך דערמאָנען. הויבט העכער די ברעמען, באַמערקט דעם הענג־לייכטער; גלייך זי האָט פּלוצלונג פאַרשטאַנען) אַ! יום־טוב, און נישט אָנגעצונדען דעם הענג־לייכטער! ווילסט מעהר ליכט! כ'קען דיך, ווילסט דיך באַ־דען אין ליכט — יום־טוב... גוט, גוט... אַ מערכה — יום־טוב, נישט שבת... וואַרט, כ'וועל אָנצינדען... און מיט אַמאָל מיט צוויי ליכט (נעמט זיי פון טיש.) רוק מיר אונטער אַ שטול! ווילסט נישט? — פאַרוואָס? ביסט נאָך בייז? שלעכטער! (מיט טרערען.) שלעכ־טער... נאָר ס'שאַדט נישט! כ'קאָן אַליין! (צורוקענדיג זיך אַ שטול מיט די פיס, אַרויפשפּרינגענדיג און אָנצינדענדיג.) וואַרט, וואַרט — שפּעטער... נאָכ'ן עסען... וועל איך ברוגז ווערען... אַ י ך (געהט

אַראָפּ.) ניין, ניין!... כ׳שפּאס נאָר... ביסט, נעבעך, א שוואכער... (שטעלט צוריק די ליכט.) נו, קום עסען... זעץ דיך... אזוי... איך קום באַלד מיט׳ן עסען. (געהט אָפּ רעכטס, ברענגט אַריין געשיר, שטעלט צום טיש, זעצט זיך גלייך, עמיץ זיצט איהר געגענאיבער.) עס, לעבען מיינס, עס געזונטערהייט... פיש מיט ראזשינקעס, ווי דו האסט ליעב... עסט נישט? די אויגען פאלען דיר צו?... אי... מיר פארשטעהען זיך דערויף! ווארט, כ׳וועל דיך שוין וועקען. (געהט ראַש אָפּ רעכטס. קומט צוריק באָרוועס, איינגעהילט אין אַ ווייס ליי־לעך, איבערשרעקענדיג.) בו—בו—בו! — וואו ביסט דו? האסט זיך באהאלטען? וואס איהם ליגט אין זינען! כ׳וועל דיך געפינען. כ׳וועל דיך געפינען. (זוכט איהם אַרום, אונטער שטולען, אונטער׳ן טיש, אין שאַנק, בלייבט שוין מיד.) גענוג שוין... כ׳בין מיד... אזוי־פיעל נעכט נישט געשלאָפען! קום שוין... קום שוין... נאַ! (שטעלט אויס די ליפּען צום קושען.) נאַ, (דערלאַנגט אין דער לופט אַריין די צעפּ.) כ׳וועל דיך ארומוויקלען... נו שוין... א! פון אונטער׳ן אוי־ווען אהער געקומען... כאַ־כאַ־כאַ! (שטעקט אינמיטען לאַכען.) וואו געהסט דו? וואו געהסט דו? עפּעס ווערסט דו מיר אלץ דינער און דינער. (נאָכגעהענדיג.) צום פענסטער?... צום פענסטער? ווילסט ארויס פון פענסטער? (צולויפענדיג.) כ׳וויל נישט! כ׳האב מורא! (שטרעקט אויס די האַנט, ווי צום אָנכאפּען ביי אַ פּאָלע. שטרויכעלט איבער׳ן קיד־בענקעל, באַטאַפּט עס, רוקט אָפּ דערפון דעם פּאַרהאַנג, דערזעהט די רעשטלעך פון סעודת־הבראה, אויסגעשריי.) אַ! (שפּרינגט אָפּ ביז צו דער טיר לינקס, פאַלט, פאַרגעסט זיך, שפּאַרט זיך אָן אָן בענקעל; הינטער די קוליסען שטילער ציטער.) ס׳גערטעל שלאָפט איין... שלאָפט איין, טס... טס... (הינטער די קוליסען; פויגעל־צווי־טשער, וואָס ווערט אַלע מאָל שטילער און זעלטענער.) די פויגעלעך, שטיל זינגענדיג, שלאָפען איין, שלאָפען איין... טס, טס! (נאָך שטי־לערע מוזיק.) ס׳קליינע וואסער, צווישען די בוימעלעך, שלאָפט איין, שלאָפט איין... און עס גלאַנצט, און עס ציטערט אזוי שטיל, אזוי שטיל... אַ, דער וואסער שוואַן שווימט איבער׳ן גלאַנץ, אי־בער׳ן וואסער־שפּיגעל, שווימט אזוי שטיל...

פ אַ ר ה אַ נ ג.

די גאָלדענע קייט.

(אַ חסידישע פאַמיליען־דראַמע)

פערזאָנען:

שלמה.

פנחס — זיין זוהן.

משה — פנחס'עס זוהן, שלמה'ס אייניקעל.

מרים — משה'ס ווייב.

יונתן |
לאה | זייערע קינדער.

דאָקטאָר בערגמאַן.

ישראל — גבאי.

ישישים — ערשטער, צווייטער און דריטער.

זקנים — " "

חסידים — " "

א היימישער חסיד.

אן אָרעמער חסיד.

דער עולם.

ערשטער אקט.

מר׳ט׳ צימער אין רבי׳נס הויז. אַלט־פרענקיש־רייך מעבלירט טישען, טירען און באלקען — געשניצט און געמאָלט. דאָס מעבעל: אַ קאַנאַפּע, פאטער־שטולען און בענק אָהן אָנלענען ביי די ווענט. אלץ — רויט־סאַמעטען געבעט. אויף די אָנלענען פון קאַנאַפּע און פאטער־שטולען — שטיקערייען. פון זילבער־בלעך קינסטליך געבויגענע עסען, מיט קאָלירטע וואַקס־קערצען, מיט גאָלד־פּאַפּירלעך געבונדען — אַרום די ווענט. מאַכאָגענע ספרים־שענק; שויבען־שענק מיט גאָלד, זילבער, גלאָז, פּאָרצעליי און קריסטאָלוואַרג. אויף אַ קונציגער, בראָנזענער קייט הענגט פון באַלקען אראָפּ אַ קריסטאָלענער הענג־לייכטער, וואָס קלינגט זעהר מעלאָדיש ביי יעדען שווערען טריט. שווערע זיידענע פאָרהאַנגען און פּאָרטירען. איבער אַלץ שוועבט אַ פּאַטישער פרויען־געשמאַק. טירען — רעכטס און לינקס. אין חינטער־גרונט — פענסטער. אונטער די פענסטער זעהט זיך אַ שטיל־פאַרשנייט ווינטער־בילד, וואָס ווערט וואָס אַמאָל טריבער, רוישענדיגער, און צושפּילט זיך. ענדע אַקט אין אַ שניי־שטורעם.

מוצאי שבת. אין צימער, וואו עס איז גאָרנישט אָנגעצונדען, ציטערט אַ זילבערנע נעץ, געפלאָכטען פון שניי־גלאַנץ און לבנה־ליכט.

(דאָס צימער איז לער. פון דער לינקער טיר קומט אריין)

י ש י ש 1

(געהענדיג אויף־און־אָפּ, ווילענדיג פאַרטרייבען די מרה־שחורה).

ש—בת! ש—בת!

עס איז דאך פ א ר ט שבת!

(שטעלט זיך אָפּ קעגען דער טיר רעכטס, פון וואנען ער הערט טריט.)

הא? —

און ס'איז נאך פאר הבדלה —

י ש י ש 2

(אריינקומענדיג).

וועט עס זיין א וואך...

י ש י ש 3

(נאָכקומענדיג).

א וואך!

(צוגעהען זיך איבער דער שטוב, מרה־שחורה'דיג פאַר'חושכ'ט.)

י ש י ש 2

(פאַרשטעלענדיג ישיש 1 דעם וועג, האסטיג).

אבער, וואס איז דא געשעהען אזוינס?

י ש י ש 3

(צוקומענדיג).

וואס איז דא געשעהען?

י ש י ש 1

(שאָקעלט טיף־באדויערענד מיט'ן קאָפּ).

י ש י ש 2

(ביטער).

פאלט פונקט מיין איידעם איין

זיך גט'ן...

י ש י ש 3.

שטעלט זיך פונקט דאס וואסער נישט.

קריע געהט און קריע!

י ש י ש 1

(וואָס איז צוגעקומען צום טיש. שפּאַרט זיך אָן איהם אָן).

זענט איהר, הייסט עס, מיך מקנא?
וואָס?

י ש י ש י ם 1 און 2

(צוגעהען זיך איבער דער שטוב).

י ש י ש 2

(זיך אָפּשטעלענדיג פאַר ישיש 1).

אבער רעד א וואָרט!

י ש י ש 3

(שטעלט זיך אָפּ ביי דער צווייטער זייט).

ציהסט דאך די נשמה ארויס.

י ש י ש 1.

וואָס? — זעהענישען...
סאַמע זעהענישען!

י ש י ש 2.

און פאַרשטאַנען?

י ש י ש 1.

מרים'ל...

י ש י ש 2.

זי!

י ש י ש 3.

אזוי!

ז ק ן 1

(אַריינקומענדיג; באַלד נאָך דער טיר, ראַפּאָרטירענדיג).

סוחרים ווילען אהיים
און פאַרכטען זיך;
אז אשה אין עזרת־נשים —
חלש'ט!
מען קאָן זי נישט דערמינטערען...

ז ק ן 2
(וואָס איז געקומען הינטער זקן 1).

דאָס בית־המדרש...
אינ׳ם חשך מורמעלט;
גלייך א וואסער רוישט,
גלייך א וואלד!

(פויזע.)

פארוואָס מאכט מען קיין הבדלה נישט?

ז ק נ י ם
(נישט באקומענדיג קיין ענטפער, רוקען זיך אָפּ צו אַ ווינקעל; לאָזען, איבער דער גאַנצער צייט, פון די ישישים קיין אויג נישט אַראָפּ).

י ש י ש 1
(פון מחשבות אַרויס).

דרעמעלט אמאָל פאר חלשות—איין,
ציטערט אויף...
עפענט די אויגען אויף,
קוקט זיך שרעקיג אום און רופט:
א רויטע וועלט...
שטעהט זי, מרים׳ל, דערביי —

(מאַכט, פאַרביטערט אַוועק מיט דער האַנט.)

ז ק ן 1.
מרים׳לס נאָמען דערמאָנט!

ז ק ן 2.
מרים׳לס נאָמען...

י ש י ש 1
(אויספיהרענדיג).

זאָגט זי:
ווי א וואסער וועט זיך גיסען
אידיש בלוט...

חסיד 1
(אַריינקומענדיג).

רעדלעך שטעהען זיי אין מארק,
שרעקען זיך און סוד'ען זיך.
מען עפענט נישט קיין קלייט,
צינדט נישט אָן קיין ליכט!

ישיש 1.
דרימעלט איין...
ציטערט ווייטער אויף...

(פחד.)

„פלעמלעך—זאָגט ער—פלעמלעך פליהען"...

(ביטער.)

„מיט'ן רויך
וועלען שטערט און שטערטלעך געהן" —
זאָגט מרים'ל...

חסיד 2
(אַריינקומענדיג).
עס שלאָגט זיך א געוויין אין מארק...
א יולדת...
ווערען שוין דעם דריטען טאָג...
אוועקגעפאלען אויף אסכרה
א ילד...
(קנאַקט אין די פינגער.)

וואס וועט זיין?

ישיש 1.
און א וואלד געזעהן...
אן אין־סוף א וואלד...
בוים ביי בוים שטעהען זיי,
מיט די קרוינען פארפלאָנטעט;
צוזאמענגעפלאָכטענע צווייגען...

און שטעקען די נאַקעטע וואָרצעל קאַפּויר ;—
ענג איז זיי...
קומט אַמאָל אויף אַ בוים די צייט,
חייב מ י ת ה ווערט אַ בוים,
פון דער ערד אַרויסגעריסען ווערט ער,
אָבער פאַלען קאָן ער נישט,
ר'האָט נישט וואו, דער בוים ;
ה ע נ ג ע ן בלייבט דער בר־מנן
מויל און אויערען...

י ש י ש .3

האָר און נעגעל...

ה י י מ י ש ע ר ח ס י ד
(אַריינקומענדיג).

אַ פּולער הויף...
אַ געמורמעל, אַ געוויימעל —

י ש י ש .1

און אונטען, צווישען די שטאַמען,
לויפען שרעקליכע סודות אַרום,
ווי די חיות־רעות...
ברענענדיגע הונגער־אויגען,
רייסען זיך פון וואַלד אַרויס ;
זאָגט מרים'ל דערויף :
גזרות...
קרענק און אונטערגענג...

א ן א ר ע מ ע ר ח ס י ד
(אַריינקומענדיג).

נישט גוט...

(האַקט אָפּ)

י ש י ש .2

און איז די אויסגעמישטע
צווייגען פון לעבען און טויט

נעסטען פייגעל שווערע,
שווערע, גרויסע פייגעל...
היפּען זיי,
פון צווייג צו צווייג,
פון בוים צו בוים
און לאַכען
דאָס איז זייער טון — לאַכען!

ח ס י ד 2
(קומט פון רעכטס).

ביים אָרון הקודש,
אין פּרוכת מיט'ן קאָפּ אריינגערוקט,
מיט'ן שווארצען,
שטעהט פּנחס'ל...
און ישראל צווישען עולם
לויפט ארום, כאַפּט, שנאַפּט
דאָ א וואָרט, דאָרט אַ וואָרט,
לויפט צו פּנחס'לען, פארצעהלט...

(האַקט אָפּ, דערזעהענדיג משה'ן.)

מ ש ה
(איז אַריינגעקומען פון לינקס. אַ געל פּנים, שרעקיגע אויגען. אומרוהיג־בעטענדיג, זיך אומקוקענדיג, מיט א ספר'ל אין דער האַנט).

ז ק ן 1
(צו משה'ן, מיט רוגזה).

וואָס טוט זיך עס?
וואָס האָט דיין טאַטע, פּנחס'ל
מיט ישראל'ן פאר א סודות?
וואָס?

מ ש ה
(וויינערליך).

בַ'וויים נישט, בנאמנות, כ'וויים נישט!...

י ש י ש 1.

זאגט זי, מרים׳ל, ללעג
ולקלס וועט מען זיין...

מ ש ה

(וואָס האָט ארויסגעקוקט אין ספר׳ל ביים שויך פון פענסטער; זיך בעטענדיג).

לאָזט געמאך...
אַלטע אידען, לאָזט געמאַך.
ווענינ עצבות,
מרה־שחורה ווענינ?

(פון ווייטערע שטובען הערט מען אַ מענליך געוויין.)

ז ק ן 1.

— דער ישוב׳ניק וויינט.

ז ק ן 2.

— וואַלגערט זיך ארום, שוין וואַכענלאַנג,
קאָן זיך נישט דערשלאָגען...

ה י י מ י ש ע ר ח ס י ד.

אויסגעדונגען האט מען איהם די מיהל,
וואַלגערט זיך
מיט ווייב און קינד ארום אין שניי...
אין מיט׳ן פעלד...

ח ס י ד 1.

אז מען געהט, ווי בלינדע שאָף ארום,
אז מען זעהט דעם פאַסטוך נישט...

ח ס י ד 2.

אז מען געהט ארום אין חשך...

ח ס י ד 3.

ס׳ציטערט די הויט אויפ׳ן לייב...

(עס הערט זיך אַ ווייבער־געוויין.)

ז ק ן 1.

נשים רייסען איין די שול!

ז ק ן 2.

פאר'ן ילד?

ז ק ן 3.

פאר דער יולדת?

ה י י מ י ש ע ר ח ס י ד.

נישט געקאָנט דערוואַרטען זיך!

י ש י ש 1

(וואָס האָט ערשט אצינד דערהערט דאָס געוויין; זיך אויפשטעלענדיג).

פאר הבדלה רייסט מען איין א שול?

(בלייבט שוין אַזוי שטעהן.)

(ערגעץ מאכען זיך טירען צו, דאָס געוויין האַקט זיך אָפּ. פויזע.)

מ ר י מ ' ל

(העל־בלוי געקליידעט, פאַר'חלומ'ט. נאַכט־וואַנדלערישע טריט. קומט אַריין, ניקט טרויעריג־פריינדליך אַרום, געהענדיג צום פענסטער).

י ש י ש 1.

מרימ'ל...

י ש י ש י ם 2 און 3

(וואָס האָבען זיך ביי איהר אריינקומען, אויפגעשטעלט, לאָזען די אויגען אַראָפּ).

ז ק נ י ם

(רוקען זיך זעהר אומרוהיג טיפער אין ווינקעל אַריין).

ח ס י ד י ם

(האָבען געוואָלט אַרויס פון שטוב. איינער האָט שוין געלעגט די האַנט אויף דער קליאמקע. בלייבען שטעהן, אויסטערליש פאַרוואונדערט, מאַכבע דערשראָקען, טייל מורמלען עפּעס).

מ ש ה.
(ווילענדיג איבעררייסען די שטימונג).

וואס מאכען, מרימ'ל,
די קינדערלעך ?

מ ר י ם
(שטעלט זיך אָפּ, שאָקעלט מיטלײדיג מיט'ן קאָפּ, נאָך פּויזע).

איינגעשלאָפען...

(פּאַרקוקט אין פענסטער אַריין.)

קינדער ווייסען נישט,
קינדער פיהלען נישט,
כ'האָב זיי אונטער די קעפּלעך
קישעלעך געלעגט.
שמייכלען זיי...
שרעקליך שמייכלען קינדער...

מ ש ה
(מיט א שטילען פאָרוואורף).

מ ר י ם
(אַרײנקומענדיג פון פענסטער).

א וואָלקען ציהט
פון מערב־זייט אויף אונזער הויז,
לאָזט זיך איבער'ן הויז אראָפּ,
קינדער ווייסען נישט,
קינדער זעהען נישט...

(פויזע. אין צימער אַריין מיט נאָגענדיגער שטימע.)

פאַרוואָס מאכט מען קיין הבדלה נישט ?

(ליבקס הערט זיך א געמורמעל פון אן עולם.)

א ר ו מ י ג ע
(הערען זיך איין מיט שרעק).

מ ר י ם

(מיט שרעק און פאַראַכטונג).

דער עולם,
דער שוואַרצער עולם —
ברענענדיגע הונגער־אויגען...

א ר ו מ י נ ע

(שטימען).

— דער רבי...
— דער רבי —
— דער רבי געהט...

ש ל מ ה

(אַ זעהר הויכער, גרויער, בלאַסער איד; אויסער דער שוואַרצער, שפּי־ציגער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, פּרעס־ווייס געקליידעט; אַן אומגעווענליך הויכער שטערן, אומגעוועהנליך גרויס־געעפענטע אויגען; מיט אַ קינ־דיש־נאַאיווען שמייכעל איבער'ן איינגעשרומפּענעם פון צער פאַרגלי־ווערטען פּנים, קומט אַריין).

ע ו ל ם

(באַווייזט זיך הינטער איהם אין טיר).

פ נ ח ס און י ש ר א ל

(פאַר'ן עולם).

ש ל מ ה

(זיך אומקערענדיג).

שלמה מאַכט —
קיין הבדלה ניש"...

ע ו ל ם

(ציהט זיך ווערענד פאַלגענדען אַלמעליג צוריק. צולעצט פאַרמאַכט ישראל הינטער זיך די טיר.)

מ ר י ם

(רופט צו שלמה'ן אַ פאַטער־שטול).

הימישער חסיד.

— רבי!
עס פאַלט דער עולם פאר שרעק
אויפ׳ן פנים...
שלמה

(אָנשפּאַרענדיג די האַנט אויף דעם פאטער־שטול).

איין עולם...
דער עולם...
צוויי, דריי, פיער...
פינף מנינים קליינע, קליינע אידעלעך...
איינגעשרומפּענע,
קלייניקע
אידעלעך...
קומען,
קלאפּען אַן ביים צדיק...

(טאָן־ענדערונג: צער.)

געפּרווירענע נשמה׳לעך...
הערצעלעך...
צום נר־תמיד קומען זיי,
שטעלען אוים די הענטעלעך:
א פונק! א פונק!
א נדבה׳לע,
א מופת׳ל...
א נס, א וואונק פון יענער זייט!
און יעדעס וויל פאר זיך,
פאר זיך,
פאר אייגען ווייב און קינד,
פאר אייגען הויז־געזינד...

(פויזע.)

און דא — צווישען טויט און לעבען
וואקעלט זיך א וועלט!

א װ ע ל ט זינקט אין מרה־שחורה איין,
א װעלט!
(פויזע.)

מ ר י ם
(אין דער שטילקייט, צום פענסטער פאַרקוקט).
עס ציהט זיך, ציהט דער װאָלקען שװאַרץ...
א שװאַרצער פויגעל שפּרייט
שװאַרצע פליגעל אויס...

ש ל מ ה.
אין שװאַרצען אַנגעטאַן,
אין שװאַרצען איינגעהילט,
די נשמה פון דער װעלט,
די שכינה ברומט,
און װיינט, טרויערט...
און ס׳צאַפּעלט,
אין אייגענעם בלוט פאַרטרונקען,
ס׳האַרץ פון דער װעלט!

(אויסגלייכענדיג מיט אויסגעשטרעקטער האַנט.)

אויסגעלעזט פון פּיין און שרעק
מוז װערען — —
די װ ע ל ט!
(טאָן־ענדערונג.)
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

מ ר י ם.
צאָרניג ברוינט דער װאָלקען זיך...
א צאָרניג ברוינער הימעל קוקט אַראָפּ...
און זיי שמייכלען דאָרט,
קינדער זעהען נישט!

ש ל מ ה
(ביטערער).
ברוגז׳ט זיך דער הימעל!

פארוואס מאכט ער, שלמה'לע,
קיין הבדלה נישט!
אנגעפלויגען זענען דאך
נשמה'לעך,
צוריקגערופענע פקדונות'לעך...
צי האבען זיך די טייבעלעך
אין דער נידער נישט באפלעקט?
צי פעהלט נישט וועם' א פליגעלע?
נישט אויסגעצופט א פעדערעל?
באקוקען מוז מען זיי!
און צו משפט'ן גרייט
שטעהט דאס בית־דין של מעלה...
אין עטרות גאלדענע,
קרוינען ריין־בריליאנטענע,
און זיי ווילען זעצען זיך
משפט'ן און פסק'נען...

(בארמהארציג.)

און די נשמה'לעך — —
פלאטערען...
ס'ציטערען די פקדונות'לעך...
מאימת יום הדין!
מאימת יום הדין!

(טאן־ענדערונג.)

ציטערט נישט,
פלאטערט נישט!
שלמה'לע מאכט קיין הבדלה נישט...
מען וועט נישט — משפט'ן!

(דערשראקענע פויזע.)

מ ר י ם.

ווינטען בלאזען,
יאגען זיך, טרייבען...

ארום הויז טרייבען זיי...
ארום הויז...

ש ל מ ה.

כעס'ט זיך, הייסט עס ס'גיהנום,
שיקט זיינע שלוחים ארוים!
שווארצע פייגעל פלאטערען ארום אין ווינט,
דער שווארצער הונט אויף דער קייט דאָרט
ווארפט זיך!
שבת קודש איז אריבער,
דער ס מ ב ט י ו ן שלאָגט
און שלמה האט זיך איינגעשפארט,
הבדלה מאכען, — וויל ער נישט.
קעפלען — אונטערגעהייצט;
קאָכען זיי,
זידען זיי...
רויכיגע פלאמען הויבען זיך, וויקלען זיך,
פעטע, ברענענדיגע כמארעס...
„קומט צוריק, רשעים,
„אויף שרעק און פיין
„אויף יסורים רעים,
„אויף ענוים קשים...
„פארוואס קומט איהר נישט צוריק?"
און די אָרעמע נשמה'לעך,
די פארפלעקטע, די פארזינדיגטע, —
אז שבת־קודש לעשט זיך אוים,
ווייסען זיי
און ציטערען...
און טשעפען זיך
און כאפען זיך...
מיט די שווארצע פליגעלער,
מיט אויסגעצופטע פעדערלעך
צו די נעבעלעך
און קלאמערן, קלאמערן זיך

מיט די צאפּעלדיגע הערצעלעך
צו די וואַלקענדלעך,
און ציטערען...
ציטערען!

(טאָן־ענדערונג).

ציטערט נישט!
צאפּעלט נישט...
פליהט אייך, פראנק און פריי ארום —
וואו איהר ווילט,
וואו א ווינטעל טראָגט —
איך מאך קיין הבדלה נישט!

א ר ו מ י ג ע
(אין שרעק).

— און וואס ועט זיין?
— רבי, וואָס וועט זיין?

ש ל מ ה.

שבת זאָל זיין, — שבת!
מיט צוואנגען האלט איך שבת איין!
נישט גע'פסק'נט, נישט געשטראָפט!
עס הענגט אין דער הויך דארט א וואָג
פאר'ן כסא הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג...
ס'ציגנגעלע צאפּעלט, צאפּעלט...
א מצוה'לע טוט א איד
און — אז עבירה'לע...
שטעלען קאָן זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי —
צאפּעלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט.
העלפען קאָן ער נישט...

(פויזע.)

און זיצט ער, משיח,
אין די טויערען פון רוים
און װאַרט!
געהן קאָן ער נישט...
די וואונדען היילען זיך נישט...
ער בינדט זיי צו —
און געהן, לעזען אוים די וועלט
קאָן ער נישט!
און קיין כח צו וואַרטען, איז נישטאָ...
אין מרה־שחורה זינקט אריין די וועלט.

(אויפשטעהענדיג.)

אויסגעלעזט מוז ווערען די וועלט!

ארומיגע
(אין שרעק).
— ווי אזוי, רבי, ווי אזוי?

שלמה.
שבת זאָל זיין!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייהט,
נישט געבויט און נישט פאַרריכט...
נישט געהאַנדעלט, נישט געוואַנדעלט...

היימישער חסיד.
חרוב זאָל ווערען די וועלט?

שלמה.
חרוב זאָל ווערען די וועלט!
און מיר —
מיר שבת'דיגע,
מיר יום־טוב'דיגע,
מיר נשמה־יתרה'דיגע אידען,
וועלען איבער איהרע חורבות געהן...

מרים.

וואוהין?
רבי, וואוהין...

שלמה.

צו איהם, צו איהם!
זינגענדיג און טאנצענדיג וועלען מיר געהן
צו איהם!

(פויזע. עקסטאַז.)

זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

(זינגט, טאַנצט אַרום זיך, דער ענגעל־לייכטער הויבט אָן קלינגען.)

ישישים

(נעמען זיך אָן ביי די הענט. שטעקען אויס די פריוע הענט צו די זקנים, און טאַנצען, אַז זיי קומען נישט צו, אַ נישט פאַרשלאָסען רעדעל).

חסידים

(רוקען זיך שטיל אַרוים).

משה

(קוקט אויף אלעם אפוועזענד).

מרים

(כאַפּט ביי שלמה'ן אַן אַראָפּגעלאָזטען עק פון גאַרטעל, טאַנצט אַרום איהם פאַר'חלומ'ט, עטוואָס גליקליך־פאַרשעמט, ווי כלה־טאַנץ. דער ענגעל־לייכטער קלינגט אַלץ שטאַרקער).

שלמה

(מערקט עס נישט. שטעלט זיך זעלבסטשטענדיג אָפּ).

און אזוי!
אזוי געהען מיר,
זינגענדיג און טאַנצענדיג...
מיר גרויסע, גרויסע אידען,
שבת־יום־טוב'דיגע אידען,
די נשמות פלאַקערן!

פּאַר אונז, וואָלקנס — שפּאַלטען זיך!
הימלען — פּראַלען ד'טויערן אויף!
אין ענג הכבוד שווימען מיר א ה י נ ן,
צום כסא הכבוד צו,
צום כסא הכבוד צו!
אויפ'ן אבן שיש טהור
שטעהען מיר!
און מיר בעטען נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע, שטאָלצע אידען זענען מיר.
מיר זאָגען איהם:
לענגער וואַרטען נישט געקאָנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיג, טאַנצענדיג געהען מיר!

מ ר י ם

(לאָזט אָפּ דעם גאַרטעל, לעגט זיך די הענט הינטער'ן קאָפּ. בויגט איהם שטוואָס אַרונטער, מיט שטראַלענדיגע אויגען, קלאַרנעט־קלאָר, מיט'ן טראָפּ).

ישקני מנשיקות פיהו
כי טובים — — דודיך — — מיין!

(פּויזע. שטילער אומבאַוועגליכער עקסטאַז.)

י ש ר א ל

(אַריינקומענדיג פון אַ ליכטיג צימער).
גוט וואָר, אידען!

ש ל מ ה

(פאַלט אויפ'ן שטול).
נ י ש ט דערלאָזט!
(שטעהט אויף. מיט פּלוצלינגער מאַכט.)
ווער האָט מורד במלכות געווען?

י ש ר א ל

(קאַלט שנײַדענדיג).
ר ב פּ נ ח ס'ל...

ש ל מה

(מיט שטייגענדער שרעק).

מיין זוהן,
מיין שווארצער זוהן...

(ציהט זיך הינטערוויילעכטס צוריק צום פינסטערען צימער. וואַקעלט זיך.)

מ ר י ם און י ש י ש י ם

(לויפען צו, שטיצען און פיהרען איהם אַרוים, בשעת ווען אויף דער שוועל פון ליכטיגען צימער באַווייזט זיך פ נ ח ס, שוואַרץ געקליידט, אַנגערוקט און געהט פאַמעלעך נאָר פעסט און מיט א שטאָלערנעם בליק צום רבי׳נס שטול צו).

מ ש ה

(פאַלט דערשראָקען אויף א שטול).

מ ש ה, מ ר י ם און י ש י ש י ם

(אָפּ.)

ז ק נ י ם

(וואָס זענען נאָכגעגאַנגען, שטעלען זיך אָפּ אויף דער שוועל און קערען זיך אומרוהיג אום צו פ נ ח ס ׳ ן. פון גערודער געוועקט, באַווייזען זיך)

ל א ה און י ו נ ת ן

(און בלייבען פאַרציטערט ביי דער טיר.)

מ ר י ם

(געשריי פון פינסטערען צימער).

אַ דאָקטאָר! א דאָקטאָר!

(באַוועגונג.)

מ ש ה

(פאַלט צוזאַמען).

ל א ה

(כאַפּט אָן יונתן ביי דער האַנט).

ח ס י ד י ם

(וואָס זענען געבליבען צושראָקען אין ווינקעל, ריהרען זיך. ווילען לויפען נאָך א דאָקטאָר.)

פ נ ח ס

(פאַר דעם שטול שוין).

קיין דאקטאר!

(דערשראָקענע פויזע.)

י ו נ ת ן

(רייסט אויס זיין האַנט פון לאה׳ם; רוקט זיך פון איהר אָפּ).

י ש ר א ל.

זעצט אייך, רבי!

ז ק נ י ם שוואַך און ח ס י ד י ם שטאַרקער.

זעצט אייך, רבי!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

צווייטער אקט.

דאָס זעלבע צימער, נאָר אָפּגעלאָזט.

עס איז צוגעקומען א שוואַרצע סאָפּע ביי אַ וואַנט. דער הענג־לייכטער פעהלט. אינמיטען שטוב שטעהט אַ קיך־טי־שעל, אויף וועלכען מען האָט נאָר וואָס אַראָפּגענומען דעם הענג־לייכטער. צוואוואָרפענע אַראָפּגעפאַלענע קריסטאָל־פּריזמען.

חסידים

(טראָגען אַרויס און פון ווערענדע אַראָפּ דעם הענג־לייכטער).

מרים

(געעלטערט, קרענקליך, קוקט, האַלב ליגענדיג אויף דער שוואַרצער סאָפּע דעם הענג־לייכטער נאָך. הערט זיך שמערצליך צו צו זיינע לעצטע קלאַנגען).

משה

(קוקט אויף מרים׳ן אומבאַהאָלפען).

וואו איז לאה? וואו איז לאה?

יונתן

(לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ איבער׳ן ספר).

הײמישער און אָרעמער חסיד

(אַרויסגעהענדיג מיט די צונויפגעקליבענע פּריזמען, פאַרבייגעהענדיג פאַר מרים׳ען).

— ער, זאָל לעבען, האָט געהייסען —
— מען מוז פאָלגען...

(אָפּ).

מ ר י ם.

אַלץ, וואָס האָט פאַרב און קלאַנג,
אַלץ, וואָס דערמאָנט אַז יענעם...

מ ש ה.

אַלץ... אַלץ...
און נאַר געשטראָפט...

י ו נ ת ן

(אויפשפּרינגענדיג).

כולו זכאי וויל ער!

מ ר י ם

(מיטלייד אויף יונתן).

אַרעמער אומרוה,
צווישען ליכט און שאָטען,
זיידען און עלטער־זיידען...

י ש י ש 2 און 3

(באַווייזען זיך אויף די וועראנדע־טרעפּ. געהען זעהר לאַנגזאַם, מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, ווי בלינדע אויף אַן אויסגעטרעטענעם וועג. קומען אַריין).

מ ש ה

(געהט זיי עטליכע טריט אַקעגען).

שלום עליכם...

(בלייבט שטעהן מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט.)

ד י י ש י ש י ם

(מערקען עס נישט. שטעלען זיך אָפּ פאַר מרים׳ן, זיך פאַרענטפערענדיג).

צ ו ו י י ט ע ר י ש י ש.

— נו, וואָס...

י ש י ש 3

(ענדיגט).

— כצאן בלי רועה?

מ ר י ם
(אומרוהיג).
וואו איז...

י ש י ש 2.
ר'אט'ן געשטראפט...

י ש י ש 3.
(גליוכצייטיג, אראפלאזענדיג דעם קאפ).
נישטא...

(פויזע).

וואס הערט זיך דא?

מ ש ה.
שליידערט רבנים פון די שטולען אראפ,
צויאגט רבנים און שוחטים,
ווי פלעווען דער ווינט.
ברענגט צו בעטעל־ברויט עשירים,
בעלי־בתים — צו נע־ונד!
פאכט א פייער פון מחלוקת,
פארברענט קהלות און שטעדט...

י ש י ש 3
(אנכאפענדיג ישיש 2 ביים גארטעל; זעהר אומרוהיג).
קום, שלום נעמען, קום...

(אפ).

ל א ה.
(קומט אריין פון דרויסען. וויל צולויפען צו דער מוטער; באמערקט דעם קיך־טיש, דערנאך — אז דער הענג־לייכטער פעהלט. אויסגעשריי).
מאמע!

מ ש ה
(ביטער).
ער האט געהייסען!

(פויזע).

מ ר י ם

(פאַרענטפערט זיך).

אַ ל ע גיבען זיך אונטער, א ל ע !

ל א ה

(טראַציג).

נישט אלע !

(פויזע. באַדויערענד).

מענשען אהן ווילען...
אין שאטען איינגעהילטע,
אין נעבעל פארוויקעלטע,
פארגליווערטע אין שרעק און פיין...

(נאָך אַ בליק דורכ'ן פענסטער.)

און דארט...
אַ הימעל — פריי,
לייטזעליג אויסגעשמייכעלט...
די ערד — יונג, צושטראַלט...
אפען...

י ו נ ת ן

(גיפטיג).

די נאַטור !
אזוי זאָגט ער דאך: די „נאטור"...
און גענעץ...

מ ש ה

(דערשראָקען).

ווער? וואָס?

מ ר י ם

שלעכטע נביאות זאָגט מיר דאָס הארץ...

ל א ה

(האַלב אַרויסקוקענדיג פון פענסטער).

נביאות... חלומות...

מ ש ה.

אבער וואס באטייט עס, מרים?
בין איך קיין טאטע נישט?
ביסט דו קיין מאמע נישט?
פארוואס ווייס'מיר נישט...

מ ר י ם.

איך בין צו אלט...
(מיט א וועהמוטיגען בליק צו לאח'ן.)
און דאס איז צו יונג...

י ש ר א ל
(ארײנקומענדיג פון רבי'נס שטוב. דראתענדיג).
וואו ביסט דו געוועזן, לאה?
(אומרוהיגע פויזע.)

ל א ח
(מיט פלוצלונג־פעסטען באשלוס).

מאמע,
דו וועסט קיין קרבן אויף זייער מזבח נישט זיין!
נישט אויסגעהן אהן הילף, ווי יענער...
(פעסטער.)
כ'האב דיר דעם דאקטאר באשטעלט!

מ ש ה — מ ר י ם
(גלייכצייטיג מיט שרעק).

טאכטער.

מ ר י ם.

קענען ווען שטעלסט דו דיך, טאכטער...

מ ש ה.

א שעפעלע קענען א לייב!

י ו נ ת ן
(אין האסטיגער פארצווייפלונג).
לאז'ם נישט אויף די אויגען, מאמע,
טאטע, לאז'ם נישט איבער דער שוועל!

ישראל!
מיר און טויער פארמאך,
פאררינגל!

(צו אַלע ארום.)

א כשוף־מאכער איז ער!
לעגט קוילען האלבע צוזאמען,
נישט איבערצורייסען!
זומער, אין שטוב מאכט ער שניי!
און א סיני וויל ער מאכען,
מיט דונערען און בליצען...

(ישראל ראַש אָפּ.)

און לייקענט אין הימעל —
נאר שטערען פּאראַן,
אזוינע ערדען...
און קיין נסים...
און קיין תפלה העלפט —
נאר געזעץ...

(פאַלט אויף אַ שטול, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים. שלוכצט.)

מ ש ה

(ציטערט).

מרים, מרים,
עס זענען דאָך אונזערע קינדער...

(פּויזע.)

י ו נ ת ן

(נעמט אַוועק די הענט פון פּנים. פול חרטה).

לאה...

(נישט באַקומענדיג קיין ענטפער, מיט אונטערטעניגען געבעט.)

לאה...

ל א ה

(קערט זיך צו איהם האַלב אָפּ פון פענסטער).

וואס אַרעמער ברודער...

י ו נ ת ן.

מען האט מיר א חלום געוויזען...
דעם בעל־שם'ס אייניקעל
האט מען א חלום געוויזען,
געווארענט! —

(איבערטריבען פעסט.)

איך בין אין הימעל געוועזען!
(טראַציג.)
לאכסט נאך נישט, לאה?

ל א ה

(קערט זיך איינגאַנצען אום צו יונתן'ן).
ניין... פארצעהל דיינע חלומות, ארעמער ברודער...
אז דו פארצעהלסט,
טוט זיך פון דיר
דעם זיידענס שווערער וואלקען אפ...
דו פארצעהלסט אזוי שעהן...

י ו נ ת ן
(וויזיאָנער).

אין הימעל בין איך געוועזען...
אלץ ארום איז מערמעל־שטיין —
פריש געפאלענער שניי — —
אזוי העל, אזוי קלאר, ווייס ארום!
און שטילע, ווייסע, זילבערנע נעבעלעך,
פורפור און גאלדען געזוימטע,
ציהען זיך, שווימען; וויקלען זיך און שוועבען,
מיר איבער'ן קאפ...
הויך, הויך איבער'ן קאפ...
און אינעווייניג, אין די נעפעלעך
ציטערען, שימערען, בליצען אויף און אפ,
פליהענדיג ארום, ארום
שטערענדלעך — —

(טאָן־ענדערונג.)

אויף א בעלעמער בין איך געשטאַנען.
אויך לבנת הספיר —
קלאָר, ווייס־שטראַלענדיג —

מ ש ה.
דאָס דערלעבט א קינד!

ל א ה.
צוריק עלטער־זיידע!

מ ר י ם.
זיינע אויגען...
שטילע, פאַר׳חלומ׳טע טויבען...

י ו נ ת ן.
טויבען?... טויבען...
פליהען ארוים פון מערמעל־שטיין..
זילבערווייסע טויבען,
פריש געפאַלענער שניי...
און ווי שטערען די אויגעלעך...

מ ש ה.
דאָס באַטייט?...

מ ר י ם
(צוגעצויגען).
דער וואָלקען האָט זיך אָפּגעטאָן,
דער שטערן בלאַס,
הימעל־בלויע, טיפע אויגען,
מיין נשמה באָדט זיך אין זיי...
פאַרצעהל, קינד, פאַרצעהל...

י ו נ ת ן.
לייטזעליג זיסע טויבען!
ארום, ארום מיר פליהען זיי,
און ריהרען זיך אַן אַן מיר
פליהענדיג.

אז די קליידער,
אז די באקען
און גלעטען מיך
ארום בלויזען האלז און קושען מיך...
און פליהען אפיר,
און קוקען מיר אין ד׳אויגען אריין,
און ברומען,
און רוימען מיר אין ד׳אויערען איין —

מ ר י ם — ל א ה.
וואס? וואס?

י ו נ ת ן.
„גלויב... גלויב... גלויב..."

ל א ה
(ווענדט זיך אָפּ).

מ ש ה.
אמונה מוז האבען א איד...
וואס ווייסען מיר?
מיט א נראשענדיג ליכטעל געהט מען ארום
אין אזא חשך...

י ו נ ת ן
(מיט פלוצלונגער שרעק).
כ׳הער טריט,
צוויי קומען אן...
כ׳וויל נישט זאגען, ווער!

ל א ה.
(געביטענד).
זאג!

י ו נ ת ן.
זי און ער...

מ ש ה.
ווער? ווער?

י ו נ ת ן.

ער —
א מענש, א קיזעלשטיין
בליץ פון חלפים אין אויג;
זי — א מעסער אין האנט...
(צו לאה׳ן, אויסער זיך.)
ווי קומט צו דיר א מעסער?

מ ר י ם.

פון זינען אראפּ?

י ו נ ת ן
(ציטערט).

שנייד, זאָגט ער דיר,
דו פאָלגסט!
מאַכסט מיט׳ן מעסער ארום,
ס׳בליצט — א פייערדיג ראָד...

(טאָן־ענדערונג.)

און די טויבען,
די, וואָס פליהען אויפ׳ן מעסער אַן,
פאַלען...
געשאַכטען פאַלען זיי...
בלוט אויפ׳ן מערמעלשטיין
הייס בלוט,
און אין בלוט פארגעהען זיי,
און פארגעהענדיג, ברומען זיי:
„גלויב... גלויב... גלויב..."

ד א ק ט א ר ב ע ר ג מ א ן
(וואָס איז פאר אַ ווײַלע אַריינגעקומען).

דעקלאַמירסט?

י ו נ ת ן
(אויסער זיך פאַר צאָרן און שרעק).

זיידע!

(פויזע. משה ציטערט. מרים — פאַרגליווערט אין שרעק. לאה ציהט זיך צו בערגמאַנ'ען, אומבאַוואוסט זוכענדיג הילף. יונתן—אפּוועזענד. עס דערהערען זיך טריט. עס באַווייזען זיך: פּנחס, פון ישראל'ן באַגליוט. הינטער זיי — חסידים, צום וועג געקליידט.)

פּ נ ח ס

(צו די לעצטע זיך אומדרעהענדיג).

שוין געזעגענט.
אומזיסטע רייד.
מיט שרעק זייט איהר געקומען,
אין שרעק געהט אייער וועג...
כלו זכאי מוז זיין!
איך לייטער די וועלט, ווי זילבער,
מיט פייער — זאגט גאָט.
ווינטען האָב איך אויף איהר געשיקט,
אלע עקען אָנצוכאפּען,
אויסשאָקלען די זינד...
און זינדיגע, — ווי דערנער,
מוזען אויסגעריסען ווערען, —
געהט!

(חסידים אָפּ אין שרעק.)

ווער האָט גערופען?

(קוקט זיך, נישט באקומענדיג קיין ענטפער, אום; באמערקט דאָקטאָר בערגמאַן, צו משה'ן, אומרוהיג, פאַרוואונדערט.)

ווער איז דער?

מ ש ה.

כ'ווייס נישט... טאַטישי, כ'ווייס נישט...

ב ע ר ג מ א ן.

דאָקטאָר בערגמאַן, צו דינסטען...

ל א ה.

מיין חתן, ווידע.

י ו נ ת ן

(צום זיידען צופאַלענדיג).

שטראָף זי נישט, זיידע,
מיט'ן בליק נישט פאַרברען;
פאַר'כשופ'ט האָט ער זי,
אין נעץ אַריינגעצויגען...
אויף איהם גיס אויס דיין צאָרן,
אויפ'ן מסית ומדיח...

פ נ ח ס

(מיט שטוינענדער שרעק).

ווער ביסט דו, ווער?
ווער האָט זיך אין דיר פאַרשטעלט?
דער שטן ביסט דו,
סם אליין?
ווילסט דיך נוקם זיין?

(טאָן-ענדערונג.)

גאָט,
איך האָב דיינע מלחמות געפיהרט,
דיין גאָרטען פון דערנער געריינינגט,
געהייליגט דיין נאָמען,
און דאָ
האָט זיך אַריינגענאַרט
דער הונגעריגער וואָלף
און דאָס שעפעלע,
דאָס וויסטע,
דאָס קלאָרסטע, דאָס ריינסטע
פאַרצוקט...
און דו האָסט דערלאָזט,
און דו שווייגסט...

(פויזע.)

(עס גענעהנט זיך אַ גערודער.)

עולם.

(באַווייזט זיך אונטער די פענסטער.)

ישיש 2 און 3

(קומען ראַש אַריין, אוינעם דעם צווייטען איבעריאָגענדיג. אויסכאַפּענדיג פון מויל — קייכענדיג).

רבי...

(אויפ'ן עולם.)

— זיי האָבען מורא צו זאָגען...

— אַ שלעכטע בשורה...

עולם

(באַווייזט זיך אין טיר).

— רבי, עס ברענט!

— עס גערט אַוועק די שטאָדט מיט'ן רויך!

— אויסגעטריקענטע ברונען...

— קיין האַק, קיין אייזען...

— עס שליידערט דער ווינט

פון דאך צו דאך די פלאַמען...

— פייערדיגע שלאַנגען...

— ראַטעוועט, רבי!

לאה.

דאָס קאָן ער נישט!

בערגמאַן.

גיין!

עולם

(רייסט זיך אַריין).

פון דיר, אפיקורס, קומט דאָך עס!

פון דיין הויז קומט די פלאַם,

פאַר דיינע זינד!

משה

(רעזיגנירט).

געשטראָפט!

מ ר י ם

(פאַרבליפט).

אַ נס ? !

י ו נ ת ן.

הייליג איז דער זיידע !

פ נ ח ס

(הויבט אויף די האַנט צום הימעל).

כ'דאנק דיר, גרויסער גאָט,

געהערט מיין געבעט,

אויסגעפיהרט מיין קריג !

ב ע ר ג מ א ן

(קאַלט).

איך בין אסעקורירט !

ע ו ל ם

(רייסט זיך צו בערגמאַן מיט די פויסטען).

אפיקורס !

ל א ה.

פינסטערער עולם, האַלט !

א ווארע מאַך !

—לאָז דורך די מענשען פון ליכט,

וואס געהען אין ווייטען

וועג צום ליכט !

(אָם מיט בערגמאַן געאַרימט ; אין טיר.)

מאמע, זיי געזונט !

ע ו ל ם

(פאַרשטיינערט).

פ נ ח ס

(וואַקעלט זיך, צום פאַלען).

פ אָ ר ה א נ ג.

דריטער אקט.

דעם רבי׳נס צימער. מעבלירט, ווי א קליין בית־המדרש׳ל. רעכטס: א וועראנדע אין גאָרטען אריין. אין הינטערגרונט— פענסטער. לינקס — אַ טיר אין בית־המדרש אַריין. דערנאָך אַן ארון־קודש איבער אַן אָפענעם שענקעל אָנגעפּאַקט מיט טליתים, שופרות א. ד. ג. ספרים־שענק געשויבטע און אָפּע־נע; עסען מיט געוועהנליכע נאָר כשר׳ע ליכט אַרום די ווענט. אין מיט שטוב, אונטער א מעשענעם, זיבען־רערענ־דיגען הענגעל־לייכטער — אַ שולחן. דאַרויף עטליכע פּאָר מעשענע לייכטער. דערביי רעכטס א רבי־טישעל מיט א כלי־כתיבה, פּאַפּיר אויף קווימלעך און דערגלייכען. א פּאטער־שטול פאַר׳ן טישעל, מיט׳ן אָנלעהן צו דער וועראנדע. די הויפּט־פאַרב—גרוי. א טריבער נאָכמיטאג, אָפענע פענסטער.

(פון בית־המדרש הערט זיך מ ש ה ׳ס קול. מ ר י ם, געעלטערט און געבויגען, זיצט ביים טיש און הערט זיך איין, ניט גלויבענדיג איהרע אייגענע אויערען.)

י ש ר א ל

(קומט אריין, עטוואָס אָפּענלאָזענדיג די טיר, מיט א בשורה).

רבי׳צין, א ישועה!

(מרעט אָפּ מרים׳ען דעם וועג.)

מ ר י ם

(געהט צו דער טיר, קוקט אַריין, קעהרט זיך צו ישראל׳ן, פאַרמאַכענדיג הינטער זיך די טיר, נאָך ניט פעליג איבערצייגט).

שטעהט אויפ׳ן בעלעמער —

י ש ר א ל

(מיט נצחון).

און רעדט !
און אַזוי האַרציג,
טויבען פליהען איהם פון מויל —

מ ר י ם.

וואס איז געשעהען ?
אַזוי איבער נאַכט ?

י ש ר א ל.

דער קבוץ !
פון אַלע עקען וועלט
אידעלעך געקומען,
חסידים'לעך !
האָט זיך יעדעם חסיד'ל
אין האַרץ א פינטעלע, א פינקעלע...
נעמען זיך די פונקען צוזאמען
און גיסען, שמעלצען זיך צוזאַמען,
ווערט א זון !
אויפ'ן צדיק'ס קאָפּ די קרוין...
נישט איבערגעריסען, ניין,
די גאָלדענע קייט...

מ ר י ם.

וואס פאַר א קייט ?

י ש ר א ל.

צנתרא דדהבא
ביז'ן בעל שם די קייט,
די גאָלדענע קייט !

ו נ ת ן

(שטאַרק באַוועגט, פון בית-המדרש אַרויס).

מאַמע,
געה אין עזרת נשים, מאַמע...

הער זיין קול,
זעה, ווי די שכינה בליהט
איבער זיין קאָפּ!
(מרים פאַלגט.)

(אין דרויסען ווערט העלער.)

(צו ישראל.)

די זון, די גאָלדענע זון!
דורכגעבראָכען דער וואָלקען;
געפּלאַצט האָט דאָס אייז,
צוגאַנגען איז דער שניי —
הערט — טייכען ריזלען,
שטראָמען יאָגען —
פון די בערג, פון די העכסטע בערג...
(אין בית המדרש ווערט פּלוצלונג שטיל.)

ישראל און יונתן
(לויפען צו דער טיר. פון שטילקייט ווערט א געמורמעל).

ישראל
(וויל אַריינגעהן אין בית־המדרש).

יונתן
(נאָך איהם. אויף דער שוועל באַווייזט זיך)

משה
(מיד, בלאַס, צושראָקען — זיי לאָזען איהם דורך. פון בית־המדרש וויל אַריין אַן עולם).

ישראל
(שטופּט זיי צוריק. פאַרמאַכט די טיר; ווערענד יונתן פיהרט דעם שוואַכען פאָטער צו דער פאָטער־שטול ביים קוויטלער־טישעל).

משה
(צעגערט).

ניין, ניין...

(פאַלט דאָך מיד אויפ'ן שטול. נעמט אומווילקירליך עטליכע קוויט־לעך. לעזט זיי מיט שטאַרע אויגען, האַלב וויינענדיג.)

בנים...
בנים זכרים...
פרנסה...
ווייטער פרנסה...
רעגען... שניי...

(ציהט אויס די מאָגערע ציטעריגע הענט.)

גענומען א איד, א שוואכען,
געלעגט אין האנט אריין די שליסעל,
פון שפע, פון רעגען און שניי,
כ'קאָן נישט דערטראָגען...
גענומען א איד א שוואכען:
פיהר א וועלט,
רעד צו דער וועלט...

יונתן.

אין אנהויב דאָך, טאטע...

משה
(ביטער).

אין אנהויב...

(פויזע.)

געמיינט, עס קומט צוריק
דאָס אמאָליגע,
דאָס שטראַלענדיגע זיסע...
דער עולם ארום אין טליתים,
ווי מלאכים ווייסע,
אויגען — שטראַלענדיגע,
בינטען שטראַלען פון אמונה,
פון בטחון, פון גלויבען אין מיר,
מיט מסירת נפש צו מיר.

צו בעל־שם׳ס אז איניקעל...
זאפט דאס הארץ די שטראלען איין און וואקסט,
און בליהען הויבט עס אז, דאס הארץ,
און עס יאכצט דאס הארץ: איך בין!
אז אדלער בין איך,
ברייטע, ווייסע, שטארקע פליגעל האב איך...
און דאס ארום זענען מיינע „יונגע“.
און איך פיהר זיי אינ׳ם בלויען רחבות,
ארויף, ארויף, אלץ העכער און העכער!
צושפרייט די פליגעל איבער מיינע אדלערלעך!
און קוק מיך וואס אמאל אום אויף זיי,
צי פאלט נישט ווער? זוימט נישט ווער?
און שטארק די שוואכסטע מיט׳ן בליק,
הויב די געפאלענע מיט׳ן רוף!
און מיר פליהען... ווייט ווייט און הויך,
איבער דער ערד, איבער דער וועלט,
און איך רוף, און מיין קול קלינגט איבער ימים!
איבער בארג און טאל, פעלד און וואלד,
דערפער און שטעדט... קלינגט דער קול,
דער קול פון מנהיג הדור, פון אמת׳ן גבור...

(הויבט זיך.)

און שטארק איז דער קול, — וואלקען פלאצען,
הימלען שפאלטען זיך פאר איהם...
ס׳גן־ערן עפענט טיר און טויער!
(פאלט צוריק מיד. הויבט זיך נאך אמאל אויף.)
און ס׳קומען אונז אבות אקעגען,
און צדיקים!
אפגערוקט — דער טאטע פנחס!
שמייכעלט דאך אונטער ברעמען און וואנסען...
„נישט מיין שטה... נישט מיין דרך...
„נישט דא ארום געדארפט צוקומען...
„און נישט אזוי..
„אבער גוט...

„אז—געקומען“—
דער זיידע שלמה קומט ארויס!

(זעהר ווייך.)

„דוקא אזוי! — דוקא אזוי!“...
אלע, אלע פליהען נאָך...
אלץ העכער, העכער
צום לבנת־הספּיר — צום מערמעל־שטיין!

(מיט וועהטאָג.)

יונתן, צום מערמעל־שטיין —

(פּויזע.)

און פּלוצלונג — —
„שווינדלער!“ האָט עמיץ גערופען!
(פאַלט צוזאַמען.)

ישראל.

אין בית־המדרש?

יונתן.

ווער, טאַטע, ווער?

משה.

איך ווייס? אפשר לאה,
אפשר עפּעס אין הארץ ביי מיר אליין...

(דאָס געמורמעל אין בית־המדרש וואַקסט. משה ציטערט פאַר שרעק.)

שטימען
(פון בית־המדרש).
רבי, האָט רחמנות, רבי,
רבי! באַווייזט זיך, רבי...

משה
(שפּרינגט אויף).
לאָזט מיך צו עולם אריין,

לאזט מיך פאר'ן עולם כורעים פאלען.
מודה זיין, מתודה זיין!
א איד מוז דאך עהרליך זיין..

מרים

(באווייזט זיך אין דער וועראנדע־טיר, איינגעצויגען, פארגליווערט, מיט א שטימע אָהן פארב).

לאה איז געקומען!

משה

(פארציטערט).

שטראפען!

לאה

(אָפּגעצעהרט. אריינקומענדיג).

נישט שטראפען, טאטע.

יונתן

(שטרענג).

פון וואנען קומסט דו, לאה?!

לאה.

פון דארט, פון ווייט...

ישראל.

נאך וואס קומסט דו אהער?

לאה.

נאך הילף...

ישראל.

האסט דאך אויסגעפיהרט...

יונתן.

געזיגט, נעגאנגען צום ליכט.

לאה.

ס'ליכט איז קאלט...

(ציטערט).

אזוי קאלט...

מ ש ה.
וואָס פעהלט דיר, לאה?

ל א ה.
וואָס האָב איך, טאַטע?!

י ש ר א ל.
אַן אָפּצעהרונג...

ל א ה
(באַשטעטיגט).

אַן אָפּצעהרונג...

(פּויזע.)

און דאָרט,
דאָרט אין וויג גנעלאָזט א קינד...
דיין איינציגער שוועסטערס קינד, יונתן,
דיין אייניקעל, טאַטע,
מאַמע, דיין אייניקעל ליגט דאָרט בלינד...

א ל ע
(אויסער ישראל, ענטזעצט).

בלינד?

ל א ה.
אויגען האָט עס, גרויסע!
מיינע, דער מאַמעס,
דעם עלטער־זיידענס אויגען,
האָסט אויך אמאָל אַזוינע אויגען,
יונתן —
און עס קוקט,
מיט די גרויסע, גרויסע אויגען,
אָבער זעהן זעהט עס נ י ש ט...

מ ש ה
(דערשראָקען).

פאַרוואָס?

ל א ה.
דאָס, וואָס קוקט אַרויס פון אויג און זעהט,

ליגט נאָך איינגעדרימעלט, שלאָפט...

(פאַרציטערט.)

און וועקט זיך דאָס נשמה׳לע אויף — —
די מאַמע וועט עס שוין נישט זעהן !

(פויזע. געבעט.)

העלפט מיר !

מ ש ה

(ביטער).

מיר — דיר ?
צו מענשען פון דער פינסטערניש
קומסט דו,
מענש פון ליכט ?

ל אַ ה

(בימער).

דער טויט —
האָט אויף מיינע אַקסעל
זיין האַנט געלעגט ;
דריקט מיך אַראָפּ, אַראָפּ —
צו אייערע פיס —

(פאַלט שיער.)

י ו נ ת ן.

האָסט קלאָר געוואָלט, ליכט באַגערט !

ל אַ ה.

שווייג !
רחמנות האָב און שווייג !
קלאָר איז שניי —
און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט !
עס יאָגט דורך די ביינער אַ פראָסט !
קלאָר — איז טויט !
דער איז תכריכים ווייסע

איינגעהילטער סוד!
וואָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אייזען האַרט,
ווי שטאָל...
אויב עס בליצט,
איז עס, יונתן, אַ מעסער,
וואָס קוילעט דיינע טויבען!
אויב קלאָר.
(פאַרצווייפלונג.)

אויב קלאָר, בין איך פאַרפאַלען!
דער לעצטער טראָפּען בוימעל
ברענט זיך אויס — אין לאָמפּ!

מ ש ה.
„געזעץ“ — האָט ער געזאָגט — „געזעץ!“

י ו נ ת ן.
גאַטור...

ל א ה.
אַהן רחמנות פאַלש!
געזעץ איז אַ קייט!
נאַטור איז אַ שטריק אויפ׳ן האַלז...
ווערגט, שטיקט, לאָזט נישט אָטעמען, דער שטריק!
(העפטיג.)

עס קאָן נישט זיין קיין הפקר־וועלט —
איז דאָ אַ וועלט, מוז זיין ווער,
וואָס פיהרט די וועלט —
מוז זיין אַן אויג, וואָס קוקט אויף
אונז. אין אונז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבען אויך אַ האַרץ!
אַ באַרמהאַרציג האַרץ —
(געבעט.)

בעט פאַר מיר —

בעט פאר מיר ביים הארץ,
ביים בארמהארציגען הארץ —

מ ש ה — י ו נ ת ן.

מיר ? — מיר ?

ל א ה.

איהר !
איהר, די גרויסע, די הייליגע — איהר.

מ ש ה.

לאה, איך בין א ווארעם !

ל א ה.

און דו, יונתן,
יונג ביסטו און שטארק...

י ו נ ת ן.

וואו זענען מיינע טויבען, לאה ?

ל א ה

(טויבענאַרטיג).

גלויב... גלויב... גלויב !...

י ו נ ת ן

(האַרט).

זיי זענען טויט !

מ ש ה

(פלוצלונג, אויפשטעהענדיג צו ישראל׳ן, רבי׳ש־שטאָלץ־געביטעריש).

עפען !

י ש ר א ל

(דערשראָקען).

כ׳עפען ! כ׳עפען !

מ ש ה.

לאָזט אריין,
דעם עולם לאָזט אריין —
דעם גאנצען עולם ! לאָזט אריין !

י ש ר א ל

(עפענט מיט פאַרציטערטע הענט. זעהר וועהמוטיג).

צוגאַנגען זיך..
א מנין קוים — —

מ ש ה.

רוף אריין!

י ש ר א ל.

כ׳פאַלג, רבי, כ׳פאַלג!

(ווינקט אַריין דעם עולם.)

די אויגען זיינע! די אויגען!

(עס קומען אַריין א צעהנדליג איבערגעשראָקענע אידען: ס׳מעהרסט בטלנים. צווישען זיי י ש י ש 3, פון צוויי חסידים געפיהרט.)

מ ש ה.

ליכט!
אנגעצונדען זאָל ווערען ליכט!

י ש ר א ל און די א י ד ע ן
(טוען עס).

מ ש ה.

מיין.

י ש ר א ל
(לויפט נאָכ׳ן טלית צום ספרים-שענקעל).

מ ר י ם.

וואס ווילסט דו, משה?

מ ש ה.

פרואווען!

י ו נ ת ן.

פרואוו, טאטע, פרואוו...
זעה, ווי בלאס זי איז...

מ ש ה.

פאַלען. —
ווי דתן ואבירם פאַלען.
ווי קורח —
נישט צוטרעטען ווערען, ווי א וואָרעם!

(הילט זיך פיבערהאַפט איין אין דערלאַנגטען טלית.)

י ש ר א ל

(טרעט אָפּ פּאָר שרעק).

מ ש ה

(געהט צום אָרון).

ל א ה

(רופט נאָך מיט שרעקיגער חרטה).

מאַטע —
(אַז ער הערט נישט.)
מאַמע...
עס פאַלט א פחד אַן אויף מיר —
יונתן...
(כאַפּט איהם אָן ביי דער האַנט.)

י ו נ ת ן

(רייסט זיך אויס, קערט זיך אום).

מ ש ה

(קושענדיג היציג דאָס פּרוכת, עפענט דאָס ארון־קודש, שטעקט אַריין דעם קאָפּ, זאָגט עפּעס, וויינענדיג שטיל).

ל א ה

(צו יונתן).

זעה —
זעה, ווי זיינע אקסלען צוקען —
ווי עס ציטערען די הענט!

מ ש ה ׳ ס קול.

...מתפלל...

מתפלל בין איך פאר איהר —
פאר מיין טאָכטער, פאר מרים׳ס טאָכטער, לאה!
און ווייל איך בין אזוי שוואַך,
און ווייל איך בין אזוי, אזוי געפאַלען,
און ווייל איך בין דער שוואַכסטער רינג
אין דער קייט, אין דער גאָלדענער קייט —
בעט איך פון אבות די הילף —
מיהט אייך!

(פויזע. טאָן־ענדערונג.)

טאַטע!
איך, דיין שוואַכער זוהן, משה -
בעט ביי דיר, פאר איהר,
פאר דיין אייניקעל —
מקנא קנאת השם צבאות
ביסט דו דאָ געווען!
וואו א שלעכטער וואורצעל — אויסגעריסען!
אן אומריין שפּעלע — פאַרטריבען —
ווי זילבער האָסט דו געלייטערט אונז
מיט פייער —
דיין טאַטען, א ל ע,
אלע ארום אוועקגעגעבען פאר גאָט!
ציגד! ציגד ביסט דו געקומען אויף דיין לוין!
גרויס —
ביים כסא הכבוד
אין דער רעכטער האנט
איז דיין פּלאַץ!
העלף!
און טאָמער ביסט דו בייז אויף איהר —
ווידערשפּענסטיג איז זי קעגען דיר געווען —
געדענק —
לא תקום שטעהט.
לא תקום שטעהט,
אויפ׳ן עולם־האמת ביסט דו דאָך —

יונתן.

אזוי, אזוי טאטע, אזוי.

לאה

(פארצוקט).

נישט אזוי!
נישט אזוי, טאטע...
זאג: חרטה האט מיין הארץ!
זאג, אז איך גלויב אין איהם,
אז איך ליג ביי זיינע פיס,
אז איך וואש מיט טרערען זיי —
אז איך ווארף מיך פאר איהם, אין שטויב —

משה.

הערסט, טאטע,
און דו, זיידע!
דו גרויסער איד, שטאלצער איד — —
זיי אויף מיר נישט בייז,
וואס איך קום אזוי צו דיר,
וואס איך שטעל צינד אוים די האנט צו דיר!
און בעטעל דיין גנאד!
נישט שבת'דיג און נישט יום־טוב'דיג
איז דיין איניקעל —
געפאלענע
זענען מיר!
אויף בעטעל־ברויט געקומען זענען מיר...

מרים.

נישט אזוי, משה, נישט אזוי...
דאס וועט ער דיר נישט מוחל זיין.

לאה.

ניין, נישט אזוי, טאטע,
זאג, איך האב איהם ליעב געהאט...
זאג, אז איך געדענק איהם נאך —
אז די שטראלען פון זיינע אויגען

בליהען נאָך אין האַרץ ביי מיר.
אַז אין מיין נשמה ציטערט נאָך
זיין ליעבער, ליעבער שמייכעל ד אָ ר ט ! —

מ ש ה.

און דו —
דו עלטער־זיידע —

(שטיל־געבעט.)

און דו עלטער־עלטער־זיידע !
די קייט !
די גאַנצע גאָלדענע קייט —

(פאַרצווייפעלט.)

זיי שווייגען !

ל א ה.

אַ וואָלקען געהט..
איבער מיינע אויגען ציהט
אַ נעבעל זיך —
פינסטער ווערט —
טאַטע !
איינמאָל וויל איך, זאָל מיין קינד מיך זעהן !
זאָל מיין אָפּגלאַנץ בלייבען דאָרט אין אויג !
נ י ש ט מעהר ! נ י ש ט מעהר !

אַ ר ע מ ע ר ח ס י ד

(נעממט דעם זאַק פון אונטער די באַנק אַפּיר).

מ ש ה.

און דו —
דו אַליין —
ווען איך רוף צו דיר —
גיב אַ צייכען מיר !
אַז דו ביסט...
אַז עס איז פאַראַנען אַן אויג.

א ר ע מ ע ר ח ס י ד.

שלעכט !

(כאַפּט דעם זאַק אויף די אַקסעל. געהט צו דער טיר).

י ו נ ת ן

(לויפט גלייכצייטיג צו, שטעלענדיג זיך צווישען פאָטער און אָרון־קודש).

מען טאָר נישט פּרואווען גאָט !

ע ו ל ם

(אָטעמט אָפּ פון שרעק. אויגען בליצען אויף).

מ ש ה

(זיך אומקערענדיג פאַרצווייפעלט).

לאה, ער לאָזט נישט.

ל א ה

(צוזאַמענפאַלענדיג פאַר שרעק).

דער זיידע פּנחס,

דער זיידע פּנחס...

ש ר ע ק י ג ע ש ט י מ ע ן.

איבערגעריסען,

איבערגעריסען די קייט !

י ש ר א ל

(פּלוצלונג ריזיקאַנטיש).

יונתן איז רבי !

(יונתן בלייבט שטעהן, וואקעלט זיך.)

י ש ר א ל

(צו יונתן).

דער עולם וויל, דער עולם הייסט!

ש ט י מ ע ן.
מיר הייסען, מיר ווילען!

ע ו ל ם
(ברילט).
ר'איז! ר'איז!

י ו נ ת ן
(לאָזט דעמוטיג רעזיגנירט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַר'ן עולם).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

אין פּאַליש אויף דער קייט.

(אַ חלום פון אַ קלויזניק)

פערזאָנען:

זינדיגער — אַ קלויזניק.

ברכיה — אַ רייכער אויפגעקומענער בעל־הבית, פון אַ יאָהר פופציג—זעכציג, פראָפּינאַטאָר, שבת־שענקער, הויווען־האַלטער, ארענדאַטאָר פון אַ מיהל און אַ פישטייך, אַ תבואה סוחר און דערגלייכען.

זיין ווייב.

זוהן.

איידעמס.

שניר.

זיין יונגסטע טאָכטער.

רב.

שמש.

מחותנים.

משוגע'נער.

אויסגעלאַסענע.

דריי גבאי'טעס.

בחורים, יונגעלייט, בעלי־בתים, קצבים, קלעזמער, אַ בדחן, ארעמע לייט. צווישען די לעצטע: א שמייסער, א טרעגער, א האַלץ־העקער, א לאַמער, א בלינדער, אַ וואַסער־פיהרער, א בעטלער א. ד. ג. און אַזוי אידען און אידענעס.

ערשטער אקט.

אַ פּאָליש מיט אַ ברייט־געעפענטען טויער צום שוהל־הויף אין הינטערגרונט. אין פּאָליש (פון פאָדער־ צום הינטער־גרונט גערעכענט): רעכטס — אַן אייזערנע טיר צו דער שול אַראָפּ. — אַ באַנק פאַר דער וואַנט. — טרעפּ אַרויף צו דער ווייבערישער שול. לינקס — אַ טיר צו דער בית־דין־שטוב. די קונע: אין דער וואַנט פון אַ נישט טיפער נישע — אַ קיוט, מיט אַ האַנט־רינג געענדיגט. — טרעפּ צום בית־המדרש אַרויף.

צ י י ט: אַ הערבסט־טאָג.
די אַקטען שפּילען זיך: דער ערשטער — נאָך שחרית; דער צווייטער — נאָך מעריב; דער דריטער — חצות־צייט.

אין שול־הויף — אַן איבערגעלעגטע, נישט אויפגעשפּאַנטע בויד. דער שמייסער פּאָרעט זיך ביי די פערד. פרעמדע אידען, אין וועגס־קליידער, איינער אן אלטער—אין, אַנ־דערע—ביי דער בויד, זענען אויפגערעגט, פאַרזאָרגט. היימי־שע, וואָס קומען אַן און געהען אָפּ רעכטס און לינקס פון שול־הויף, גיבען זיי שלום; באַדויערען, טרייסטען, פרעגען אויס, ווערען אויסגעפרעגט... דערביי ווערט אלץ גע־קוקט צום פּאָליש. צווישען עולם, און אַממעהרסט אויפ־געגרעגט, דרעהען זיך ארום קלעזמער מיט די כלים אין הענט.

אין פּאָליש, אויף דער באַנק פאַר דער וואַנט, זיצט דער פ ל י נ ד ע ר. לעבען איהם, האַלב ליגענדיג — דער

ל אָ מ ע ר. צו זיי קומען צו אָרעמע ליוט פון פּאָליש. אין עק באַנק, צו דער שול־טיר צו, אָן וועלכער עס איז אָנגע־שפּארט א צוזאַמענגעשטעלטע חופּה, — זיצט אַ שמש מיט נישט אָנגעצונדענע הבדלות אין דער האַנט. דרימעלט, כאַפּט זיך אַלע ווײַלע אויף, קוקט זיך אום דערשראָקען, דרימעלט צוריק איין. אַלע וואַרטען עפּעס אָפּ פון בית־דין־שטוב.— פון דאָרט דאַרף אַרויס עפּעס ענטשיידענדעס — אַ זעהר וויכ־טיגע זאַך פאַר אַלע. פון בית־דין־שטוב הערט זיך אָפּט אַ גע־רודער פון פיעל מענשען; אמאָל—איינציגע אויסגעשרייען: צער, צאָרן, א. ד. גל. די טיר איז, קענטיג, פון אינעווענינ מיט מענשען פאַרשטעלט. פאר דער בית־דין־שטוב שטעהען יונגע ליוט, וואָס האָבען, שפּאַרענדיג די טיר, קוים א שפּאַרע געעפענט, דורך וועלכע זיי קוקען אַריין, הערען אונטער, וואָס אינעווענינ טוט זיך.

צווישען שוהל־הויף און פּאָליש — אַ באַשטענדיגער מענשען־טויש.

(אָרעמע ליוט קומען איינציג־ און פּאָרען־ווייז פון שול־הויף אין פּאָליש אַריין. געהען צו דער באַנק צו. רעדען באַדויערענד, פאַרדראָסען.)

ש מ י י ס ע ר

(ברומט).

ביי ר' ברכיה'ן טעג געהאַט...
ערב שבת — מרחץ־געלט,
און א העמד,
און פון לייב אראָפּ — א מלבוש, —

(צאָרן).

האט'ם דער האָבער יעשטאַכען!

לאָזט ער קיין חופּה נישט שטעלען,
זיין כלה, זאָגט ער!

ט ר ע ג ע ר.
פון לעדיג־געהן קומט עס, פון הוריות,
פון קוועטשען די באַנק אין קלויז, —
וואָלט ער אַ קאַסטען געטראָגען...

ה אַ ל ץ ־ ה ע ק ע ר.
האַלץ אַ פוהרל צוהאַקט...

ב ל י נ ד ע ר.
(פאַרטראַכט).
אַ שעהנע מוז זי זיין...
גיט עפּעס וואָס און זאָגט:
„עסט“ צי „טרינק געזונטערהייט“,
צוגעהט זיך עס...

װ ו אַ ס ע ר ־ פ י ה ר ע ר.
כ'פלעג זיי ביים טייכעל טרעפען.
כ'פיל דאָס פּעסעל, פּאַיע ס'פערדעל,
גיב מיט דער בייטש אַ קנאַק, —
נישט זיי ז ע ה ע ן, נישט זיי ה ע ר ע ן...

ש מ ש
(וועקט זיך, זיפצענדיג).
פאַרזינדיגט זיך...

ל אַ מ ע ר.
פּיס געהאַט, צו שלעכטס געלאָפען...

ב ל י נ ד ע ר.
אויגען —
דעם יצר־הרע'ס מעקלער...

(דריי גבאי'טעס זענען אַרויסגעקומען פון דער ווייבערשער שול. די ערשטע, מיט אַ צדקה־פּושקע אין האַנט, איז אַראָפּגעגאַנגען און געשטעלט זיך אויפ'ן לעצטען טרעפּ. די צווייטע, מיט אַ גראָבען סדור אונטער'ן

אָרעם, איז איהר נאָכגעהונקען, און שטעלט זיך ביי דער אָנלעהן רעכטס, אַ טרעפּעל צופריהער. די דריטע, וואָס האָט דערווייל פאַרמאכט הינטער זיך די שול־טיר, שטעלט זיך א טרעפּעל העכער, ביי דער אָנלעהן לינקס. אַלע דריי בויערען זיך מיט די אויגען אין טיר פון בית־דין־שטוב.)

ע ר ש ט ע.

און די תורה הקדושה האָט נ י ש ט באַשיצט!

צ ו ו י י ט ע.

און אז אין צעדער פאַלט אריין די פלאַם...

ד ר י ט ע.

דעם לויתן ציהט די נעץ...

(בלייבען אַ ווײַלע, ווי פאַרשטאַרט; געהען דערנאָך, איינציגווייז און טיף־באַדויערענד, אויפ׳ן שול־הויף אַרוים, און מישען זיך אוים מיט אַנדערע ווייבער.)

ב ע ט ל ע ר

(קומט מיט א טאַרבע פון שול־הויף, געהט צו צו דער באַנק).

הימעלט די ארעמע סעודה!

(וואַרפט די טאַרבע אונטער דער באַנק. זעצט זיך צווישען שמש און בלינדען. קלעזמער מיט׳ן בדחן, וואָס זענען געקומען פון שול־הויף, געהן צום שמש צו.)

א ק ל ע ז מ ע ר

(קלאָגט זיך).

אנגעבארגט זיך אין קרעמעל...

ב ד ח ן.

וואכען לאנג דעם קאָפּ געדארט
אויף נוטריקון — ראשי תיבות,
גראמען נייע און המצאות — —

א צ ו ו י י ט ע ר ק ל ע ז מ ע ר.

האב איך אויסגעקלערט א וואלאך
פון דער נאדעל צום בארעקעגס,

פאַר ר׳ ברכיה׳ס מוזיניקעל !...
און אַ מאַרש, אַ שפּאָגעל־נייעם,
זאָל ער קנאַקען צו דער חופּה...
געהט אַ קלויזניק —

שטימען ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב

(האַקען איבער).
— דער רב !
— דער רב רעדט !
— מ׳הערט נישט אַ וואָרט...

שמש
(צופיהרט די חופּה).

און אַ חופּה, זעהט, אַ נייע —
ווייסער אטלעס, אויסגעהאַפּטען,
און מיט פליטערלעך געשטיקט, —
פון די שניר און פון טעכטער...

(בעלי־בתים, אַזוינע, וואָס לערנען נאָכ׳ן דאַוונען, קומען מיט טלית־
און תפלין־זעק פון בית־המדרש טרעפּ אַראָפּ.)

ערשטער.
זיצט דער חתן אין אכסניא...

צווייטער
(נאָך אַ בליק צום שול־הויף).

און די בויד — נישט אויסגעשפּאַנט...

דריטער.
אבער וואָס אַ קלויזניק קאַן...

(שטעלען זיך אָפּ אין מיט פּאַליש.)

ערשטער
(צו דער טיר פון בית־דין־שטוב צו).

וואָס הערט זיך דאָרט ?

א ש ט י מ ע

(ענטפערט).

ס'רעדט נאך דער רב!

ע ר ש ט ע ר.

זיין בעסטער תלמיד!

צ ו ו י י ט ע ר.

סמיכה געגעבען...

ד ר י ט ע ר.

פאר אן איידעם געוואלט...

צ ו ו י י ט ע ר.

נאך אזא דרשה!

קאפ אויף קאפ געווען די שול...

ד ר י ט ע ר.

פייער געשיט!

ע ר ש ט ע ר.

ווי א גלאק געקלונגען...

ש מ ש.

כ'געה דערנאך אויף קבר אבות,

קום פארביי זיין פאטערס קבר,

קלאפ איך נאך אין ברעטעל אן:

קלמן, זאג איך, נישט דערלעבט!

נישט באשערט געווען דער נחת...

ב ד ח ן.

דרעהט זיך צינד אין קבר איבער —

(געהען ארויס צו דער בויד.)

ש מ ש.

מעשה שטן, מעשה שטן...

ש ט י מ ע ן ב י י ד ע ר ט י ר.

— מחותן רעדט!

— מיט דער ריש...
— קלאַפּט אין שלחן מיט דער פויסט —
„חצי נדן קנס", „הוצאות".

בחורים

(מיט תפלין־זעקלעך פון בית־המדרש אַראָפּ, סוד'ען זיך).

— ר'האָט דעם שוואַרצען זיך פאַרקויפט...
— שוואַרץ אויף ווייס א כתב געמאַכט,
— און גע'חתמ'עט
— מיט'ן בלוט פון איינגסטען פינגער
— רווישען פלעגט עס האַלבער נאַכט...
ג'זאָגט: אַזוינע ווינטען בלאָזען;
גאַנצע שאַרען פייגעל שוועבען! —
ס'האָבען רוחות זי געטראָגען
נאַכט אויף נאַכט צונ'איהם אין קלויז,
פון בעט אַרויס, א נאַקעטע!

שטימען ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב.

— ברכיה רעדט...
— ס'צאַפּעלט איהם די ווייסע באָרד,
— ס'ציטערט די אויסגעשטרעקטע האַנט,
עפּעס זאָגט ער, עפּעס שווערט ער...

(עס קומט אָן דורכ'ן שול־הויף דער משוגע'נער, אָפּגעריסען, מיט א טעפּעל אין דער האַנט.)

בעטלער

(שפּרינגט אויף).

האָסט באַקומען? —

משוגע'נער

(קערט איבער דאָס לערע טעפּעל, געהט ווייטער, צו א בחור, וואָס ער באַגעגענט אויפ'ן וועג).

די גאַס איז שוואַרץ...
די ברכיה'כע — חלש'ט...

(צו די בחורים, וואָס רינגלען איהם אַרום.)

די כלה ברעכט זיך די ווייסע הענט,
רייסט זיך אויס די האָר, די שוואַרצע,
וויינט די בלויע אויגען אויס,
וואַשט דער מוטערס פּנים מיט טרערען,
וויל אהער — רייסט זיך אהער —
מ'ווייסט נישט נאָך וואָס —

שטימען ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב.

— ער אליין!
— ר'אַט זיך אויפגעשטעלט און רעדט...
— אויפגעוואַקסען!
— ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד!
— שטרעקט די האַנט אויס, ווי אַ שררה;
— הערט די שטימע פון אַ מלכות...

(פּויזע. די יונגעליַיט שפּאַרען זיך שטאַרקער אין טיר. זי גיט מעהר נאָך. עס ווערט אַ ברייטע שפּאַרע.)

(פּויזע.)

(פון בית־דין־שטוב הויבען אָן איינציגוויַיז אַרויסצוקומען יונגעליַיט, פאַרוואונדערט, פאַרבליפט דערשראָקען.)

אַרויסגעקומענע.

— „זיין געזאַנג"...
— „דער תוך פון זיין נשמה איז זי"...
— „זיין שכי—נה".

אַ שטימע אין פּאָליש.

וואָס לאָזט מען איהם רעדען?!

אַרויסגעקומענע
(מעהר דערשראָקען).

— זיין רוח הקודש, זאָגט ער.
— הייליג, זאָגט ער, איז די ליעבע...
— ליעבע, זאָגט ער, איז דער סנה...
— ליעבע האָט די וועלט באַשאַפען!

א שטימע אין פּאָליש.
פארשטאָפּט'ם ס'מויל!

ארויסגעקומענער.
„גאָט איז די ליעבע“ —

א צווייטער
(לויפט צו דער שול־טיר).
וואו דער שופר?

א דריטער.
מחרים זיין, מנדה זיין...

(רייסען די טיר פון שול, זי גיט נישט נאָך.)

א שטימע פון בית־דין־שטוב.
רייסט די צונג איהם פון מויל ארויס!

שטימען פאר דער טיר.
— לויפען מיט די פויסטען צו.
— שטעלט זיי אָפּ מיט'ן בליק!
ווי א מלך זיינע קנעכט!
— רעדט און שמייסט, ווי מיט ריטער,
— ז'בויגען זיך אונטער די רייד,
ווי זאנגען, פון האָגעל געשמיסען...
— ער געהט ארויס...

(אומווילקירליכע וואָרע; עס קומט אַרויס דער זינדיגער, הינטער איהם — די אַנדערע.)

זינדיגער
(אַרויסקומענדיג).
אין מיר האָט אויפגעפלאַמט א רויז,
ווילט איהר, דערנער, שטראָפען מיך?
מייז, פון פינסטערע לעבער ארויס,
ווילט איהר משפּט'ן די נאכטיגאַל
פאר איהר מארגען־ליעד,
פאר איהר פריהלינג־ליעד.

פאר'ן העכסטען ליעבעס־ליער ? !
שווארצע, פינסטערע וואלקען־שטיקער,
ציטערט איהר פאר מארגענשטראל ?

(באמערקט די קלעזמער.)

ע, קלעזמער, שפילט א זמר !
פידעל, שפיל ! גיס די זיסע,
קעניגליכע בענקשאפט אויס,
ווי א שמעקענדיגען בוימאויל...
און דו, פלייט, —
דעם קעניגס ציטעריגע פרייד,
זיין בליהענדיגע ליעבע זינג !
קינדיג, באס, דער וועלט זיין ווילען !
זאג א בשורה אן, טראמפייט —
צו זיין מלכה דער קעניג געהט !

(קלעזמער געהארכען אומווילקירליך און שפילען.)

א מארש !
טאצען, טעלער, קעסעל־פויק !
זאלען ציטער'ן די הייזער,
און פאר פרייד די הימעל הויך.
זאל'ן זיי שיטען מיט די שטערען
אויפ'ן חתן'ס קאפ, ווי האפען !
צו זיין מלכה געהט דער קעניג !

ב ר כ י ה ' ס ט א כ ט ע ר
(האט זיך ארײנגעריסען צווישען עולם אין פאליש).

נישט מיין מלך, נישט דיין מלכה !
כ'האב רחמנות געהאט מיט דיר !
א יתום אנגעקלאפט אין טיר,
א שוועסטער־הארץ געעפענט דיר,

(כאפט זיך אן ביים הארצען.)

און די שלאנג אין בוזים בייסט !

(צום רב צופאַלענדיג.)

רבי, איך בין ריין פון זינד!

(צום מחותן.)

ריין, ווי גאָלד איז ברכיה'ס טאָכטער!
מאכט, מחותן, נישט קיין בייז,
און באַדעקט נישט, האָט רחמנות,
נ'טאַטענ'ס ווייסען קאָפּ מיט שאַנד,
טויט מיר נישט די קראַנקע מאַמע..

(צו אַלע געווענדט.)

כ'בין נישט שולדיג.

ז י נ ד י ג ע ר.

שולדיג בין איך!

ר ב.

הערט! איהר הערט?
ער לייקענט זיינע ווערטער אָפּ.

(אויסרופענדיג.)

ברכיה'ס טאָכטער איז ריין,
ווי א שפּיגעל אָהן א הויך,
ווי א בת ישראל — —

ב ר כ י ה

(אויפהויבענדיג די טאָכטער).

עולם, זעהט!
איז א פאַלשקייט אין די אויגען?
קאָנען אַזוינע ליפּען ליגען?

ר ב

(צום מחותן).

היים שפּאַנען אוים די בויד!
מנחה דאַווענען — דעם חתן...

האָט אַ חשד אַ זינדיגען
אויף אַ בת־ישראל ג׳האָט.
זאָל ער תשובה טון!

(צו ברכיה).

פיהר די כלה צום באַזעצען!
זאָל איהר זיין כפרת עון
אַט די חרפּה, אַט די בושה,
זאָל עס גאָט געדענקען איהר
אין אַ סכנה־שעה...

ברכיה

(אַרויספיהרענדיג די טאָכטער).

אַרעמע לייט — צו דער סעודה!
אויף דער שמחה — ווער אַ גוטער פריינד!
געהט צום חתן — יונגע לייט...

(ס׳מעהרסט אָפּ.)

רב

(רופט זיי נאָך).

כ׳וועל מסדר קדושין זיין!

(צום זינדיגען.)

און דו...
האָסט אַ איד די שמחה געשטערט.
לשון־הרע געזאָגט...
צו וייט געגאַנגען, צו ווייט.
נעם דיך צוריק.

זינדיגער.

רבי, ווען צוריק,
קומט מען קיינמאָל צום קבר נישט...

רב.

גיב די האַנט צו דער רינג...
(עמיץ הויבט אויף די קיוט, פיהרט זי צו.)

ז י נ ד י ג ע ר.

ניין, ניין, דאָס נישט!
נאָר דאָס נישט,
לאָזט מיך געהן...

ר ב.

ביז צו מאָרגענס!
צו דיין גוטען גיב די האַנט...

ז י נ ד י ג ע ר.

מיך וואַרט קיין גוטס נישט מעהר...

ר ב.

גאָטס רחמנות איז גרויס,
און דער זכות פון דער הייליגער תורה
וועט ביישטעהן דיר!
אַ טאָג פון שאַנד און שפּאָט
וועט ברעכען דיין שטאָלץ!
אַראָפּלאָזען וועט זיך די נאַכט,
די שטילע נאַכט...
וועסט דו איינזאַם און פאַרגעסען,
אין דער שטילקייט איינגעהילט,
זיך מיט דיר אַליין באַרעכענען...
אַ חשבון מאַכען...

ז י נ ד י ג ע ר.

שוין געמאַכט,
און קיין רעשט איז נישט געבליבען!

ר ב.

געבליבען:
דער הייליגער פונק
פון דער תורה, דער הייליגער,
אונטער'ן זינדיגען אש!
גאָטס רחמנות איז גרויס,
אין דער שטילער נאַכט וועט ער שיקען דיר,

זיינע צוויי מלאכים ווייסע —
פון תשובה, חרטה און איבערגעבעניש
צו איהם...

(צום שול־הויף געגעהנט זיך חופּת־מוזיק.)

אומגעדולדיגע שטימען אין פּאַליש.
— גיב, הונט, די האנט צום רינג...
די כלה געהט שוין צו דער חופּה...
— מיר צושפּאַלטען די נעסט
פון די זינדיגע געדאַנקען...

זינדיגער.
(ראַנגעלט זיך).
לאָזט מיך, לאָזט מיך געהן פון אייך...
אונטערגעגאַנגען איז מיין טאָג...
מיך רופט די נאַכט...
הערט די פידעל, זי באַוויינט מיך —
מיך באַקלאָגט עם די פלייט...
(ראַנגעלט זיך פעסטער.)
ניין — ניין —

משוגע'נער.
(אָפּשטופּענדיג דעם עולם).
לאָזט צו!
(נעמט די קויט.)
ברודער, מיר גיב די האנט!

(זינדיגער איבערראַשט — טוט עס.)

פּאַרהאַנג.

צווייטער אקט.

נאָך מעריב אויפ'ן שול־הויף ברענט טונקעל אַן איינציגער לאַמטערן. ביים רויט־שטראַלענדיגען שיין באַמערקען זיך שאָטען פון מענער און ווייבער.

דריי גבאי'טעם

(קומען אַראָפּ פון דער ווייבערישער שול, זוכען מיט די אויגען דעם זינדיגען, באמערקען איהם; בלייבען דאָך שטעהן, דערזעהענדיג דעם ערשטען און צווייטען בעל־הבית, וואָס קומען אַראָפּ פון די בית־המדרש־טרעפּ).

משוגע'נער

(נעמט אַרויס פון בּישע זיין גלעגער און בעט זיך אוים אויף דער באַנק פאַר דער וואַנט).

זינדיגער

(נאָהנט צום פאָדערגרונט, אויף דער גאַנצער לענג פון דער אויסגעצווי־גענער קויט, ציטערט).

ערשטער בעל־הבית

(ווילענדיג צו געהן צום זינדיגען).

פושע ישראל!

צווייטער בעל־הבית

(ציהט איהם אַוועק).

מ'הערט נישט שפּילען;

מ'מוז שוין זיצען ביי דער סעודה.

(ביידע אָפּ.)

די דריי גבאי'טעס
(געהען נאָך, איינע נאָך דער אַנדערער, אויסשפּיענדיג ביים פאַרבייגעהן צום זינדיגערס זייט).

משוגע'נער
(זיך אויסדרעהענדיג צום זינדיגען).
ציטערסט?

זינדיגער.
ס'ריזעלט א קעלט דורך די גלידער.
די האָר שטעלען זיך, ווי שלאַנגען קאַפּויר,
און די וואורצלען שטעכען, שטעכען —
(ווישט זיך פּנים און שטערן.)
די נשמה טריפט מיר אויס,
טראָפּענווייז, טראָפּענווייז —

(אין שול־הויף מעהרען זיך די שאָטען. קומען זיך צונויף, סוד'ען זיך, צוגעהען זיך, געגעהנען זיך צום פּאָליש, שטעלען זיך אָפּ, געהען צוריק. קענטיג, אז זיי וואַרטען נאָך אויף עפּעס אָדער עמיצען, אום עטוואָס אויסצופיהרען.)

זינדיגער
(מיט די לעצטע קרעפטען אויסציהענדיג די קייט, ווי אַמווייטסטען פון די שאָטען. צום משוגע'נעם).
דיך שרעקען זיי נישט?

משוגע'נער
(וואָס האָט געוואָלט זיך לעגען, זעצט זיך; נאָך אַ קליינער פּויזע, גלייכגילטיג).

לויפען מיר נאָך; כ'בין אנדערש...
קומט ווער אונטער, רייסט א לאַפּען
מיר פון מלבוש, צי פון העמד,
זייער שאָדען; גיבען אנדערש —
א, זיי שרעקען זיך פאר „נאקעט"...

זינדיגער.
און אז זיי שלאָגען?

ריהרען זיך צו צום ליײב מיט ברודיגע הענט,
אַלטע ווייבער מיט שמוציגע נעגעל! —
אָדער די בליקען, ווי די עגבער,
בויערען דיר אין טיפען הארץ...

מ ש ו ג ע ׳ נ ע ר.

כ׳שטעל מיך אָפּ; אנטלויפען ז י י...
ג אַ ר נ י ש ט ש ר ע ק ט...

ז י נ ד י ג ע ר.

גאַרנישט...?

מ ש ו ג ע ׳ נ ע ר.

נישט מיין לייב, נישט מיין נשמה...
א י ך בין שוין לאנג נישט א י ך...

ז י נ ד י ג ע ר.

דו—נישט דו?

מ ש ו ג ע ׳ נ ע ר.

כ׳האָב מיך אמאָל צום הימעל פארבענקט...
כ׳געה פארביי דעם טייך אמאָל...
וואו דו פלעגסט שפּאַצירען געהן...
וויגט ער, וויגט א הימעל אין שוים,
מיט לאַבענדיגע שטערענדלעך...
בוך! ברכיה׳ס פישער — נאַך!
הא־הא־הא — זיי זוכען אין שליים.
איך וויג מיך אין הימעל, וויג מיך און לאַך.
זעה ווי זיי שלעפּען א פּגר א פרעמדען,
הא־הא־הא!

(די ש אָ ט ע ן און די ש ל אָ ס ע ר, אויף וועלכען זיי האָבען געוואַרט, קומען אין פּאַליש אַריין.)

ב ע ל י ־ ב ת י ם.

שלייף, מייסטער, שלייף,
ברעכט די קייט!

(אַז דער שלאָסער טוט עס, צום משוגע׳נעם.)

א האנט זאָל וואשען א האנט!
און דו ווערסט באפרייען אונז
פון ר׳ ברכיה׳ן, פון דעם רויבער
און פון רב, זיין אונטערשטיצער
פאר רח"ש און יום־טוב־געלט.
ר׳האט אונז צוגענומען אלץ —

א י י נ ע ר.
אויסגעדונגען מיר די מיהל...

צ ו ו י י ט ע ר.
אויסגעריסען מיר די פאכט...

ד ר י ט ע ר.
מיר דעם טייך אוועקגענומען...

פ י ע ר ט ע ר.
מיר — די שבת־שענק...
מיט די זיהן, מיט די איידעמעם
שלינגט ער איין די וועלט.

(איינער ביים אַנדערען אויסכאַפּענדיג.)

— און דעם כבוד פון דער תורה!
— די הוצאות און הכנסות!
— חתן תורה און בראשית!
— און ד׳עליות, און די שטעט
פון דיביידע מזרח־ווענט —

ו ו י י ב ע ר ־ ש ט י מ ע ן.
— און אין ווייבער־שול — די פענסטער...
— וואו א פארהאנג, וואו א קראטע,
— וואו מען הערט א וואָרט פון שול!
— פאר׳ן ווייב און פאר די טעכטער,
פאר אראפּגעברענגטע שנירען!
— סאמעט אטלעס, זיידענצייג,

גאָלד און זילבערנע פליסען
בריסטען־טיכער, שטערען־טיכער,
און באהאנגענע מיט שטיינער, — —
און פארשעמען אונזער דלות,
און פארשווארצען אונזער יחוס
ד׳אויפגעקומענע, די שטאָלצע...

בעלי־בתים.

— ער צוואוואקסט זיך אינ׳ם שטעדטעל
און צושפרייט זיך, און צוגיסט זיך,
ווי א ראשטשינע אין מולטער —
— און מיר ווערען איינגעשרומפּען,
איינגעצויגען, אפּגעשטויסען,
און דער אַלטער רב, דער שיצט איהם...
„דער דין אזוי! דער דין אזוי!"
— וועל׳מיר מאכען דיך פאר רב:
אויף דעם גרויסען שטול דיך זעצען,
און דעם שענסטען מאנטעל געבען,
און דאָס רייכסטע שטריימעל שענקען,
מיט די לענגסטע זילבער־האָר...
און א נייע קלויז דיר בויען,
נייע ספרי תורות שרייבען
אויף דער פיינסטער הירשען־פעל...

ווייבער.

און מיר אַלע, און די טעכטער,
און די שנירען — וועל׳מיר געהען
רויטע מענטעלעך פון סאמעט,
און באשפּינען גאָלד און זילבער.

בעלי־בתים.

און באהענגען זילבער טרעסען;
און מיט קרוינען, פיין פארגאָלדטע...
און די גלעקלעך וועלען קלינגען.

און דו וועסט כבודים טיילען...
דו פארגעס נאָר ברכיה'ס טאָכטער...

ו ו י י ב ע ר.

וועל'מיר געבען דיר די שענסטע
און די רייכסטע פאר א כלה,
ווילסט דו — באלד א חופה שטעלען —
פון דער חתונה די קלעזמער
ביי די האָר וועל'מיר שלעפען,
און דאָס רב'ל — ביי דער באָרד — —

(בלייבען פלוצלונג שטיל, רוקען זיך אָפּ, אויסער דעם שלאָסער, וואָס שלייפט אלץ ווייטער, צו די ווענט, אויס שרעק פאַר ניי־אָנגעקומענע.)

ב ע ל י ־ מ ל א כ ו ת.

פייל, פייל,
אויף אונזער חשבון פייל,
זאָל א האַנט ד'צווייטע וואשען,
דו וועסט אונז די יאָך צוברעכען,
מבטל וועסט דו זיין די פאַכט;
פלייש נישט ביינער ווילען מיר עסען, —
מתיר מאַכען שחיטת חוץ —
הייזוועז — פריי און שבת־שענק!
הפקר איז דער טייך מיט פיש!
און מיר רייסען אויף די שפייכלער
מיט'ן קאָרן, מיט די ווייצען!
דו וועסט לאָזען, דו וועסט הייסען,
וועל'מיר עסען ברויט צו זעט...

(טרעטען אָפּ פאר ניי־אָנגעקומענע.)

ק ל ו י ז נ י ק ע ס.

פייל, מייסטער, פייל,
אויף אונזער חשבון פייל!
א האַנט וואשט א האַנט:
וועל'מיר איהם פון קייט באַפרייען.

וועט ער אונז דאָך איבערגעבען
די צירופים, די השבעות,
און באַפרייען אונז די הערצער
פון דער גאַנגענדיגער בענקשאַפט,
פון דער דריקענדיגער נויט — —
פון דער שרעק, וואָס האָט קיין נאָמען,
זויגט דאָס בלוט אַרויס פון לייב,
ציהט די קליי אַרויס פון ביינער
און פאַרברענט אונז די געהירען — —
גאַנצע נעכט אין קאַלטען קלויז,
מ'זאַפּט נאָר שוואַרצע שאָטען איין,
מ'הערט נאָר ס'קלאָגען פון די ווינטען!
און אין דרויסען, אינ'ם פרייען,
אין די שטומע, טויבע הייזער,
אין די טיר־און־טויער פאַרמאַכטע, —
אין די בעטען — שלאָפען ווייבער,
שלאָפען מוידען, אין די נעצען
פון געקרייזעלטע לאַנגע האָר,
אָדער פייער־פלאַמענדיגע...
אין די היציגע חלומות...
שטרעקען נאַק'טע פיס אַרויס,
נאַק'טע הענט, נאַק'טע העלזער...
שווערער אָטעם, רונדע בריסטען...
אָ, באַפריי אונז פון דער בענקשאַפט,
פונ'ם פייער, פונ'ם שוואַרצען!
זאָלען רוחות, שדים ברענגען
אין די העמדער פון די בעטען!
מיר פאַרקויפען די נשמות — —

קצבים.

(לויפען אַן, שטופען יענע אָפּ).

שלייף, מייסטער, אונזער חשבון! —
וועל'מיר געהן מיט די טאָרבעס;
טרפה מאַכען זיי די אָקסען —

ז י נ ד י ג ע ר
(רחמים בעטענדיג).

געהט... געהט,
ווערעמלער־אויגען גליהען אונטער אקסען־שטערען!

(מיט עקעל.)

מיך שטיקט דער דונסט פון אייערע לייבער,
אייער אטעם שטיקט...

(טאָן־ענדערונג.)

לאזט מיך אויף דער קייט —
טוט, וואס איהר ווילט אליין!

ב ע ל י ־ ב ת י ם.
וואס מיר ווילען? גוט געהייסען!
אויף דער חתונה צוריק!
צו דער סעודה, צו דער גרויסער!
וועל'מיר פרעסען, וועל'מיר זויפען!
און פאר'שכור'ט, אלץ צוברעכען,
אלץ, וואס גלאז און וואס קריסטאל,
און וואס זילבער איז און גאלד...

(אָפּ.)

ב ע ל י ־ מ ל א כ ו ת.
קומט נאר פרעסען, קומט נאר זויפען!
און פאר'שכור'ט וועל'מיר שיקען
נ'רויטען האן, נ'רויטען האן!
זאל ער זיינע רויטע פליגעל
שטרעקען אויס און צושפרייטען
איבער ברכיה'ס פולע שפייכלער,
איבער קלייטען, איבער שענקען...
זאל איהם לייכטען! רויט זאל ברענען
ווי אמאל צום נייעם חודש —

(אָפּ.)

קלויזניקעס.

וועל'מיר טרינקען, וועל'מיר זויפען
און צו כלה־טאַנץ דערנאָכטען!
כלה־טאַנץ! כלה־טאַנץ!
— כלה, כלה, גיב די האַנט,
אהן אַ טיכעל, כ'ריים עס אויס!
— גיב די האַנט, די ווייסע האַנט.
ווילסט נישט? נעם איך מיט געוואַלט —
— טאַנצען קום — טאַנצען קום!
— כ'וועל זי האַלזען, כ'וועל זי דריקען
צו דעם האַרץ צום ברענענדיגען!
— כ'וועל זי כאַפּען אויף די אַקסעל
ביי די מאַרמאָר־ווייסע הענטלעך,
און אַ שפּרונג טון דורכ'ן פענסטער,
נ'גאַס אַרויס, אין נאַכט אַריין!

(אָפּ.)

קצבים.

וועל'מיר טרינקען, וועל'מיר זויפען,
און פאַר'שכור'ט, וועל'מיר שאַרפען,
שאַרפען, שאַרפען ברייטע מעסער,
פאַר די בייכער פון די שוחטים!

(אָפּ.)

זינדיגער
(צום שלאָסער).
שלייף, שלייף, ענדיג דיין זאַך.

שלאָסער.
אויף וועמעס חשבון?

(אָפּ.)

יינדיגער

(כאַפּט די איינגעשלייפטע רינג פון דער קייט, וויל זי איבעררייסען.
פּרואווט מיט הענט און ציין).

וועז עטוואָס קראַפּט!
קיין הענט, קיין צײַן —
עס האָט געבליהט אַ רויז אין האַרץ!
כ'בין אַ נאַכטיגאַל געווען,
אַ נײַ פריהלינגס־ליעד געזונגען —
און אַ קעניג אין מאַנטעל און קרוין —
(אַז די קוים גיט נישט נאָך.)
הילף, הילף —
(צו דער באַנק צו.)

שלאָפסט? —
כ'האָב מורא העכער צו רופען, —
ס'וועלען זיך שאָטען פאַרזאַמלען —

(פּויזע. אויפ'ן געזיכט פון דער שול־טיר באַווייזט זיך אַ שוואַרצע קאַץ.)

ווער ביסט דו?
קומסט פון דאָרט?
נאָך מײַן נשמה קומסט דו?
געקומען די צייט?
כ'האָב זי פאַרקויפט?
האָב איך דאָך אַ הויכע,
אַ קעניגליך־שטאָלצע פאַרקויפט!
און האָב אַ דערנידערטע,
צוטרעטענע, באַשפּיגענע —

(מיט שטייגענדער שרעק.)

כ'קאָן פון דיר קיין אויג נישט ווענדען,
כשופ'סט, ווי אַ שלאַנג די נשמה אין מיר,
ווי אַ פויגעלע צאַפּעלט זי
און פאַרשטאַרט אין מיר —
לאָז מיך,
כ'קאָן דאָך, אַ געבונדענער,
פאַר דיר נישט אַנטלויפען —
ווער דו ביסט, רחמנות האָב,

ברענסט מיר די געהירען אויס
מיט דיין בליק. די נשמה
זויגסט דו מיר מיט ד'אויגען אויס —
כ'שרעק מיך פאַר דיר,
כ'פאַל פאַר דיר אין שטויב אויפ'ן פּנים,
כ'שטרעק מיך אויס — —
(טוט עס.)

ר ב

(געהענדיג צו חצות, מיט גרויס רחמנות).
אזוי, אזוי — אין שטויב פאַר גאָט!
פאַר זיין ליעבען נאָמען אין שטויב;
ער וועט שטרעקען אויס זיין אָרעם
און הויבען דיך —
און איך וועל געדענקען דיך
און ביי חצות דערמאָנען דיך...

(צו די בית־המדרש טרעפּ.)

פאָרהאַנג.

דריטער אקט.

חצות־צייט. אין דער לופט ציטערט דאָס געבעט: דייטליך, נאָר פון אַ זעהר קליינעם עולם, אין שול; אַלס גערויש פון אַ גרעסערען עולם — פון בית־המדרש. פון צייט צו צייט פאַלען אריין אין געבעט איינצעלנע הילכיגע און יאַרפע טענער פון אן איבערמיטיגער חתונה־מוזיק.

(משוגע׳נער ליגט אויפ׳ן געלעגער; זינדיגער רייסט די קייט אויפ׳ן געשליפענעם אָרט מיט די הענט און ציין, בלייבט מיד.)

זינדיגער.

אזוי אַהן קראַפט,
און צו דער העכסטער קראַפט
אזוי עהנליך!

(משוגע׳נער זעצט זיך נייגעריג אויף.)

אידעען —
פינסטערע וועלטען צו שטורמען;
חלומות —
נייע, זונשטראַלענדיגע,
מיט געזאַנג באַגאַסענע,
בליהענדיגע וועלטען צו באשאפען.
און פון איינמאַל געשעהענעם —
אויף דער קייט!
שלאָגען צום הארץ
וואַלען צופלאַסען געבעט —
נשמות און הערצער צוגאַסענע.

העלפען קאָן איך נישט —
און זענען אנטפּלעקט מיר די סודות פון דער נאַכט,
די גרייל, וואָס רייסען זיך פון איהר שוים,
פיהל די ווארעמקייט פון בלוט, איידער ס'ווערט
פאַרגאָסען,
שלאָגען זיך מיר אין די אויגען אָפּ די פלאַמען,
איידער מ'האָט זיי אַרויסגעשיקט —
איך שווייג!

(אַ פאַרשפּעטיגטער איד געהט אין שוהל אַריין צו חצות. קומענדיג
פאַרביי דעם זינדיגען, שפּייט ער אוים.)

ז י נ ד י ג ע ר.

שפּייסט אויף גאָט!

(דער איד, דערשראָקען, אָפּ.)

מ ש ו ג ע ' נ ע ר

(זיך אויפזעצענדיג).

נישט היימליך מיט גאָט:
בליצען פון קאַלטע מעסער אין ד'אויגען,
די גלידער — שטאַר, אין נעבעל איינגעהילט,
און געדיכטער ווערט דער וואָלקען, —

(אַרויסגעהענדיג פון פּאָליש.)

כ'געה מיר צעהלען מיינע שטערען.
כ'טרעט דיר מיין געלעגער אָפּ.
(אָפּ.)

ב ר כ י ה ' ס ט א כ ט ע ר

(קומט אָנצולויפען האַלב נאַקעט).

כ'קום צו דיר...
פון אונטער זיין היציגען אָטעם,
פון אונטער די שווייסיגע הענט —
כמעט אין העמד פון בעט אַרויס...

(אַז דער זינדיגער ענטפערט נישט, דערשראָקען)

שווייגסט ?
פינסטער־צאָרניג איז דיין בליק ?

(טאָן־ענדערונג.)

פאַרציי !
א רגע האָב איך געלייקענט אין דיר,
צוליעב דעם מאַטענס ווייסען קאָפּ,
צוליעב דער מאַמעס קראַנקע הארץ,
און מיט שאנד און שפּאָט געשראָקען !

ז י נ ד י ג ע ר

(אַלץ נאָך שטאַר).

גערה !

ב ר כ י ה ׳ ס ט א כ ט ע ר.

כ׳וועל דיך באפרייען, —
און באפרייטע — —

(אַז דער זינדיגער שטויסט זיך אָפּ.)

שטויסט מיך אָפּ ?

(פויזע. זעהר צערטליך בעטענדיג.)

כ׳בין דאך דיין געזאנג געוועזן ?
כ׳בין דאך דיין איינציגע בלום געוועזן ?
דיין הייליגקייט —

ז י נ ד י ג ע ר.

פאַרשוועכט !
געוויקעלט האט זיך ארום דיין נאקעטען האלז
א פרעמדע האנט !
אין דיין אויג, אין דיין הימעל־בלויען
האט א פרעמדער זיך געטוקט !
הייליג זענען דיינע ליפּען מיר געוועזן,
צום בית־המקדש צוויי פאַרמאַכטע טויערען,
און דו האסט זיי פאר א פרעמדען

הייסען אַטעם אויפגעשלאָסען...
און איינגעזאַפּט האָסט דו דורך זיי
פון אַ פרעמדען מענש דעם שאָטען!
און ער וואַקסט אין דיר!
און ער וואַקסט!...

(פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים.)

אַז אַפּגאַט אין מיין היילינטום,
אין קדשי קדשים — אַ געץ — —

(באַפרייענדיג דאָס פּנים.)

ביסט פאַרשוועכט...

ב ר כ י ה ׳ ס ט אַ כ ט ע ר

(לאָזט זיך פאַר איהם אויף די קני).

פאַרציי —

ז י נ ד י ג ע ר.

שווייג!
ווי ברענענדיגע דערנער שטעכט מיך יעדער קלאַנג!
דיין אמאָליג היילינ בילד,
פון ליכטיגע שטערען צוזאַמענגעשטעלט,
שטראַלט אין מיר —
און פון דיין פאַרשוועכטען בליק
לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן...
געה!

ב ר כ י ה ׳ ס ט אַ כ ט ע ר.

וואו אהין?
כ׳בין פון מאַנס בעט אַרויס,
פון טאַטע־מאַמעס הויז אַוועק...

ז י נ ד י ג ע ר.

צום טייך, צום טייך...
פּרואוו דיך וואַשען ריין,
פּרואוו דיך וואַשען ריין...

ב ר כ י ה ׳ ס ט אַ כ ט ע ר.

זיי געזונט!

(אָפּ.)

ב ר כ י ה — ב ר כ י ה ׳ ס ו ו י י ב, ט אַ כ ט ע ר — ש נ י ר ע ז
א ו ן א י י ד ע מ ע ס — מ ע נ ש ע ן.

— ז׳איז ערגעץ דאָ...
— כ׳האָב זי לויפען געזעהן —

(באַלויכט דעם פּאָליש.)

— זוכט זי אין דער שול —
— אין דער ווייבער שול,
— צום בית־המדרש ארויף!
— אויף די ביידעם זוכט!

(מענשען צולויפען זיך, וואו מען שיקט זיי. מענשען מיט לאַמטערען לויפען אהין און צוריק איבער׳ן שול־הויף.

אין שול־טיר און אויף די בית־המדרש־טרעפּ באווייזען זיך חצות־אידען, ווייבער—אויף די טרעפּלעך פון דער ווייבער־שול.)

ב ר כ י ה ׳ ס ו ו י י ב.

גיב מיר מיין פארפיהרטע טאָכטער אָפּ!

ב ר כ י ה.

מיין איינציגען אַפּעל פון אויג,
מיין לעצט געפיהל אין הארץ,
כ׳לעצטען געדאנק אין קאָפּ...

א ש ו ו ע ס ט ע ר.

גיב מיר מיין פאַרפיהרטע שוועסטער אָפּ...

ב ר כ י ה.

אלץ גיב איך דיר אוועק,
גיב מיר מיין טאָכטער אָפּ:
אלע קלייטען, אלע הייזער,
מיט די תבואות אויף די ביידעם,
מיט די רענדלעך אין די קעלער...

ב ר כ י ה ׳ ס ו ו י י ב, ט ע כ ט ע ר א ו ן ש נ י ר ע ן.

— נאַ דיר, נאַ דיר אַלץ אַוועק!
— גיב אונז אונזער שוועסטער אָפּ!
— האָסט דו צירונג! — אַט אַ שטערן.
— האָסט דו אַלע ציטער־נאָדעל.
— האָסט דו די אוירינגלעך און קרעלען — —
— האַלז־בענדער, פּערעל... און אַפּאַלען...

(אויף די בית־המדרש טרעפּ מאַכט זיך אַ וואַרע, מען לאָזט דורך דעם רב.)

ב ר כ י ה.

(צופאַלענדיג צו איהם).

רבי,
מיט׳ן כח פון אייער תורה
באַפרייט זי!
ר׳האָט זי ערגעץ דאָ באַהאַלטען;
מיט אַ כשוף זי פאַרוואַנדעלט
אין עפּעס וואָס,
כ׳ווייס נישט אין וואָס...

ש ט י מ ע ן
(פון ווייט איבער׳ן שול־הויף).

— עמיץ לויפט צום טייך.
— אַ ווייסע געשטאַלט.
— אין איין העמד.
— אַ פרויען־געשטאַלט...

(פּויזע.)

— געשווינד, שיפלעך, שטריק.
— אַריינגעשפּרונגען די געשטאַלט.
— שווימט אַרוים, שווימט אַרוים.
— טיקט זיך צוריק.
— שווימט דער קאָפּ אַרוים.
— שווימען נאָך די לאַנגע האָר...

(די שטימען דערוויטערען זיך, אַלע פון פּאָליש אָפּ, אויסער דעם זינדיגען.)

— רודער! רודער!
— שטויסט מיט אַלע קרעפטען צו!...
— טוט אייך אוים... טוט אייך אוים —

משוגע'נער
(קומט פון שול־הויף צוריק).

וועט זיך וויגען אין'ם הימעל.
מיט ד'שטערענדלעך זיך שפּילען!
האָסט דאָך זי אויף דעם געשיקט...

(זעצט זיך אויף דער באַנק.)

ר'איז נאָך גאָט און שווייגט!

אויסגעלאָסענע
(קומט אַנצולויפען).
ס'האָבען ווינטען מיך געוועקט
און פון בעט ארויסגעריסען,
אויף די פליגעל מיך געטראָגען,
זינדיגער, צו דיר...
האָבען אויפגעוואַכט אין מיר
א פלאַם צו דיר אין טיפען האַרץ.
לעש מיר, זינדיגער, די פלאַם,
ביי דער זינדיגער די פלאַם...

זינדיגער.
דו ביסט ריין!
דיינע זינדיגע געדאַנקען
פליהען ארוים פון דיר,
ווערען נשמות פאר זינדיגע זאַכען,
זיי אנטלויפען פון דיר,
ווי שאָטען און נעבעל פאר א ליכט,

פאר'ן ערשטען מאָרגען־שטראל,
דו בלייבסט ריין, שטענדיג ריין!

אויסגעלאָסענע.

ניין!
נייע וועבען זיך, נייע,
ברענענדיגער, פלאמענדיגער!
קום צו מיר, קום מיט מיר,
כ'ריים די קייט די אייזערנע,
כ'האָב די קראפט דיך צו באפרייען,

(רייסט איבער די געשליפענע רינג פון קייט; ציהט איהם צו דער ווייבער־שול.)

קום ארויף, אהין ארויף,
אויף די תחנות, אויף די תפלות,
אויף די דורכגעווייקטע בלעטער
פון אומזיסט פארגאָסענע טרערען, —
קום, וועקען די שטילע שול,
די צנועה'דיג פארשטומטע שול
מיט געשריי פון העכסטען בונט,
קרעכצען פונ'ם רויטסטען גליק —

(ציהט איהם צוריק פון די טרעפּלעך אַראָפּ צו דער שול־טיר.)

ניין, ניין, אהער —
אפּרייסען וועל'מיר זיין פּרוכת,
פון די פרומסטע הענט געשטיקט!
שלעפּען פון ארון די תורה ארוים,
אויף די יריעות, דארט, וואו ער האָט
טיף און שענדליך מיך באליידיגט,
מיך געקרענקט, מיך פארשאָלטען,
דארט וועל'ן דיך מיינע אָרעמס שטיקען,
מיין אָטעם דיך ברענען,
פיינע בריסטען דיך קיהלען.

זינדיגער

(ציהט זיך צום שול־הויף צו).

ניין, ניין, אהין קום, אהין —
יענע הייליגקייט פארשוועכען!
דארט צום טייכעל, צווישען הושענות,
דארט צום וועלדעל אויפ'ן ברעג,
דארט, וואו די בארמהארציג־הייליגע שכינה
האט מיך אין איהרע אָרעם געוויגט,
איבער מיין פנים געאָטעמט;
וואו איהרע הייליגע טרערען
האבען איבער מיינע ליפען געטריפט...
און איהרע הייליג־ווייסע הענט
האבען מיינע האָר געגלעט, — —
און לייטזעליג־הייליגע אויגען
אריינגעשטראַלט דורך מיינע
א הייליגע נשמה אין מיר,
אהין קום! ס'קדשי־קדשים פארשוועכען!
איבער'ן ליכט געשרומפענעם וואסער־שפיגעל
ציטערט נאָך דער שכינה'ס הארפען־קלאנג!
צווישען די ציטרינע קנייטשען,
פון שפּיציגע הושענא־בלעטלעך
שוועבט נאָך איהר הייליגער רויזען־אָטעם־דופט,
אין דער נעץ פון לבנה־ליכט
שוועבט איהר ריינקייט נאָך!

(שטעלט זיך אָפּ.)

הא! הא! הא!
מ'ציהט די שכינה פון וואסער ארויס,
אראָפּגעהאנגענע גלידער,
צוגעפּרעסט דאָס ווייסע העמד!
און די האָר ארום לייב,
און די אויגען צוגעמאכט, —
מיט גרינעם גראָז.

מיט שליים פארקלעפּט,
און וואסער, וואסער טריפּט, טריפּט...
אהיז קום, קום! —

(ציהט זי ווייטער.)

מ ש ו ג ע ' נ ע ר.
כ'גנעה אייך נאָך!
כ'גנעה אייך נאָך!

(פאָרהאַנג.)

ביינאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק.

אַ זאַך אין פיער אַקטען.

(פערזיפיצירט).

פערזאנען:

א) לעבעדיגע:

בדחן.
לאמפען־לעשער.
דיכטער.
וואנדערער.
„ער“ און „זי“ — א יונגע ראָמאַנטישע פּאָר.
צוויי מיידלעך — איינע פון זיי מיט א בריף.
פארשפעטיגטע קרעמער.
ווייבער.
מיידלעך.
חדר־אינגלעך.
נאכט־וועכטער.

ב) שאטען פון עולם־התהו:

יריד־לייט.
מקובל.
בעלי־עגלות.
חזן.
א יונג ווייבעל.
געפרוירענע.
בעלי־בתים.
חברה־נושאים־שמש.
משכילים.
„ער“ און „זי“ — נומער צוויי.

ארבייטער — צווישען זיי:

א לאמער.

א געהאנגענער.

א געקעפטער און

א בלינדע.

ג) מתים פון קברים ארויס:

א גרייז.

אפיקורסים.

יונגעלייט.

„ער" נומער צוויי און „זי".

געפרוירענע.

אן אלטע ארעמע מוהמע.

א כלה.

שמשים.

אינגלעך.

מיידלעך.

אן עלטערע מיידעל.

א בוגרת.

א מסר — מיט דער ארויסגעריסענער צונג אין די הענט.

א קצב — א מאכיל־טרפות, מיט אן אנגעהאנגענער לונג־און־לעבער אויפ'ן האלז.

א זינדיגע — אויסגעשמירט אין סמאלע, אנגעזעצט מיט פעדערען.

קלעזמער פון ברונען.

עס שפילען אויך מיט:

דער אלטער געץ איבער'ן ברונען — האלב מאן, האלב ווייב מיט א האָרן אויף דער מענליכער זייט.

שטיינבילדער פון ריטער און גייסטליכע אויף דער
מויער פון מאַגיסטראַט.

קלויסטער־גלאָק.

שטאָדט־זייגער איבער׳ן מאַגיסטראַט.

מאָרגענשטערן און

דער בלעכענער האָן אויפ׳ן שול־דאַך.

אַ מאַרק פון אַן אלטער שטאָדט אין פוילען, געטיילט אויף פיער, דורך אַ קרייץ־ברוק פון אַ שימערירענדיגען שטיין. די ברוקירטע קווער־ליניע פיהרט: רעכטס — צום שול־געַ־סעל; לינקס — צום קלויסטער־געסעל; די גראָדע — צו אַ געסעל, וואָס טיילט דעם הינטערגרונט פון מאַרק אויף צוויי העלפטען, און פאַרוואנדעלט זיך, באַרג־אויף אַרויס־לויפענדיג פון שטאָדט, אין אַ וועג, וואָס פארלירט זיך אין פאַרנעבעלטען האָריזאָנט.

אין מאַרק (פון פאָדער־ צום הינטערגרונט) — רעכטס: אַ שול, פון דער זייט געזעהן: האַלב־קיילעכדיגע פענסטער מיט פאַסט אויסגעשלאָגענע שויבען, אונטער אַ שווערען, אויסטערליש־אויסגעקרימטען דאַך, מיט אַ בלעכע־נעם האָן אַלס וועטער־פענדעל אויפ'ן שפּיץ.

די שול־גאַס. אַ חורבה מיט ברעטער־פאַרשלאָגענע פענסטער און שיף אויף אַ האַקען, הענגענדיגען האַלבען טויער. אין הינטערגרונט ביז דער גאַס — אַלטע הייזער; מאַנכע מיט גאַניקעס, צו וועלכע עס פיהרען טרעפּ, דירעקט פון מאַרק אַרויף. לינקס: אַ שענק־שטוב — גרעלע שילדען; קווער איבער דער טיר — אַ שילד מיט בוכשטאַבען פון לעמפּלעך. אַ פעלשער־שטוב: פון איין זייט טיר אַ רויט קרייץ־לעמפּעל, פון דער צווייטער — בלאַנקע מעשענע טע־לער אויף אַ דראָט. דאָס מאַגיסטראַט: אַן אַלטע מויער מיט שטיינ־בילדער פון פּוילישע ריטער און גייסטליכע. אַלטע געמויערטע הייזער. צווישען זיי, אין הינטערגרונט, צום ווינקעל צו ביי דער גאַס — אַ נייע הויז מיט אַ באַלקאָן אויפ'ן ערשטען שטאָק. פון הינטערגאַסען, איבער די הייזער פון מאַרק, הויבען זיך: לינקס — אַ מאַרמאָרנער טורעם מיט

אַ גאָלדענעם קרייץ פון א קלויסטער. רעכטס — מאַטע פענס־ טער, אונטער א רויטען דאַך מיט אַלערליי קוימענדלעך פון אַ פאַבריק. אינמיטען מאַרק, נעהנטער צום צושויער, אַן איינגעפאַלענער ברונען אונטער אַן אַלטען פאַרגרינטען שטיינ־ בילד פון א געץ — אַן אומגעהייער, האלב מאַן, האַלב פרוי, מיט א האָרן אויף דער מענליכער זייט קאָפּ.

ערשטער אקט.

ערשטער פֿאָרהאַנג.

ו ו א נ ד ע ר ע ר

(זעהר מיד, פון לינקס צו רעכטס געהענדיג).

דער זעלבער הימעל, די זעלבע שטערען,
די זעלבע ערד. —
און דאַס אויער הערט
און ווערט נישט מיד פון הערען;
דאַס אויג ווערט פון זעהן נישט זאַט...
פיס ווערען מאַט...

(זעצט זיך ביי דער שול־מויער.)

דאַ אין שאַטען פאַרבאָרגען,
רוה איך ביז מאָרגען.
און דאַס האַרץ, וואָס הערט נישט אויף צו נאָגען,
זאָל זיך, ביז עס וועט טאָגען,
אליין שפינען און וועבען
פון יענער זייט לעבען...
פון יענער זייט לעבען...

(שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער מויער, דרימעלט איין.)

צווייטער פֿאָרהאַנג.

אַ פּויכט־נעבעלדיגער שפּעטליכער אָוונט. די פלעמלעך אין די קאָרגע מאָרק־לאַמטערען ציטערען אין באַוועגליכע רע־

גענבויגען־פאַרביגע רענדער. די שילד און טיר־שויבען פון
שענק פלאמען. דאָס רויטע קרייץ־לעמפּעל בליצט. די בלאַנ־
קע מעשענע טעלער וויגען זיך אויף דעם דראָט. טורעם און
קרייץ בלאַנקען גייסטערהאפט, וואַרפענדיג אַ ציטערדיגען
שאָטען קווער איבער׳ן מאַרק. ווי מיט אָנגעצונדענע אויגען,
פון דער טיפקייט פון די גאַנקעס אַרויס, קוקען די אַלטע
הייזער אין מאַרק אַריין. די פאַבריק פון הינטערגאַס —
מיט איהרע מאַט־לענגליכע פענסטער — מיד; די שול —
ווי אויף אויסגעשלאָגענע שפּאַקולען — איבערגעשראָקען,
און, ווי אויפגערעגט, דער באַלייכטער צווייטער שטאָק פון
איבער׳ן באלקאָן אין נייעם הויז. פון איבער דער שרע־
קיגער שול ציהט זיך אין מאַרק אַריין אַ נעבעל, וואָס
ווערט וואָס אמאָל געדיכטער, לאָזט זיך אַראָפּ אלץ נידע־
ריגער, זאַפּט איין אין זיך דעם האָן, שפּעטער דעם שול־
דאַך און גיסט זיך נאָך שפּעטער צוזאַמען מיט׳ן שאָטען
פון קלויסטער, און פאַרפולט דעם מאַרק.

אויפ׳ן צווייטען שטאָק אין נייעם הויז איז, קענטיג, אַ רוי־
שענדיגע פאַרזאמלונג. אָפּט רייסען זיך פון דאָרט אַרויס
אויסגעשרייען; צוהיצטע דיספּוטאַנטען־קעפּ באווייזען זיך
אין פענסטער... א. ד. ג. פון שענק הערט זיך אַ פרעהליך
גערויש. מאנכמאָל — געזאַנג. אין די געסלעך (רעכטס,
לינקס און אין הינטערגרונט) פאַרמאַכען פ אַ ר ש פּ ע־
ט י ג ט ע ק ר ע מ ע ר די קלויטען. פון צייט צו צייט
הערט זיך דאָס צוקלאַפּען פון שווערע טירען, דאָס פאַרלע־
גען פון קווער־אייזען, דאָס קריצען פון אלטע שלעסער א. ד. ג.
ווייבער אויף די גאנקעס וואַרטען אָפּ און קוקען אויס די
פאַרשפּעטיגטע קרעמער. בויגען זיך איבער די אָנלענען, קו־
קען אין מאַרק, אין די געסלעך אַריין.
פאר דער שענק שפּאַצירט האַסטיג אויף און אָפּ א געשמינקט
און גערויטעלט נאַכט־מיידעל, לאָקערנדיג אויף „געסט“ מיט
קרענקליך־בליצענדע אויגען. קעגענאיבער רעכטס, פאַר אַ

טויער, נישט ווייט פון א מאַרק־לאַמטער, שטריקט אויף גרויסע ברילען די זאָקענמאַכערין, אויפהוי־בענדיג פון צייט צו צייט דעם זאָק צו דער פלאַם, צי זי פאַרלאָזט קיין „אויגען" נישט. אין הויז פון דער חורבה, האַלב־פאַרשטעלט אונטער'ן האַלבען טויער, זיצט דער בדחן, בויגט וואָס אמאָל אַרויס דעם קאָפּ. עפּעס געשפּאַנט, אויס־קוקענדיג און אָפּוואַרטענדיג. ער און זי שפּאַצירען. אינמיטען מאַרק, נישט ווייט פון געץ, שפּילען קליינע מיידלעך א ראָד. זיי זענען מיד. געזאַנג און באַוועגונג לעשען זיך, ווי צום איינשלאָפען.

(ער און זי געהען פאַרביי דעם ראָד.)

זי

(פאַר'חלומ'ט זיך ווינשענדיג).

מעבעל—וויים, ראָזע טאַפּעטען...

ער

(נישט נויטיג צו הויך).

געביטען דאַרפסט דו, קינד, נישט בעטען...

מיידלעך אין ראָד

(דערהערענדיג זייער שטימע).

קינדער, שאַ ! קינדער, שאַ !

(דאָס אויפמערקזאַם געמאַכטע ראָד באַוועגט זיך נאָך שטילער. דער גע־זאַנג געהט איבער אין א שטיל זשומען. די קעפּלעך מיט אויסגעשפּיצטע אויערלעך בויגען זיך אויס צו „ער" און „זי", אונטערטעניג.)

זי

(ווי פריהער).

אַז אמפּולאַ...

ער

(באַריהמעריש).

פון טריעסט !

ז י.
און א פאָנאָגראַף פאַר געסט...

(זיך איינשמייכעלדיג).

וועט נישט זיין צו טייער?

ו ו ע כ ט ע ר
(פון קלויסטער־געסעל אַרויס).
היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!

(הויבט אָן, זעהר מיד, צו געהן איבער׳ן מאַרק. וואַקעלט זיך, גענעצט.

ע ר און ז י פאַרשווינדען באַלד אין אַ טויער.)

(צוויי עלטערע מיידלעך — איינע מיט א בריף אין דער האַנט, לויפען אַרויס פון שול־געסעל, וואו עס פאַרלעשט זיך דער לעצטער לאַמטער, און איילען צו א לאַמטער אין מאַרק.)

(באַלד נאָך זיי קומט פון זעלבען געסעל אַרויס דער לאָמפען־לעשער — אַ מיזאנטראָפיש־שווייגענדיגע פיגור — און הויבט אָן לעשען דעם מאַרק. דער בדחן שטעקט שטאַרקער דעם קאָפּ פון דער חורבה אַרויס. קוקט צום לאָמפען־לעשערס אַרבייט, שמייכעלט זעהר שטיל־סאַרקאַסטיש, ציהט זיך צוריק.)

מ י י ד ל ע ך פ ו ן ר א ד
(טויל, וואָס האָבען באמערקט דעם בדחן, אומרוהיג. אנדערע — די צוויי עלטערע מיידלעך — פאַראינטערעסירט. נאָך אנדערע — דערזעהענדיג דעם לאָמפען־לעשער, — טרויעריג).

שטילער, שטילער, שוועסטערלעך...
זעהט, ווער ס׳קומט אהער!

א מ י י ד ע ל
(אויפ׳ן לאָמפען־לעשער פאַרקוקט, טרעטענדיג פון ראָד אַרויס).

טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ, הילעכדיג און שווער;
וואו ער שטעלט זיך, גיט א קלאַפּ:
א פ נ ע ש ט אְ ר ב ע ן אְ לאַמטער...

ד אָ ס מ י י ד ע ל

(אָהנ'ם בריף, צום צווייטען, וואָס לעזט איהם ביי אַ לאַמטער).

וואָס שרייבט ער?

ד אָ ס צ ו ו י י ט ע.

נאָר אין מיר גלויבט ער...

אַז זיין איינציג

(איבערגעהענדיג, פון לאָמפּען־לעשער געטריבען, צו אַ צווייטען לאַמטער.)

נישט פאַרלאָשענעם שטערן —

(ווייזט, זיך אָפּשטעלענדיג, דעם בריף.)

זעה, נאָס פון טרערען...

(פון בריף פאַרצעהלענדיג, באוועגט.)

קושט מיר די אויגען די בלויע...

אַ מ י י ד ע ל פ ו ן ר אַ ד

(פאַרבליפט).

אויגען האָט זי — גרויע!

(דאָס מיידעל מיט'ן בריף, ציהט, אומרוהיג און פאַרשעמט דאָס צווייטע מיט זיך; געהען לאַנגזאַם, דאָס ראַד מיידענדיג, צוריק אין פינסטערען שול־געסעל אַריין.)

(אין מאַרק וואַרטען זיך שוין אָפּ די פאַרשפּעטיגטע קרעמער.)

ע ר ש ט ע ר ק ר ע מ ע ר

(צום צוקומענדיגען צווייטען).

פאַרקויפט אַלטוואַרג א וואַגען.

צ ו ו י י ט ע ר

(קליין־מאַכענדיג).

אויף בארג!

ד ע ר ד ר י ט ע ר

(צוקומענדיג. איראָניש).

האָט ער א זאַרג!

(טאָן־ענדערונג.)

גיט אויך נאָר פּאַפּיר...

פ י ע ר ט ע ר
(צוקומענדיג, מיט א זייטענבליק צום נאַכט־מיידעל)
וואס זאָגט איהר צו א י ה ר ?

א ו ו י י ב ע ל א ו י פ ' ן ג א נ י ק
(אַנשרייענדיג).
יואל!
(קרעמער צוגעהען זיך צו די גאַנקעס צו.)

ז א ק ע נ ש ט ר י ק ע ר י ן
(מיט קאָפּ־באַוועגונגען, באַדויערענד).
קאַן קומען דער גואל!

א ו י ב ס ־ ה ע נ ד ל ע ר י ן
(פאַרבייגעהענדיג, מיט'ן קוישעל נישט אויספאַרקויפטער סחורה, פון קלויסטער־געסעל אין דער ריכטונג צום טויער, וואו די זאָקענשטרי־קערין שטעהט, ציהענדיג מיט דער נאַז).
אַבער באַשמעקט!

א י י ע ר ־ ה ע נ ד ל ע ר י ן
(ווי יענע, און יענער נאָכגעהענדיג, ציהענדיג מיט די אַקסעל).
אין וואָס דער יצר־הרע שטעקט!

ז א ק ע נ ש ט ר י ק ע ר י ן
(צו די צוקומענדיגע).
פ'וואָלט זי צוריסען אויף שטיקער!
(עמיץ וואַקעלט זיך אַרוים פון שענק).

ד אָ ס ר אָ ד
(דערזעהענדיג).
נתן שכור! נתן שכור!
(פון דער שענק אַרוים הערט זיך געזאַנג.)
זינגט!
טרינקט!
מיט די גלעזער קלינגט!
ווען אַז נישט איצט!

נ ת ן ש כ ו ר

(אַז די שענק־טיר ווערט צוגעקלאַפּט. ענדיגט).

דאָס לעבען פאַרבליצט.

(וואַקעלט זיך. זעהר טרויעריג.)

ס'איז פאַר'ן טויט קיינער נישט באַשיצט...

(פאַלט. בלייבט ליגען, ברומט עפּעס פון צייט צו צייט.)

ש ט י כ ע ן פ ו ן מ י י ד ל ע ך

(וואָס טרעטען איינציגווייז אַרויס פונ'ם ראָד, וואָס דרעהט זיך ווייטער, שוין נישט צוריקגעשלאָסען).

— קיהל...

— מיד, ווי א ליים...

עס ווילט זיך אהיים...

— אהן איינגלעך איז קיין שפּיל...

ח ד ר ־ א י נ ג ל ע ך

(מיט פאַרשידענפאַרביגע פּאַפּיר־לאַמטערלעך קומען אַנגעלאָפען פון שול־געסעל, שטעלען זיך פּלוצלונג אָפּ פאַר'ן גען).

א א י נ ג ע ל.

— אַז ער ציט א זי?

א צ ו ו י י ט א י נ ג ע ל.

— צוזאמען...

(מיידלעך רוקען זיך נעהנטער צו.)

א מ י י ד ע ל.

איך האָב דאָס געהערט פון דער מאמען...

א א י נ ג ע ל.

די זינד.

א ד ר י ט א י נ ג ע ל

(פאַרטויטשענדיג).

בלינד,

און אינעווייניג שטיקען זיך פלאַמען...

א צוויימ מיידעל.
אַ גרויל.

אַ אינגעל
(מעהר די מיידלעך צוליעב).
באַפּט זיך טיילמאַל אויף ביינאַכט,
לאַכט,
וואַסער אַ שנירעל רינט איהם פון מויל...
פון ד'אויגען — אַ פייערדיג ראָד,

אַ פיערט אינגעל
(אויסכאַפּענדיג און פאַרציטערט).
און געהט פאַרביי ווער גראַד,
טרעט אריין דערינען, —
קומט ער פון זינען...

מיידעל.
יאַ—יאַ, יאַ—יאַ!

אַ אינגעל
(איבערטריבען).
נאַכט אויף נאַכט כסדר...

בדחן
(וואָס גיז אַרויס פון חורבה, וועהענדיג מיט דער רויטער פאַטשיילע קעגען די קינדער).
אַ שאַ! אַ שאַ!
קינדער זאָגען אוים פון חדר...

(די קינדער צולויפען זיך מיט אַ שרויטיג־שרעקיג געלעכטער אהיים, ווער אין טיר און טויער, ווער אויף די גאַנקעס אַרויף.)

אַ ווייבעל אויפ'ן גאַניק
(אויפ'ן בדחן).
דרעהט זיך אַרום אויף דער וועלט
אַ חולאת...
זאַקענשטריקערין.
געוועז אַמאַל אַ בר־דעת, —

א ברחן...

איער־הענדלעריז.

א פורים־שפילער אויך!

אויבס־הענדלעריז.

פּאַרדינט שטיקער געלט...

קרעמער אויף די גאַנקעס.

— זיינע נוטריקין, לפ״קעו —

— זיין פינגער קנאַקען.

ווייבער אויפ׳ן גאַניק און אויפ׳ן מאַרק.

— זיין קרעהען פון בויך...

— די קונצען, וואָס ער האָט געמאַכט...

(פויזע.)

— אַלץ זייט יענער נאַכט...

(אויפ׳ן געץ.)

— זייט ר׳האָט די קלעזמער געפאַנגען,

— פון פּריצ׳ישען באַל געגאַנגען...

— קעגען די פריצות געזעסען —

פּת עכו״ם געגעסען —

— און נסך, — דער עיקר!

— און — שכור...

— און אַהן ציצית, וואוילע יונגען,

— אין ברונען אריין געשפּרונגען,

איינער נאָכ׳ן צווייטען כסדר,

מיט די אינסטרומענטען, אין די קליידער...

(אויפ׳ן געץ.)

— ער האָט זיי אריינגעצויגען,

ווי מיט צוואַנגען!

(אויפ׳ן ברחן.)

— ר׳איז אויפ׳ן באַל דען געווען?

— ר׳איז זיי אַקעגען געגאַנגען;

מיט ד׳איינענע אויגען געזעהן...

— און האָט זיך צולאַכט!

בדחן

(אין מאַרק אַריין; צו די גאנקעס אַרויף).

גוט נאַכט! גוט נאַכט!

אלע

(הויבען זיך פּלוצלונג אָן געזעגענען).

גוט נאַכט! גוט נאַכט! א גוטע נאַכט!

(אַלע אָפּ. די ווייבער פון מאַרק — דורך דער הויז־טיר. די ווייבער און קרעמער אויף די גאַנקעס — אין די שטיבער אַריין.)

(די שטיבער אויף די גאנקעס ווערען באלד פון אינעווייניג פארלאָדענט; די אלטע הייזער קוקען אין מאַרק אַריין מיט בלינדע אויגען.)

בדחן

(געהט אַרום, וועהט פּאַרשטויילען מיט דער רויטער פאטשיילע קעגען ליכטיגע פענסטער, וואָס לעשען זיך דערפון... ער געהט אין דער ריכטונג צום ליכטיגען שטאָק, שטעלט זיך אָפּ: עס קומען אָן יונגעלייט, וואָס איילען צו דער פאַרזאמלונג. הינטער זיי — אַן אַרבייטער.)

יונגעלייט.

— וועסט רעדען?

— פון סיים!

— איך וועגען שקלים...

— א פאָלק, ווי א מענש, מוז האָבען א היים...

בדחן.

אָדער א חלום!

אַרבייטער.

נישט מעהר!

בדחן.

(וועהט מיט דער רויטער וואַטשיילע קעגען שטאָק. מאָמענטאַן לעשען זיך די פענסטער. יונגעלייט צושטרייען זיך אומרוהיג. מאַנכע קוקען מיט שרעק און פאַרדאכט אויפ'ן בדחן. אנדערע — פאַרשעמט און מיט צאָרן אויפ'ן ארבייטער, וואָס געהט זיך לאַנגזאם זיין וועג.)

נ אַ כ ט ־ מ י י ד ע ל
(נאָכרופענדיג די יונגעליוט).
קומט מיט מיר ווער!
(אַז זיי הערען גישט, צו הינטערשטעליגען אַרביוטער.)
דו — דער שענסטער, דער בעסמער —

אַ ר ב י י ט ע ר
(האַקט איהר איבער מיט באַרמהאַרציגען פּאַרדרוס).
שוועסטער, —
ווי האָסט דו דיך פאַרגעסען?

נ אַ כ ט ־ מ י י ד ע ל
(קוקט איהם אַוויילע מיסטעריאיש אָן. זעהר אומזיכער).
האָסט עפּעס צו עסען?

אַ ר ב י י ט ע ר
(לאָזט די אויגען אראָפּ, עטוואס שולדיג און פינסטער).
איך שטרייק.

נ אַ כ ט ־ מ י י ד ע ל
(פאַרניכטענד).
טאַ שוויינ!
(אַרביוטער ראַש אָפּ.)

נ ת ן ש כ ו ר.
(עטוואָס אויפהויבענדיג דעם קאָפּ פון דער ערד).
ליג איך,
אזוי וויל איך,
אויסגעשטרעקט...
ווי זיס די ערד שמעקט...
האָניג מיט מילך!
אהן הענט, ווי א מאמע גלעט זי,
אהן לשון, מאמע־לשון רעדט זי...

(געריהרט פון נאַכט־מיידעל, וואָס איז צו איהם צוגעקומען, שוועך אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, לאַכענדיג.)
שיינדעלע, מיידעלע קליינס...

נ אַ כ ט - מ י י ד ע ל

(ווילט אויפהויבען).

אַלץ איינס...

(לאָזט צוריק אָפּ דעם קאָפּ; פאַרמאַטערט.)

ביסט אַזוי שווער...

נ ת ן ש כ ו ר

(וואָס האָט זי דערזעהן, אין איין שרעק).

ווער ביסט דו? ווער?

(וואַרפט זיך צוריק צו דער ערד, שלוכצט. נ אַ כ ט - מ י י ד ע ל שפּרינגט אָפּ, שלאָגט זיך אָן אָן ע מ י צ ע ן, דערשרעקט זיך נאָך מעהר. וויל ווייטער אָפּשפּרינגען.)

ע מ י צ ע ר

(זי פאַרהאַלטענדיג).

פראַל נישט צוריק,

אין נעבעל בליצען דיינע אויגען...

לאָז, לאָז דורך זיי זויגען

די נשמה אוים ביי דיר.

און דו — ביי מיר!

(לאָזט זי נישט קומען צום וואָרט.)

שוויג, — דאָס מינדסטע וויסען לעמט!

דערשראָקען און פאַרשעמט

פראַלט מען צוריק,

עס פאַרבליהט איידער עס בליהט...

נאָר צופאַל גיט גליק;

נאָר דער אומבאַקאַנטער אָפּגרונט ציהט...

נאָר אין זיין פאַרבאָרגענער שוים

פלאַמט די מיסטישע רויז...

נ אַ כ ט - מ י י ד ע ל

(קוים צום וואָרט געקומען. שרעק).

ווער ביסט דו? ווער?

(עקעל.)

דאַר, ווי א שפּין!...

ע מ י צ ע ר
(היים, זי אין טויער אַריינשלעפּענדיג).

שטיל, שטיל!
כ'וויים נישט, ווער איך בין,
כ'וויים נאָר, וואָס איך וויל...

(אָפּ)

ב ד ח ן
(רופט זיי צו).

דער אָפּגרונט ציהט אייך!

נ א כ ט - ו ו ע כ ט ע ר
(פון בדחן'ס שטימע געוועקט, אומרוהיג).

היט אייך פאר פייער, היט אייך...

(אויגען־שפּיל צווישען בדחן און נאַכט־וועכטער. דער דיכטער קומט מיט א גאָרטען־לעמפּעל פון שטוב אויפ'ן באלקאָן אַרויף. שטעלט אַוועק דאָס לעמפּעל אויף א טישעל. קוקט אין הימעל אַריין. בדחן און נאַכט־וועכטער, דער לעצטער באַזיגט, צוגעהן זיך.)

ד י כ ט ע ר
(דעקלאַמירט).

אין מערב־ראַנד
שאַפט א פארבאָרגענע האנט.
רויכיגע פעדעמלעך בינדט זי;
נעבעלעך, נעבעלעך שפּינט זי;
נעצען, נעצען שטריקט זי
פאר לבנה, שטערען...
(טאָן־ענדערונג.)

ציטערט די לבנה זילבערען גאנץ,
טריפען די שטערען דעם גאָלדיגען גלאנץ —
גאָלדיגע טרערען...

ו ו א נ ד ע ר ע ר.
ס'הויבט שוין אָן שפּינען, ס'הויבט שוין אָן וועבען...

ד י כ ט ע ר.
וואַלקען, וואַלקענדלעך שוועבען...
שטערענדלעך שרעקען זיך,
לעשען זיך, וועקען זיך,
ווערען ווי גאָלדענע פישלעך געפאַנגען...
אונטערגעגאַנגען! אונטערגעגאַנגען!

נ אַ כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר
(האָט געענדיגט זיין אַרבייט. געזעגענט זיך).
נאַכט, דיכטער!

ד י כ ט ע ר
(ענטפערט מיט א קאָפּ־באַוועגונג).
פאַרלאָשען אַלע ליכטער!
דער לבנה'ס לעצטער צאַפּעל..
ווי א בלינד אויג אָהן אַן אַפּעל
האָט זיך א הימעל אויסגעצויגען...

(בלייבט שטיל; פון געריש פון די הייזער אַרויס, בינדט זיך צוזאַמען אַ)

ק ר י אַ ת ש מ ע.
שיק שלאָף צו אונזערע אויגען,
צו אונזערע ברעמען דרימעל...
גאָט, וואָס קיניגסט אין הימעל...

הער אויס אונזער תפלה...
שיק אונז חלומות, זיסע, שטילע,
פון ישועות, פון נחמות.

און קומען צו דיר די נשמות,
האַלט זיי, ביז מאָרגען,
אונטער דיינע פליגעל פאַרבאָרגען...

(די קריאַת־שמע צורייסט זיך צוריק אויף איינצעלנע טענער, וואָס פאַר־שטומען איינער נאָכ'ן צווייטען. דיכטער ציהט זיך צוריק מיט'ן לעמ־פעל. דערוייל האָבען אומגעדולדיג געוואַרט דער וועכטער און דער בדחן. דער ערשטער ציהט זיך אויס אונטער א מויער. געצעצט. דער צווייטער

גערט שטיל ארום דעם מאַרק, וועהט מיט דער רויטער פּאַטשיילע קעגען נאָך עטוואָס ליכטיגע פענסטער און לעשט זיי דערמיט.)

ו ו ע כ ט ע ר.

מיד...
א גאַנצען טאָג געהאַמערט און געשמידט...
לעשט זיך אָט די שענקער־שילד,
כ'קאָן נישט מעהר...
(מיט בליקען — צו דער שול, דערנאָך צום קלויסטער.)
זאָל היטען ד י אַדער ד ע ר!

ב ד ח ן.
(צום הימעל. צאָרניג־סאַרקאַסטיש).
דיין עבענבילד!

צווייטער אקט.

דער נעבעל האָט זיך טיפער אראָפּגעלאָזט. די שענק איז געשלאָסען אויף דער צווייטער טיר. דורך די שפּאַרעס רייסען זיך דאָך נאָך רויטע שטראַלען אַרויס. די לעמפּלעך פון דער קוואָר־שילד לעשען זיך פון זיך אַליין, זעהר לאַנגזאַם איינס נאָכ'ן צווייטען. דאָס פעלשער־לעמפּעל צאַנקט. די מעשענע טעלער וויגען זיך, ווי אין שרעק. די שטיינבילדער קומען רעליפער אַרויס פון דער אַלטער מאַגיסטראַט־מויער. דער העלער, אין נעבעל בלאַנקענדיגער קלויסטער־טורעם, שטעכט מיט'ן גאָלדענעם קרייץ אין ווייסליכען וואָלקען אַריין. די אומגעלומפּערטע שול־מאַסע האָט זיך ווידער דערשראָקען און פאַרשעמט, טיפער איינגעקויערט אין נעבעל. דער גענץ שטעהט אין דער מיט גלייכגילטיג, נאָר, דאַכט זיך, מיט גרעסער געעפענטע אויגען.

בדחן

(קניט אויף איין פוס פאר'ן נאַכט־וועכטער. נעמט איהם זאַפּט און שעלמיש שמייכלענדיג, דאָס וועכטער־פייפערל פון האלז. טוט עס אָן זיך אויפ'ן האלז. שטעהט אויף. וואַרפט א שאָדען־צופרידענעם בליק צום הימעל. פייפט דריי מאָל. אראָפּלאָזענדיג דאָס פייפערל אויף דער ברוסט, מיט א פאַרשטענדניש־בליק צום גענץ).

אויפגעפּראַלט מיט א פייף
די שאָטען־טיר!
(אויסרופענדיג אין דער וועלט אַריין.)
ע, קראַכמאַל־שטייף,
צוויי און צוויי איז פיער, —

זייפען־בלאז און פרעס־פאפיר.
גאלד־געוויכט און זילבער־טרעסט —
קומט ליעבע געסט!
און אלע, וואס גלויבען פעסט
אין זיך, אין לעבען, —
פון טרוים,
שוים
און נעבעל צוזאמענגעוועבט געזינדעל,
זיין ליעבען נאמענס הייליגער שווינדעל! —
קומט צו שוועבען!
אייך פארבעטען מיר
אויף א נאכט־שפאציר!
קומט געפלויגען, קומט געפלויגען!
(צום געץ.)

ע, דו, עפען די אויגען:
ווייז די ציין —
דיין עלפענביין!
דו, וואס זעטיגסט זיך אליין,
ביסט אין זיך אליין א וועלט, —
באלייכט דאס פעלד!
גיס ארום דיין צויבערפראכט!
(מיט אויסגעלאסענער פרייד.)
ס'איז אונזער נאכט! אונזער נאכט!
(די שטיינבילדער באוועגען זיך.)

ע ר ש ט ע ר ר י ט ע ר
(שרעק).
ר'וועקט דעם געץ!

צ ו ו י י ט ע ר.
וועקט אומזיסט!
(אז דעם בדחן'ס ווילען געשיהט, פינסטער.)
עס קומט די צייט פון אנטיכריסט!

(דער געץ האט דערווייל געעפענט מויל און אויגען. פון מויל רינט

איהם א שנירעל וואַסער, ווי ביי אַ קוה, וואָס הויבט אויף דעם קאָפּ אינ־מיטען טרינקען. פון די אויפפלאַמענדע אויגען גיסט זיך א רויט־גי־ריגער שיין.)

(שטיינבילדער פאַרשטאַרען אין שרעק. — אין מאַרק אַריין שווימען אָן שאָטען פון עולם התהו. זיי באַוועגען זיך ציטעריג, ווי אילוזיאָן־ביל־דער. די, וואָס גענענען זיך צום פאָדערגרונט, ווערען געהערט.)

ו ו א ס ע ר ־ ט ר ע ג ע ר

(מיט פולע קאַנען).

גרויסע היצען, שטאַרקע היצען, —
און אין בית־המדרש זיצען
לומדי־תורה, און זיי שוויצען,
און עס קלעפּט זיך זיי די צונג. —
באַלד, באַלד,
ר'קריגט א טרונק!
כ'ברענג אייך וואַסער פריש און קאַלט,
כ'וועל אייך מים חיים געבען.

ב ד ח ן.

און אין זכות פון פרישען טרונק
האָף משיח'ן דערלעבען...

א ג ל ח

(פון דער וואַנט, מיט פרומע אויגען צום הימעל פּאַגליויסט).

גיב שכל, גאָט, דעם איינגעשפּאַרטען,
זאָל ער נישט וואַרטען,
אומזיסט נישט וואַרטען.

ה אָ ל ץ ־ ה ע ק ע ר

(מיט א בינט האָלץ אויף די פּלייצעס).

דער פראָסט איז גרויס;
קינדערלעך — נאַקעט און בלויס;
אין זיי, נעבעך, קאַלט א מורא;
נישט געהייצט די תלמוד־תורה...
אויף די בעקלעך פרירען טרערען, —

באלד, באלד,
כ׳טראָג אייך האַלץ, האָלץ פון וואלד...
און עס וועט אייך ווארעם ווערען...

ב ד ח ן.
און דער עיקר מיין איך מיך:
איך זאָל זוכה זיין צו הערען
באַטשע שופר של משיח...

ג י י ס ט ל י כ ע ר
(צאָרניג).
פאַלשע רייד, דומע רייד!
לאַנג געבלאָזען די טראָמפּייט!
לאַנג שוין אויסגעלייזט די וועלט...

צ נ ו ע ה
(נאַס פון וואַסער).
נישט דערפאר, וואס מיר געפעלט!
נישט צוליעב מיין מאַן אפילו
געה איך טבילה
אין אַזא קעלט,
אין אַזא נאַכט!

(פאַרגלייסענדיג די אויגען צום הימעל.)

בענש־זשע, ליעבער גאָט, מיין טראַכט,
און די לענדען פון מיין ליעבען מאַן ר׳ יואל...

ב ד ח ן.
זאָל פון זיי ארוים דער גואל!

(צנועה, גלייך זי וואָלט א בת־קול געהערט, הויך־דערפרעהט, אָפּ. עס שווי־מען אָן יריד־לייט, צוויי לויפען זיך אקעגען, שלאָגען זיך אָן אין אימ־פעט אָן די טויערען, שפּרינגען צאָרניג אָפּ. דערזעהען און דערקענען זיך, דערפרעהען און דערלאַנגען זיך שלום.)

ד ע ר ע ר ש ט ע ר.
ווי טייער איז קרויט?

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר.

זאָל נאָר זיין רעגען!

א נ ד ע ר ע

(שטימען).

— וואו שטעהט די בויד?

— וואו זענען די וועגען?

א נ ע ו נ ד

(אָנלויפענדיג.)

אויפ׳ן יריד?

וואָס נישט?

(בעטענדיג.)

נעמט מיך מיט,

נעמט מיך מיט!

(אַז מען הערט איהם נישט, פאַרצאָגט.)

כ׳מוז דאָך זוכען מיינע נעגעל,

אויף שבעה ימים זיי צושפּרייט —

מ ק ו ב ל

(מיט אַ זעלבסט־צופרידענעם שמייכעל).

יאָגט איך, יאָגט געזונטערהייט,

כ׳געה מיר שטיל מיין אונטער־וועגעל...

כ׳האָב נוטריקין, כ׳האָב לפ״ק׳ען,

איך מוז אליה־נביא פּאַקען,

אויף משיח׳ן פרעגען.

(נעמט זיך אָן אַ זייט.)

נ אָ ד אַ נ ד ע ר ע י ר י ד - ל י י ט.

וואו זענען די בוידען? וואו שטעהען די וועגען?

(בוידען און וועגען באַווייזען זיך אין דער לופט. צו זיי געהען צוויי בעלי־עגלות מיט לאַנגע בייטשען.)

ע ר ש ט ע ר.

אַ קבלה

פון ר' יעקעל בעל־עגלה:
האבער, — ווי קריסטאַל!

צווייטער.

דאס איז אלץ געוועז אמאל.
איך גיב קלייעז, איך גיב מאקאך.
גיב א סעק זיך אויבען אן...
כאפּ דאס בייטשעל נאר, און קנאק'יך —
טאנצעז שדים שוין אין קאן.
גוטע וועגעז, שלעכטע וועגעז — — — —

בדחן.

און משיח'ן אקעגען!

חזן

(צו א יונג ווייבעל, וואס ער פיהרט געאַרעמט).
עס זינגט זיך נאר פאר דיר!
נאר צו דיר, נאר דורך דיר!
דער עמוד — א גולם,

(עקעל.)

ארום — דער בייכינגער עולם...

(אויפלעבענדיג.)

ס'פארהענגעל גיט זיך א ציה,
עס בליצעז די זיסע עינים,
געהט שוין: גדי,
קשור י—ד—י—ם,

(אפגעהענדיג.)

ברכות לישא — אַ—אַ—אַ!

אַ געפרוירענע

(אנשווימענדיג, בלאזענדיג זיך אויף די נעגעל).
או! או—הו—הו! או—הו—הו—הו—הו!
אוי, ווי איך פריר...
וועה צו מיר, וועה צו מיר...

(בעלי־בתים געהען לאנגזאם פארביי.)

ע ר ש ט ע ר
(גלעט זיך דאָס בייכעל).
מיין הויז ? אייזערנע ווענט,
ביז׳ן נאַפּעל אַראָפּ א פונדאמענט,
אויפ׳ן בוידעם — ווייצען, אין קעלער — י״ש.

צ ו ו י י ט ע ר
(אונטערגעשמייכעלט).
איהר זענט א בר נש...

ע ר ש ט ע ר ב ע ל ־ ה ב י ת
(גדלות).
און האָב אַלע פּריצים אין טאַש !
(באַריהמעריש.)
און א שפּאַר ביסעלע געלט...
(סאַרדאָניש.)
און ד י וועלט איז א ו י ף א וועלט :
פיינע דירות...
נאָכ׳ן מרחץ — א גלעזעלע מעט,
נאָך הבדלה, — אויב נישט שפּעט, —
קומט דער חזן, זינגט ער זמירות...
(זיך אָפּשטעלענדיג.)
און, טראָג מיר דאַנציגער גרעט,
פון סטאַמבול — א ליולקע, פראַנצויזישען טאַבעק...
(ענדערט זיך פלוצלונג אויפ׳ן פּנים.)
געשווינד — א מעבר יבוק !
(מיט א וויינענדיגען צואה־טאָן.)
...און איך פאַרשרייב,
צום מזרח א נייעם לייב,
א גדר צום בית־עלמין,
קדיש זאָל זאָגען רב קלמן...
עס ווייסט דער בוחן לבבות...
(פאַרשווינדט.)

ח ב ר ה ־ נ ו ש א י ם ־ ש מ ש
(קלינגענדיג מיט א צדקה־פושקע).

צדקה תציל ממות...
צדקה תציל ממות...

(זיך אָפּשטעלענדיג, מיט אַ שעלמישען שמייכעל.)

איך טרייב קיין קאַטאַוועס:
מ י ר, מיין הויזגעזינד —
מיין ווייב און קינד, — —
די גרויע צעפּלעך...

(נישטערט אין פושקע. עמפּערט, אַרויסכאַפּענדיג די האַנט.)

קנעפּלעך, סאַמע הויזען־קנעפּלעך...
(שטוינענדיג איבער'ן שווינדעל.)
אר־ווא! אר־ווואא!

ר י ט ע ר און ג י י ס ט ל י כ ע
(זיך אָנכאַפּענדיג ביי די זייטען, שטיינערן־לאַכענדיג).
הא! הא! הא! — הא! הא! הא!

ש מ ש
(ענדערט זיך פאַר שרעק).
אין שול אריין! אין שול אריין!
נשמות הקדושים מזכיר זיין!
אין שול אריין! אין שול אריין!

(אָפּ צו דער שול; דאָס מעהרסט שאָטען מאַכט פּלוצלונג פרומע, ערנסט־טרויעריגע געזיכטער, געהט נאָך, אויסער משכילים און אַרבייטער.)

מ ש כ י ל י ם
(זיך אומקוקענדיג).
— אבער — נחת!
— ד'פלערמייז להכעים!

(שטרייכענדיג מיט'ן בליק די הייזער אַרום.)

פיינע שילדען איבעראַל:
אדוואַקאַטען און דאַקטוירים...

די צייט געהט נישט צוריק!
(אויפ'ן רויטען דאַך.)
דאָרט געווים א גענעראַל...

א ז א ר ב י י ט ע ר.

חמורים!
ס'א פאַבריק!
(משכילים—אָפּ מיט שרעק; אַרבייטער לאַכט.)

ב ל י נ ד ע

(טאַפּט פאַר זיך מיט די הענט אין דער לופט).
זאַכען—נייע; אותיות—אַלטע;
א סוטערינע—אַ נאַסע, א קאַלטע,
יאָהרען געזעצט, ד'אויגען פאַרלוירען,
געה איך נאָך די אויערען...
כ'זאָל נאָר נישט פאַראירען!

ל א מ ע ר.

קום, איך וויל דיך פיהרען...

ב ל י נ ד ע.

הינקסט?

ל א מ ע ר.

האָסט פאַרגעסען?
יאָהרען־לאַנג אין קייטען געזעסען...
א פוס געפוילט... אראָפּגענומען...
(וויינט.)
אפילו נישט צו קבר־ישראל געקומען...
(זיך אַליין באַדויערענד.)
אָפּגעשניטען מיט א זעג!
(טאָן־ענדערונג.)
אָבער פאַרווערטס געהט דער וועג!

ג ע ה א נ ג ע נ ע ר

(מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז).
און קומט מען נאָר אויבען אַרויף.

די אויגען — ארויסגעזעצט ווייט —
זעהט מען די נייע צייט,
דאָס גליק אהן א סוף,
און אלץ, וואָס וועט געשעהען...

ג ע ש אָ ס ע נ ע ר ס אָ ל ד אַ ט

(שטעלט אָפּ א געקעפּטען, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום מיט'ן קאָפּ אין דער האַנט).

ביסט אויף מיר בייז?

(נעמט איהם, אַז יענער הערט נישט, דעם קאָפּ פון האַנט אַרויס, זעצט איהם צורעכט אויף די אַקסעל.)

ג ע ק ע פּ ט ע ר

(שטאַמעלט).

איך ווייס?

(גלאָצט אומבאַהאָלפען מיט די אויגען.)

געווים האָט מיך פאַרדראָסען...

ס אָ ל ד אַ ט

(פאַרענטפערט זיך).

אומבאוואוסטזיניג געווען...

(דעקט אויף די וואונד.)

דערנאָך — האָט מען מ י ך געשאָסען...

(ביידע געאָרעמט אָפּ.)

ד י כ ט ע ר

(קומט נאָך אמאָל אַרויס אויפ'ן באַלקאָן, אין די נאַכט־קליידער, אויפ־געּרעגט, ווי פון א בייזען חלום געוועקט, אַראָפּרופענדיג אין מאַרק אַריין).

הערט זיך איין, הערט זיך איין,
צום שטילען געוויין...
פון שול אַרויס קומט עס,
ווי א טויב ברומט עס,
און אזוי וויינט עס און קלאָגט:
וועה דעם קעניג, וואָס האָט זיין זוהן פאַריאָגט,
זיין פּאַלאַץ צושטערט —

געווימעל אין מאַרק

(צושטריוטע שטימען).

— הערט, הערט!
— די שטילע וויינט!
— די אָרעמע וויינט!
— עס שרעקט זיך דער פיינד!
— שטעהט שטום און בלייך!

(צום קלויסטער.)

— און דער שיסט אין דער הויך
מיט קרייץ און טורעם;
לעבערט די וואָלקען שטאָלץ!
— אונזער שול איז האָלץ.
עס פרעסט זי דער וואָרעם!

(מעהרערע שטימען מיט אמאָל.)

— מיר זענען דאָ צו שפּאָט און שאַנד!

(דער שטאָק אין נייעם הויז איבער׳ן באַלקאָן באַלויכט זיך; אין די פענסטער באווייזען זיך רעדנער.)

ערשטער רעדנער.

זוכט א לאַנד!

צווייטער.

עס רופט די אַלטע היים!

דריטער.

א סיים! א סיים! א סיים!

ערשטער רעדנער.

ניין, א נייע היים!
נאָך נישט מיט קיין בלוט באַפלעקט,
מיט קיין עולות נישט געשענדט!

צווייטער רעדנער.

די אַלטע מאַמע וויינט און שטרעקט
צ׳איהרע קינדער אויס די הענט!

אײן אַרבײטער
(אַנקומענדיג, — שטאָלץ און זיכער).

אײן קאָנסעקװענץ!
נישט דאָס, נישט יענס!
אַלץ, װאָס שטיקט,
דריקט,
לעבט פון רױב
און װערט פאַרגעטערט,
מוז װערען צושמעטערט
אויף שטױב, אויף שטױב! —

אַ צװײטער.
עס געהט דער נײער מענש, דער העלד —
אויף גאָט און װעלט,
אויף תּפיסות און קײטען!

בלינדע.
איך הער איהם פון װײטען!

געהאַנגענער.
איך זעה'ם די אָרעמס צושפּרײטען!

לאַמער.
אָט טרײבט ער אין פולען גאַלאָפּ!

געקעפּטער.
אמת, נאָט אײך מײן קאָפּ!
(כאַפּט איהם אָראָפּ, — פאַרבלאָנדזשעט. געלעכטער.)

דיכטער
(פּלוצלונג באַגײסטערט).

עס געהט דער נײער מענש, ער קומט,
נישט געלעסטערט, נישט געברומט,
שטאָל — אין בלוט, אין ד'אויגען — בליצען,
ער װעט קומען און באַשיצען,
די אַלטע מױער, די הײליגע װענט,
פאַר אײערע הענט, פאַר פרעמדע הענט!

(טאָן ענדערונג: ביבליש־פּראָפּעטיש.)

הנה ימים באים...
עס קומען טעג, גרויסע טעג...

ב ד ח ן
(רופט צו דער חברה).

עי! גבורים, חשמונאים!

(אין א בלאָנע־בלוי־טויטליכען שיין איינגעהילט, קומען קדושים פון דער תורבה אַרויס. זיי נעמען דעם וועג צו דער שול. געהען לאַנגזאַם און אונטערטעניג.)

(דער מאַרק בלייבט פאַרשטיינערט. פאַר עקעל און שרעק קערען זיך די שטיינ־בילדער אום צו די וואַנט. פאַר עקעל, שרעק און צאָרן הויבט זיך אָן וויגען דער קלויסטער־גלאָק.)

צ ו ש ר א ק ע נ ע מ א ר ק ־ ש ט י מ ע ן.
— דורכגעשניטען מיט א זעג!
— אָפּגעריסענע ריפּען!
— נעגעל אין אויג, אין נאָז!
— געלעכערט, ווי די זיפּען!

ב ד ח ן.
אבער נאך וואס? צו וואס?

ש ט י מ ע ן א י ן מ א ר ק.
— צייכענען מיט בלוט דעם וועג...
— פיהלען זיך פויל...
— פאַרשטיינערטע גרויל...

(מאַנכע — עמפּערט; אַנדערע — מיט באַוואונדערונג.)

— און קיין קריץ מיט די ציין!
— עס עפענט קיין מויל!
—וואס—דאס—האט— איבער—געליטען!

ב ד ח ן.
אבער וואס באשטריטען?

חצות

(פון שול אַרויס).

זעה, גאָט, ווי אונז איז דערגאַנגען,
זייט דו האָסט דיין פּנים אָפּגעווענדט, —
אונזערע זיהן געפאַנגען,
אונזערע טעכטער — געשענדט,
גרייזען — צו שאַנד און שפּאָט,
ווען וועסט דו, גרויסער גאָט,

בדחן.

ר'איז באַנקראָט!

(חצות — איבערגעריסען; א דויערהאַפטע, שרעקליכע שטילקייט.)

א שטימע פון שול.

און גאָט
ענטפערט איוב'ן פון שטורם:
וואָרעם,
וואס האָט זיך אונטערגעגאַרטעלט די לענדען, —
זיך צו מיר צו ווענדען,
מיך צו פרעגען,
אויף מיינע פאַרבאָרגענע וועגען, —
וואס וויל מיינע צייכען לעזען...
וואו ביסט דו, וואָרעם, געוועזען,
ווען איך האָב באַפעסטיגט די ערד,
האָב איהר מאָס און וואָג באַשערט...
און באַגרענעצט ארום דעם ים...

קלויסטער־גלאָק

(פלוצלונג אַריינפאַלענדיג).

בים—באָם! בים—באָם! בים—באָם!

פאָרהאַנג.

דריטער אקט.

דער גלאָק קלינגט נאָך אלץ. אין מאַרק א מהומה. מען קוקט זיך אום אין אלע זייטען נאָך הילף. דער צווייטער שטאָק איז פאַרלאָשען; דער דיכטער—פאַרשוואונדען. דאָס געבעל—געדיכטער. בדחן זיצט צו־פוסענס דעם געץ, פאַרשטעלט זיך דעם טיף־געבויגענעם קאָפּ מיט די הענט, ווי איינער, וואָס שיצט זיך פאר קלעפּ פון דער הויך. נתן שכור, פון גלאָק געוועקט, לויפט ארום אין ווילדער שרעק איבער'ן מאַרק. קאָן נישט זיין הויז דערקענען. קלינגט דאָ און דאָרט, קלאפּט, און לויפט, אז מען עפענט איהם נישט, ווייטער. עמיצער קומט פלוצלונג אַרויס פאַר'ן טויער. געל, געריבּצעלט, נאַכט־מיידלעריש־קרענקליך־בליצענדיגע אויגען. ציטעריגע קני. ביי זיין באַווייזען זיך, פאַרשטומט פלוצלונג דער גלאָק. אלגעמיין שטוינען. בדחן שטעלט זיך אויף. נתן שכור בלייבט שטעהן אינמיטען קלינגען ביי אַ טויער.

עמיצער

(מיט א געפּלאַצטער אויבער־שטימע).

הערט אויף שרעקיג צו ברומען!
איך בין געקומען
צום ליכטיגען קוואלען!
בין צוגעפאלען
און האסטיג געטרונקען
די וואונדער־זאפט —
די לעבענס־קראפט,

די, וואס צושטערט און שאפט, —
די גאלדענע פונקען — —
איך האב ק ר א פ ט געטרונקען;
נאכט און נעבעל פליהען פאר מיין בליק!
פארזונקענע זונען רוף איך צוריק!
פארלאשענע פריהלינגען פלאקערען!
פעלזען אויף בייטען וועל איך צואקערען,
מיט רויזען־גליק
פאר'שכור'ן בארג און טאל!
מיין בלוט — פליסיג־קאכעדיג, שטאל.
(אנוווייזענדיג אויף די גלידער.)
פיס — זייגלען! וועגווייזער — ארעם!
(זיך שטייף אויסגלייכענדיג.)
און א זעלע — צונטער!
העי, מזרח, מערב, צפון, דרום,
וואונדער, —
וואונדער וויל איך מאכען!
(צום טיפערען הינטערגרונט אין נעבעל אריין.)
זאל'ן די טויטע ערוואכען!
זאל'ן זיך עפענען ק ב ר י ם!
א ו י פ ע ר ש ט ע ה ן! א ו י פ ע ר ש ט ע ה ן!

ש ט י י נ ב י ל ד ע ר
(איראָניש).
— וועל'מיר זעהן! וועל'מיר זעהן!

ב ד ח ן
(פעסט געביטענד.)
זאל געשעהען, זאל געשעהען!

(שפרינגט אויף, כאפט דאס וועכטער־פייפערל צום מויל; בלאזט. עס קומען ארויס קולות פון א שופר. דאס נעבעל ווערט אין מארק גע־דיכטער, די וואנט־בילדער פארשווינדען. פון נעבעל אין הינטערגרונט וויקעלט זיך ארויס א בית־עלמין. די מצבות — אפגערוקט; מתים קרי־כען פון געעפענטע קברים ארויס. ביי ערשט־ארויסגעקומענע ציטערען

די ברעמען, ווי פון פינסטערניש אין ליכט אַריין; אַנדערע גליטשען זיך שוין די פאַרשטאַרטע אַקסעל אויס; נאָך אַנדערע קוקען שוין אין מאַרק אַריין, פאַרוואונדערט, צושראָקען, מאַנכע — פאַרבענקט. — אויף אַ בערגעל, אין מיט בית־עלמין, שטעהט א גרייז, קוקט זיך, מיט פאַרלעג־טער פלאַכער האַנט איבער די אויגען, אומרוהיג אום אין אַלע זייטען, זוכענדיג א צייכען אויף הימעל און ערד. פאַר דעם צוים וואַקלען זיך, נישט האָבענדיג, צום אָנשפאַרען, קיין מצבות, דער מ ס ר, מיט דער אַרויסגעריסענער צונג אין דער האַנט; דער ק צ ב, מיט לונג־און־לע־בער אויפ'ן האַלז, און די ז י נ ד י ג ע אין סמאָלע מיט פעדערען.)

ק צ ב

(אָנכאַפּענדיג דעם מסר, מיט שרעק).

משיח וועקט?

(שאָקעלט מיט'ן מסר, וואָס גלאָצט אומבאַהאָלפען די אויגען אויס.)

זאָג!

ג ר י י ז.

משיח וועט וועקען בייטאָג!
צינד איז נאַכט, שטאָק נאַכט!
עמיץ האָט א שוואַרצע קונץ געמאַכט!
עס הערט זיך קיין צייכען פון ווייטען,
קיינער קומט נישט צו רייטען — —

ד ע ר ז י י ג ע ר

(פון דער לינקער זייט מאַרק, פון א הינטערגאַס צווישען קלויסטער און פאַבריק, הויבט אָן צו שלאָגען צוועלף. — ער שלאָגט זעהר לאַנגזאַם, שווער און שרעקיג. מתים, אויסער די, וואָס זענען אויפ'ן גרייז פאַר־קוקט, ריהרען זיך צום מאַרק.)

ג ר י י ז

(רופט זיי נאָך).

נישט פון אָרט!
נישט גאָט'ס וואָרט!
נישט זיין צייכען!

(אַז נאָר ווענינע שטעלען זיך אָפּ.)

עס וועט אייך דערגרייכען

זיין שווערע האַנט!
איהר לױפט בלינד!
איהר זייהט ווינט!
שניידען וועט איהר שאַנד!

(דער גרייז, און אנדערע נאָך איהם, לאָזען זיך צוריק אין די קברים אַראָפּ. דאָס מעהרסט לאָזט זיך דאָך, נאָך א שווערען שטרייט מיט זיך, צום מאַרק. זיי געהען דאָך לאנגזאם, אונטערטעניג־פרום; מורמלענדיג: די ווייבער — תחנות; די מענער — שטיקער פון סדור אַרוים. דאָס געמורמעל ווערט דאָך שטילער, די באַוועגונגען פאַר דאָס — עטוואָס ראַשער, וואָס נעהנטער מען קומט צום מאַרק. לעבענס־עראינערונגען וועקען זיך.—מ ס ר, ק צ ב און הינטער זיי, ד י ז י נ ד י ג ע שליסען דעם צוג. די מאַרק־שאָטען טרעטען אָפּ. ע מ י צ ע ר אַנטלויפט, פאַר זיין איגען וואונדער ענטזעצט.)

ב ד ח ן

(צום געץ).

פלינק! פלינק!
פאַרשפרייט פון עק צו עק
דיין צויבער־רינג,
ווי א פלעק
פון שווינדזוכט אויף דער שאַנד!
צוגים די גיריגע בראַנד
פון מויער צו מויער, פון וואַנט צו וואַנט!
ע, מתים, לעבט!

ו ו א נ ד ע ר ע ר

(פון שרעקיגען שלאָף אַרוים).

עס שפּינט און עס וועבט!
(מתים ווערען אומרוהיגער. אײלען צו דער שול נאָך הילף. די אָבער, וואָס טרעטען אין גיריג־רויטליכען ראָד אַריין, פאַרלירען דעם וועג און בלייבען צוטומעלט אין מאַרק. אַ געמישט ווילד געדויש, געקלאַ־פּעריי פון ביינער. נעהנטערע צום פאָדערגרונט ווערען געהערט.)

א ז א ל ט ע ר

(האַלב־נאַקעטער מת מיט איין פוס אין ראָד, שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכ־
טענדיג זיך אַליין).

א זכר, צי א נקבה?

דעם נאָמען פאַרגעסען!

א צ ו ו י י ט ע ר

(פאַרבייגעהענדיג אויסער'ן ראָד).

קוק אויף דער מצבה!

ד ע ר ע ר ש ט ע ר.

צופרעסען!

(באמערקט וואו דער פוס שטעקט. דערשרעקט זיך. רייסט זיך אָפּ. אוי־
בערלאָזענדיג אין ראָד דעם פוס. הינקט האַסטיג אָפּ צו דער שול.)

ד ר י ט ע ר

(מיט די פינגער פון די פיס אין ראָד, פאַרקוקט צום מאַגיסטראַט).

איינס וויל איך דאך וויסען!

דער וואַיעוואָדע — פאַרוואָס האָט ער מיך געשמיסען?

אומשולדיג, — קאָן איך שווערען!

פ י ע ר ט ע ר

(שלעפּט איהם קוים אַוועק).

פון וואס א בר־מנן האָט צו קלערען!

געוועזן א שלעכטער:

געשמיסען מיך, מיין ווייב, מיינע טעכטער — —

אַנגעלאָפען ביילען; ברוינע, בלויע, רויטע — —

פ י נ פ ט ע ר

(אין ראָד; פאַרצווייפעלט).

אָבער ווי לאַנג לעבען טויטע? ווי לאַנג לעבען טויטע?

ז ע ק ס ט ע ר

(צום זיבענטען).

אויב איך געדענק?

אַט דאָ איז געוועזן מיין שענק...

איין אויג אין קאָפּ — א טאָכטער געהאַט.

איינמאָל, כ'בין געלעגען קראַנק,

ארויסגענאַרט, אַפּגע'שמד...

ז י ב ע נ ט ע ר.

ווער?

ז ע ק ס ט ע ר.

דער גלח...

ז י ב ע נ ט ע ר.

לאַנג?

ב ד ח ן.

ת"ר, יום בית בשלח.

אַ כ ט ע ר.

מען זאָל נישט קאָנען טון קיין מצוה!
כאָטש טיילען קצבה,
שופר־בלאָזען הערען...
ס'נעמט אָן אַ געוויין...

ב ד ח ן.

האָסט טרערען?

(אַכטער פאַרבליפּט אָפּ.)

נ י י נ ט ע ר.

(אַ יונגערמאַן).

אויס נדן, הלבשה, קעסט,
אַ מת לערענט לשמה...

ב ד ח ן.

און פאַרגעסט.

נ י י נ ט ע ר

(מיט שרעק).

אַ!

צ ע ה נ ט ע ר

(מיט'ן טלית אויף די אַקסעל, צום עלפטען).

תשעה באָב אונטער די טליתים.

(אַ מויל־באַוועגונג, גליוך ער עסט.)

עלפטער.
געוועזן גוטע קונדיימים...
איך האָב געהאַט א קיכעלע...

צעהנטער.
איך — א וויקעלע...

בײדע
(איכה־נגון).
מיר א שטיקעלע, דיר א שטיקעלע...

צעהנטער.
כי—כי—כי...
(ציינט אויף אַ וויבעל, וואָס געהט פרום צו דער שוהל.)
זי, זי,
די שמש׳טע...

עלעפטער.
געוועזן בלאַט!

צעהנטער.
אויגאַנעם געהאַט...
שטעלט זיך אין פּאַליש, אין ווינקעל.
ד׳אויגאַנעם — אַ בליץ, אַ פינקעל...

עלפטער.
איך גיב איהר א קניפּעלע...

צעהנטער.
איך — א צוויקעלע...

בדחן
(טראַוועסטירט דעם איכה־נגון).
מיר א שטיקעלע, דיר א שטיקעלע...

קצב
(אויסרופענדיג).
לונג, לעבער, לעבער, לונג!
(אויפשטעלענדיג דעם מסר׳ס האַנט.)

פריש־צאַפּלעדיגע צונג!

א ו ו י י ב ע ל
(בעטעלט).
א ווינטעלע, פאר א קינד א ווינטעלע...
ס׳איז דאָך נאַקעט, ס׳איז דאָך בלויס,
און נישט אויסגעדריקט פון שוים...

א ר ב י י ט ע ר.
א בעל־בתיש שווינדעלע...
קומט און הערט, ס׳איז מלא חן...
(אַרבייטער געהען נאָך; פרומער — צו דער שול.)

ב ד ח ן
(צום לעצטען).
געהסט נישט מיט?

פ ר ו מ ע ר.
ניין!
(זיך דערמאָנענדיג.)
געלעגט אויף דער פּאָליצע די ציין...
זעלטען געוועזען זאַט...
(נחת.)
פאר דאָס — א לויה געהאַט:
תשעה קבין! דער גבאי אליין!
(שטאָלץ.)
מיט זילבערנע נעבעלעך די נעגעל גערייניגט!
מיט אַן איי נאָך אויסגעשמירט...
האָט מען זיך אביסעל ביים לעבען געפייניגט.
אָבער — נישט פאַרפיהרט!

(עס לויפען אַן קינדער.)

מ י י ד ל ע ך
(רעכטס).
— פּי—פּי—פּי...
ד׳מאַמע ז׳ניש הי...

א נ ד ע ר ע

(לינקס).

איידער די נאַכט וועט בלייבען,
לאָמיר זיך שפּילען אין טשייבען...
(זוכען און געפינען.)
— אַ שטיינדעלע.
— נאָך אַ שטיינדעלע...

נ אָ ך א נ ד ע ר ע

(אַנלויפענדיג פון הינטערגרונט).
קומט אהער, אַלע, אַלע,
לאָמיר שפּילען „חתן־כלה"...
— ווער די כלה?
— שיינדעלע!
— און דער חתן?
— נתן, נתן!
— אוי, דער שעהנער, שעהנער נתן...

א ז ע ל ט ע ר מ י י ד ע ל.

זע'מירביידע שפּאַצירען געגאַנגען
צווישען ווייץ און צווישען קאָרן;
ד'וועגען, וואו מ'זע'מיר שפּאַצירען געגאַנגען,
זענען פאַרוואַקסען געוואָרען...

נ י י ע ר א ו י פ ל ו י ף פ ו ן ק י נ ד ע ר.

ציגעלע־מיגעלע, רייב די קלאַצקעס,
רויטע פּאַמעראַנצען;
אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמען,
געה'ן די קינדערלעך טאַנצען — —

ב ד ח ן

(איבער'ן ברונען).
העי, טראַמפּייטער, פידעל, באַס,
פויקען, טאַצען — קליין און גרויס!
איז אַ באַל אינמיטען גאַס,
אַקום—פּאַקום! שפּרינגט אַרויס!

קינדער־ווילעז זאָל געשעהן!

(עס געשיהט: קלעזמער שפּרינגען פון ברונען אַרוים.)

ק י נ ד ע ר

(פריוד).

— קלעזמער געהען, קלעזמער געהען...

— וואו, וואו?

— דאַרטען, דאַרטען!

(געלויף צו די קלעזמער.)

ב ע ל ־ ב ת ׳ י ש ו ו י י ב ע ל.

פיינע כלים, אַלע סאָרטען!

(בעט זיך ביי די קלעזמער.)

שפּילט אַ טאַנץ, אַ ברוגז־טאַנץ, —

טאַנצ׳יך, שווימ׳יך, ווי אַ גאַנז...

א ז „אָ ר ע מ ע, אַ ל ט ע מ ו ה מ ע“

(האַלב זינגענדיג).

שפּילט קלעזמאַ—אַ—אַרים,

שפּילט אַ דומע...

באַ—אַטש אַז אָרעמקע—ע,

פאַרט אַ מוהמע...

נ י י ־ אַ נ ג ע ל אַ פ ע נ ע ק י נ ד ע ר

עלע־פעלע, פעלע־מעלע...

ק ל ע ז מ ע ר.

זע׳מיר אַלע שכור — בעלע...

ו ו י י ב ל ע ך

(קלאַטשענדיג).

שבת, שבת! באַמציק־צאַק!

ק ל ע ז מ ע ר.

ווער וועט פיהרען די קאַפּעלע,

עס זאָל געהען מיט׳ן קנאַק?

ג ע פ ר ו י ר ע נ ע.

כ׳האָב שוין קיין אויערען נישט, קיין נאָז...
וואָס שפּילט איהר נישט, וואָס?
מיר איז אַזוי קאַלט, אַזוי קאַלט;
ר׳איז געווען אַזוי אַלט, אַזוי אַלט...

(זיך דערמאָנענדיג, מיט עקעל.)

ס׳ציטערט דער קאָפּ, ס׳ציטערט די האַנט...
און רעדט ער — שיט זיך א זאַמד.
געהט ער — הערט מען, ביינער קלאַפּען...
און קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּען,
און עס יאָגט פון איהם דער פראָסט...
און ד׳אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט, —
ר׳האָט מיר די נשמה פאַרקיהלט.

(האַסטיג.)

שפּילט, קלעזמער, שפּילט!
לאָמען טאַנצען, לאָמען טאַנצען!
לאָמען זיך דרעהען, דרעהען,
זאָלען די „סויוויס״ וועהען, וועהען,
זאָלען די אויגען גלאַנצען, —
כ׳ווער געפרוירען, כ׳ווער געפרוירען...

ק ל ע ז מ ע ר.

זאָל אונז עמיץ דיריגירען!

נ ת ן   ש כ ו ר.

איך וועל פיהרען, איך וועל פיהרען!
איך בין סיי־ווי־סיי פאַרלוירען!

(שפּרינגט אין דער מיט אַריין, רייסט אויס ביים געץ דעם חאָרן, דיריגירט.)

ט ע נ צ ע ר י ן.

וואַרפט אַראָפּ די קאַפּקעס,
לאָזט אַרוים די האָר!
מאַלע, וואָס מען טאָר נישט...

שטימען.

ער, מע'טאר, מע'טאר!

לײדענשאַפטליכע שטימען

(צוקומענדיג).

טאַ—אַנצען, טאַ—אַנצען, טאַ—אַנצען...

געפרױרענע

(אָפּגעהענדיג).

קאַ—אַלט, קאַ—אַלט, קאַ—אַלט...

לײדענשאַפטליכע שטימען

(נעהנטער געקומען).

טאַ—אַנצען, טאַ—אַנצען, טאַ—אַנצען...

געפרױרענע

(אָפּגעהענדיג).

קאַ—אַלט, קאַ—אַלט, קאַ—אַלט...

זי נומער 1.

א חרפּה פאַר לײט,

תכריכים — װײ זעק...

ער נומער 2

(זוכענדיג באַקאַנטשאַפט).

אבי גאַנץ, אבי אהן א פלעק...

זי נומער 1

(װײל שמײכלען, באמערקט, „ער" נומער 1 טאַנצט מיט „זי" נומער 2.—
איבערראַשט).

שױן געטרײסט!

(קערט זיך אום צו „ער" נומער 2. — אױגען־שפּיל.)

ער נומער 1

הײנט איז אונזער חתונה;

קלעזמער שפּילען שױן,

און די שעהנע געסט אַרום, —

לאָמיר טאַנצען, קרױן!

ז י נ ו מ ע ר .2

מיט די חופה־שטענגלער
קומט דער שמש באַלד...

ע ר נ ו מ ע ר .2

און דער רב וועט ציטערן,
ווייל דער רב איז אַלט!
(טאָן־ענדערונג.)
האַרץ אַן האַרץ, אויג אַן אויג,
דריק דיך צו איינגאַנצען!

ב י י ד ע.

האַרץ אַן האַרץ, אויג אַן אויג, —
אוי, איז גוט צו טאַנצען!

(עס קומט אָן די שוואַרצע חופה, געטראָגען פון שמשים, מיט נאָר וואָס אויסגעלאָשענע, נאָך רויכענדיגע הבדלות אין די הענט. אונטער דער חופה — א דרייצעהן־פיערצעהן יעהריגע מיידעל; די קלעזמער הערען פלוצלונג אויף צו שפּילען. דאָס טאַנצענדיגע ראָד שטעלט זיך אָפּ פאַר־בליפט. אַן אלגעמיין געמורמעל פון מיטלייד. די כלה שטעלט זיך אָפּ. די שמשים באמערקען עס נישט, פיהרען די חופה ווייטער.)

ד י כ ל ה
(זעהר קינדיש).
נישט באַדויערט מיך,
נישט באַטרויערט מיך, —
(אַ טרויעריג חנ'דעל.)
איך האָב'ם נישט געוואָלט!
(עקעל.)
געפּאַרכטען, ווי פאַר שפּינען!
(פאַר'חלום'ט צושמייכעלט, אויסזאָגענדיג א סוד.)
א אינגעלע געהאַט אין זינען,
א אינגעלע — א גאָלד!
(באַוועגט.)

האָט מיך פון דער נויט
באַפרייט דער גוטער, גוטער טויט!

(פאַרטראַכט אַריינטרעטענדיג אין ראָד, זיך אַרום אומקוקענדיג.)

אבער, וואו איז מיין אינגעלע,
מיין אינגעלע — מיין גאָלד?
(זיך בעטענדיג.)
גוטע מענשען, טרעפט איהר איהם,
זאָגט איהם: כ'האָב'ם האָלד:
(טאָן־ענדערונג.)
און דערקענען וועט איהר איהם!
(מיט אַ זיסען שמייכעל, באַשרייבענדיג.)
א קול'עבעל — א גלעקעלע,
צו קושען יעדעם לעקעלע,
צו קושען יעדעם ביינדעלע.
די אויגעלעך — ווי לעמעלעך —
ציטעריגע פלעמעלעך —
יעדער בליק — א חנ'דעלע.
(טאָן־ענדערונג.)
גוטע מענשען, טרעפט איהר איהם,
גוטע מענשען, זעהט איהר איהם,
זאָגט איהם, זאָגט, אז שיינדעלע — —

נתן שכור

(האָט זי פּלוצלונג דערקענט, פאַלענדיג איהר אויפ'ן האַלז).
איך וויים, מיידעלע קליינס, איך יויים...

די כלה

(צערטליכקייט, פרייד, שטוינען, שרעק).
אוי, דו ביסט אזוי אלט,
און — אזוי היים!

ער

(זעהר האַרציגע אומרוהיגע מיטלייד).
און דו — אזוי קאַלט,
אזוי קאַלט, ווי אייז...

ז י.

און דיך באַגיסט א שוויים — —

ע ר.

דיין אָטעם איז פראָסט!

(פלוצלונג ענטזעצט, דערזעהענדיג עפּעס אויף איהר פּנים.)

און אויפ׳ן בעקעל וואָס דו האָסט?

ז י

(שמאָלענדיג).

האָסט פאַרגעסען?

(טרויעריג.)

א ווערעמעל... איינגעפרעסען,

(צוריק אומרוהיג.)

און דו ביסט אזוי רויט...

ע ר

(זיך באַקלאָגענדיג).

איך טרינק; בענקשאַפט, נויט...

ז י

(אומרוהיגער).

און ווערסט אזוי שוואַרץ!

נ ת ן ש כ ו ר

(האַסטיג).

אבער דריק מיך, דריק מיך צו צום האַרץ.

ז י

(אַפּרוקענדיג זיין קאָפּ).

אבער ווי דיין אָטעם ברענט!

א ש ט י מ ע פ ו ן ש ו ל

(ימים־נוראים־נגון).

יעמוד החתן

נתן

בן מרדכי מפטיר...
(ער גליטשט זיך אויס פון דער כלה׳ס אָרעם.)

ד י כ ל ה
(נישט קאָנענדיג איהם דערהאלטען).

וועה מיר, וועה מיר!
ער גליטשט זיך מיר ארויס פון די הענט!

ש ר ע ק י ג ע ש ט י מ ע ן א ר ו ם.

וואס איז ד א ס ? וואס איז דאס?

א ז ע ל ט ע ר ע מ ע נ ע ר - ש ט י מ ע
(איראָניע).

איהר האט עס נישט דערקענט?

מ ע נ ע ר - ש ט י מ ע ן.

— ציפט די אויערען, די נאָז!
— דערלאַנגט עפעס וואס!

פ ר ו י ע ן - ש ט י מ ע ן.

— א פעדער צו דער נאָז!
— א מילטער!

ד י מ ע נ ע ר - ש ט י מ ע.

וואס שרייט איהר, וואס ווילט איהר?
(נתן שכור ווערט געדיכטער ארומגערינגעלט.)
— טויט אונטער די אויערען!

ש ט י מ ע ן פ ו ן ר אַ ד.

— קאלט!
— געפרוירען!
א ווארע מאכט!
(מתים מאכען א וואַרע דער נישט געזעהענער נשמה.)

ד י נ ש מ ה
(נאָר פון די מתים געזעהן).

„אלף" איז אַן אָדלער,
וואס ער טוט נאָר שוועבען;

א שאַטען פון א פליגעל
איז דאָס גאַנצע לעבען...
בית איז א הויז,
וואו מען איז געזעסען;
אז מען רופט צום משפט — —

מתים־געלעכטער.
האַ—האַ—האַ! האַ—האַ—האַ!

(אַ ווילד־תילצערען, ביינער־קלאַפּענדיג געלעכטער צוקאָלערט זיך איבער'ן גאַנצען מאַרק. בדחן גרינזט.)

פיערטער אקט.

דאָס געלעכטער אין מאַרק לעשט זיך. צום הינטערגרונט געהט אָפּ א לויה. פּושקעס קלינגען. שמשים רופען אויס: צדקה תציל ממות. די כלה געהט נאָך דער לויה, וואָס אמאָל לאנגזאמער, פאַרגעסענער, ביז זי פאַרהאלט זיך אין ווינקעל פון געסעל, בלייבט שטעהן, נישט וויסענדיג, וואָס מיט זיך צו טון.

מתים פון שול הויבען אָן לאַנגזאם אַרויסצוקומען פאר׳ן געסעל. נאָך אין שול געבליבענע שטעקען אַרויס די קעפּ פון שול־פענסטער. אַזוי די, אַזוי יענע קוקען אין מאַרק אַריין מיט צאָרן, מאנכע מיט שרעק. נאָך אנדערע — קוקען אין הימעל אריין, פון וואנען עס דאַרף קומען די שטראָף פאַר די זינדיגע מתים אין מאַרק, אנדערע וואַרטען זעהר אונטערטעניג אָפּ א ציכען פון הימעל צוריק צו געהן. זיי זוכען דעם מאָרגענשטערן, אָדער הערען זיך איין אין דער לופט, צי קרעהט נישט דער האָן.

ח ז ן

(אַנקומענדיג. צווישען אנדערע פון שול־געסעל, מיט א נעילה־נגון).

יתגדל ויתקדש שמיה רבא—אָ—אָ!

ו ו י י ב ע ר

(זעצען איבער).

נעגרויסט און געהייליגט זאָל זיין דיין נאָמע—ע—ען!

ז י נ ד י ג ע

(וואָס איז אמשפּעטסטען געקומען און געהאַלטען זיך אין שאָטען פון א טויער, שפּרינגט אַרויס, צולויפענדיג צום חזן).

ער איז געקומען;
ער איז דאַ...

ו ו י י ב ע ר און ק י נ ד ע ר

(באַגעגענען זיך מיט א געפּייפעריי).

פּיו—ו—ו—ו—ו...

ז י נ ד י ג ע

(צום חזן צופאַלענדיג, הויס, אָהן אָטעם).

די נאכט — שוואַרץ,
עס פלאַטערט דאָס האַרץ.
איך עפען די טיר,
ס'האָט קיינער געהערט, —
נעם מיך צו דיר,
עס שלאָפט דער מאַן,
עס שלאָפט דאָס קינד.
נעם געשווינד,
כאַפּ און שפּאַן.

(זיך אומקוקענדיג.)

וואו איז די בויד? וואו איז דאָס פערד?

ח ז ן

(גרויזיג־שאַרף).

אונ—טער דער ערד!

(האַרציג און וועהמוטיג.)

לעש דיך, קינד!
פאַרגעס.

(מיט א בליק צום הימעל.)

זאָל ער אויך פאַרגעסען!

בוגרת

(האסטיג, פאַלענדיג אין די רויד אַריין).

ניין, גאַרנישט פארגעסען!

(ביטער.)

אין חושך געזעסען,
א לעבען פארנאַרט!
אויף גליק, עהרליך גליק געוואַרט...

(הענט־פאַרברעכענדיג.)

עס טוט מיר באַנג,
עס טוט מיר באַנג!

(זיך טיף באקלאָגענדיג.)

אין זאַנג און קלאַנג,
פראַנק און פריי,
איז פאר מיר פארביי
דאָס לעבען אין פרעהליכען שטורעם, —
און איך, דער וואָרעם,
בין געבליבען אין שטויב,
פאַרבענבלינד, קלאַנגענטויב...
גרויע נעבעל... טאָג און נאַכט...
נישט געשטיפט, נישט געשמייכעלט, נישט געלאַכט,
נישט געשפילט, — —
קיין ווארעמע האַנט ביים האַלז נישט געפיהלט...
טיף נישט אריינגעקוקט קיינעם אין די אויגען!
קיינעם קיין וואָרט, קיין גוטס, נישט געזאָגט, — —
דאָס האַרץ האָט געצויגען,
דאָס האַרץ האָט גענאַגט, —
„ניין" און „ניין"!
כ'ריים די נעגעל, קריץ מיט די ציין...
„עהרליך גליק!" „עהרליך גליק!"
פלוצלונג — היק!

(אויסשרייענדיג.)

ווער וועט מיר דאָס פארגעלטען?
איך וועל שרייען, איך וועל שעלטען!
גיט מיר א שטיין!

ש ט י מ ע ן
(ווילען זי פאַרחילכען).
שפּילט, שפּילט, שפּילט!
שוועבט, שוועבט, שוועבט!

ב ד ח ן.
לעבט,
וואָס איהר האָט נישט דערלעבט!
פיהלט,
וואָס איהר האָט נישט דערפיהלט!

(דער גענץ צופלאַקערט זיך; קלעזמער געהען זיך ראַש צוזאַמען. אומ־רוהיגע שפּיל און טאַנץ.)

ש ט י מ ע ן
(היציג).
— טאַנצען, טאַנצען!
— פלאַמט כאַטש א י י ן מאָל אויף אינגאַנצען!
זאָלען די אויגען שפּריצען
פונקען, ווי בליצען,
טויזענטער גלאַנצען...
זאָלען צאַפּלען די הערצער — צום פּלאַצען — —
זאָלען די שלייפען קלאַפּען, ווי טאַצען!
(ווי־זאַ־ווי־שפּיל.)

א ב ת ו ל ה.
בחור, בחור, טאַנץ מיר אַקעגען!
לאָ'מיר דערלעבען, וואָס מ'האָט נישט דערלעבט!

ב ח ו ר.
מיידעל, מיידעל, טאַנצסט נישט אַקעגען,
שטעהסט אויפ'ן אָרט, ווי צוגעקלעפּט!

א צ ווייטע ב ת ו ל ה.
בחור, בחור, לעבעדיג פרעהליך!
איך בין דאך — מלכה,
זיי דו מיין מלך!

צווייטער בחור.

מיידעל, מיידעל, אי, דו זאָלסט וויסען;
מיך האט היינט ד ו מ ה — דריי מאָל געשמיסען!

א יונג.

מיידעל, מיידעל, הויב אויף דאס...

מ ת י ם

(עמפּערטער פּראָטעסט).

פוי, ס'אי נישט איידעל!
דאס איז נישט איידעל!

ע ר.

— דאס הארץ האט אומזיסט געבענקט און גענאגט!

ז י.

— אפגעזאגט, אלץ אפגעזאגט!

ע ר.

— אנטלאָפען פון גוטען, געמידען דעם וועג...

ז י.

— פארוואגעלטע נעכט, פאר'חושכ'טע טעג!

ע ר.

— זונען אזויפיעל און שטערען פארלאָשען!

ז י.

ווי ליכטלעך מי'גראָשען, ווי ליכטלעך מי'גראָשען!

טענצער־שטימען.

— טאַנצען, טאַנצען! לאָמיר פארגעסען
די פינסטערע קברים, די ווערים, וואָס פרעסען,
און די זכרונות, וואס נאַגען און פלאָגען,
ס'וועט דאך באלד טאָגען, ס'וועט דאך באלד טאָגען!
— מאכט רעדער, מאכט רינגען,
לא'מען טאנצען, שפּילען, זינגען — — —

(ס'ווערט עטוואָס ראשער געשפּילט און געטאַנצט. מאנכע מתים זינגען צו.)

ש ט י י נ ־ ב י ל ד ע ר

(באַוועגען זיך מיט שטייגענדער ליידענשאַפט).

— שעהנע ווייבלעך, שעהנע מיידלעך,
— ווייסע שערצען, ווייסע קליידלעך,
פיסלעך — צאַפּלען, אויגלעך — גלאַנצען,
בריסטען וויגען אויף און אַפּ — —

ב ד ח ן.

ווילט זיך טאַנצען? גליסט זיך טאַנצען?
קומט אַראַפּ, קומט שנעל אַראַפּ!
(דער געץ צוהיצט זיך שטאַרקער.)
ס׳לעבען שיקט אייך נייע פלאַמען!
לעזט אייך אוים מיט זיי צוזאַמען!
וואַרפט פון זיך אַראַפּ די שטיינער!

(אַז די שטיינבילדער וויגערען זיך, קוקענדיג מיט שרעק צום הימעל.)

ס׳הערט נישט קיינער, ס׳זעהט נישט קיינער!
אַלץ פאַרהילט די שוואַרצע כמאַרע!

(אַז די שטיינבילדער פאָלגען און רוקען זיך שווער פון דער וואַנט אַראָפּ, צו די מתים.)

פריצים געהען, מאַכט אַ וואַרע!
ד׳בעלי־בתים פון דער שטאָדט!
שנעל, שנעל, אַריין אין ראָד!
(עס געשיהט.)
טאַנצט! טאַנצט! טאַנצט!

ד ע ר מ אַ ר ג ע נ ש ט ע ר ן!

(רייסט דורך דעם וואָלקען. שמייכעלט.)

ש ט י מ ע ן.

— וועה, דער מאַרגענשטערן גלאַנצט!
— דער מאַרגענשטערן לאַכט!
— עס איז אוים נאַכט, אוים נאַכט!
— אזוי געשווינד, אזוי געשווינד...

— איך ווער טויב!
— איך ווער בלינד!
— גאט האט געפונען אונזער זינד!

ב ד ח ן.

טאנצט, טאנצט!
ווער האט אין אייך די שרעק פארפלאנצט?
וואס ציטערט איהר פאר מארגען־גרוי?
וואשט די קעפ אין מארגען־טוי...
באדט אייך אין פריה־מארגען־גלאנץ,
טאנצט אריין אין גרויסען טאג,
דעם גרויסען טאנץ!

א ש ט י מ ע
(וויינענדיג).

מ'מעג דען?

ב ד ח ן
(פעסט, מיט א שטאלערנעם בליק).

מען מעג!

ד י ז ע ל ב ע ש ט י מ ע.

על פי דין?

ב ד ח ן.

נישט אפגעשלאפט!
(דערקלערענדיג.)
דער דין דינט דער קראפט.
פרעגט נישט, ווער די זיגער זענען!
ווילט נאר, זיגט און טאנצט אין העלען.

א ו מ ר ו ה י ג ע ש ט י מ ע ן.

— וועל'מיר דען קענען?
— קע'מיר דען וועלען?

ב ד ח ן.

ווענינ נאך אין די קברים געליטען!
(היפנאטיזירענדיג.)
ר'ווילט דאך ליכט און לעבען!

(מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום הימעל.)
זאָל ער די גריבער פאַרשיטען,
נייע נשמות אייך געבען,
אַ'ניט, — זאָל ווערען געשטריטען!
זאָלט איהר איהם טריצען!
איהר האָט אין די אויגען נאָך בליצען,
איהר האָט נאָך שטאָל אין די אָרים!
געהט נישט צוריק אין די קברים!
זאָלט איהר זיין רופען נישט הערען!
בלייבט נאָר איבער דער ערד!

שטימען.

מיר בלייבען!

בדחן.

שווערט!

שטימען.

מיר שווערען! מיר שווערען!
מיר בלייבען דאָ אויף לעבען און טויט!
ביי דער זון פאַרנעמען מיר רויט,
פון אַלע בלומען זויגען מיר זאַפט,
פון די שטאַרקסטע בוימער — די קראַפט!
אָדלער פון פליגעל ווער'מיר באַרויבען — —

די ארויסגעקומענע פון דער שול.
איהר זייט נישט טויט?

בדחן.

אין וואָס מען גלויבט —
עקזיסטירט!
וואָס פאַרלייקענט, דאָס פאַרשווינדט!
ס'אי' פון אַצינד
קיין טויט נישט דאָ!

מארק־מתים.

נישט דאָ! נישט דאָ!

ה א ן

(וויקעלט זיך אַרוים פון נעבעל אויפ׳ן שוהל־דאַך).

קו־קע־רי־קו־ו־ו... קו־קע־רי־קו־ו־ו...

ש ט י מ ע ן

(פון מתים אין פאַרשידענע מאַרק־עקען.)

1.

ס׳איז ווער ערגעץ אַפּגעגאַנגען, —
און זיין ציטער־בילד געפאַנגען
האַלט א וואַסער־שפּיגעל, —
קומט די קאַן און שעפּט! —

2.

און דער ווײַן איז אויסגעגאַנגען, —
אין א ריץ פון ערדען־קריגעל
האָט א טראָפּען זיך באַהאַלטען,
ווערט ער אויסגעוועפּט...

3.

לאַנג פאַרהילעכטע געזאַנגען, —
פון געזאַנג
האָט זיך לענגער אויפגעהאַלטען
א יתום־קלאַנג,
טוי׳ט ער אויף און ברומט,
און פאַרשטומט...

4.

א זון איז אונטערגעגאַנגען,
פון אַפּגלאַנץ רויטעלט זיך לייכט
א נעבעל־זוים...
און — פאַרבלייכט.

ב ד ח ן

(עקעל און פאַראַכטונג).

איהר ציטערט פאַר א האָן,

פאַר א טרוקענעם שפּאַן. —
(דער האָן אַרבייט, באַליידיגט, צאָרניג, מיט די פליגעל.)

צוטומעלטע מתים־שטימע
— מיט די פליגעל שרעקט ער!
— ניין, ס'מאָרגען־ווינטעל וועקט ער!
— עס וועט אונז פאַריאַגען,
— עס הויבט שוין אָן טאָגען.
— עס הויבט אָן יאָגען,
— עס הויבט אָן טראָגען...

(ווינטלעך יאָגען אָן, מתים ווערען געהויבען אין דער לופט צום הינ־טערגרונט צו. געוויין, יאָמער, געבּרומעריי.)

בדחן.
נישט וויינען, נישט קלאָגען!
נישט טרויערען!

(קאָמאַנדירענדיג.)

שוואַכע, צו די מויערען!
לייכטע, צו די ווענט!
כאַפּט אייך אָן ביי די הענט...

(צו די אַרבייטער.)

און איהר, דאַך־באַשלעגער, בלעכער,
און אַלע, וואָס שטייגען הויך און העכער,
מיט מיר צו איהם אויפ'ן דאַך!
(לויפען מיט די פּויסטען צו דער שול. אַרבייטער ווילען נאָך.)

א שטימע
(רופט זיי צוריק).
קיין קלאָסען־קאַמף, נישט אונזער זאַך:...

(זיי בלייבען שטעהן. בדחן אליין אָפּ. מתים פון שול געהען געררנ־ווילויג און אונטערטעניג צום בית־הקברות.)

שול־מתים.

ע ר ש ט ע פ א ר ט י י
(אין גאנג; צום הימעל געווענדט).

— די נאכט הויבט אן בלייכען. —
אויף דיין צייכען
ווארטען דיינע קנעכט.
ד י נאכט, ווי אלע נעכט!

צ ו ו י י ט ע פ א ר ט י י.
זאל געשעהן דיין ווילען, —
וועט אונז די ערד פארדעקען,
וועל'מיר ווארטען אין שטילען,
ביז ד ו וועסט וועקען!

א ל ע צ ו ז א מ ע ן.
און אפמעקען
זאלסט דו אונזערע זינד,
ווי דו מעקסט געשווינד
א וואלקען אפ...
(טרעטען אין די קברים אריין.)

מ א ר ק - מ ת י ם
(פון ווינט צו די קברים געטראָגען).
(מענער־שטימען).

וועה צו אונזער קראפט, וועה צו אונזער דויער!
אונז שיצט קיין וואנט, אונז שיצט קיין מויער...
א הויב, א וואָרף; א וואָרף, א הויב...
עס יאגט אונז,
עס טראגט אונז,
ווי פלעווים, ווי שטויב...

(ווייבער־שטימען.)

און מיט בלויזע קעפ,
מיט נאכגעלאזטע צעפ
אין די קברים אריין...
(צוזאמען.)

— זע'מיר זיך שולדיג אליין,
— שאַטען נאַכגעיאַגט...
— נאָר א זייפען־בלאָז געלאָפען...
— האָט אונז זיין האַנט געטראָפען...
— נאָר פאַר לעבענדיגע טאָגט!

(אַלע אָפּ אין די קברים: דאָס בית־עלמין פאַרשווינדט אין הינטער־גרונט צוזאַמען מיט'ן נעבעל; עס בליהט אויף א רויטליכער מזרח־שטריף.)

בדחן

(קומט צוריק אַרויס פון שול־געסעל. דערשלאָגען. דעם קאָפּ אַראָפּ־געהאַנגען).

נאַריש, נאַריש, אַלץ איז אייטעל...
א רינגעל נאָך א רינגעל ציהט זיך א קייטעל.
און עס טאָגט,
און עס ווערט נאַכט...
און פאַלש, אויב עמיץ זאָגט,
נאַריש, ווער עס טראַכט:
א נייעס איז געשעהען...
זיין וועט נאָר דאָס, וואָס איז געוועזן...

(באַמערקט די קלעזמער, וואָס שטעהען נאָך צוזאַמענגעשטעלט ביים ברונען. צולויפענדיג מיט די פויסטען.)

אַראָפּ! אַראָפּ!
(אַז זיי ווילען עפּעס איינוועדנען.)
איך זאָג מיך אָפּ, פון אַלעם אָפּ!...

(און די קלעזמער פאַרשווינדען, צו די שטיינ־בילדער, וואָס דרעהען נאָך זיך אַרום פאַרבלאָנדזשעט אין מאַרק. שאַרף געביטענד.)

אַרויף, אויף די ווענט!
פאַרלעגט די הענט!
פאַרשטיינערט ווערט, —
איהר האָט נישט געזעה'ן, איהר האָט נישט געהערט!
(אַז עס געשיהט. אַן אַנדרוגנס ליכט נאָך עטוואָס, מיט שרעק.)

לעש דיך, ווילדע זאַד!
(צום הימעל ווייזענדיג.)
ע ר איז וואַד! ע ר איז וואַד!
(האַרטער, קרעפטיגער.)
די אויגען שלים, דאָס מויל פאַרמאַד!

(עס געשיהט. דער מאַרק איז אויפגעוואַכט. עס עפענען זיך פענסטער און טירען. פון די גאַנקעס טרעטען אַראָפּ קרעמער, קלינגענדיג מיט די גרויסע שליסלען. „זיצערקעס“ קומען ארויס פאַר די טויערען.)

ד י כ ט ע ר
(באַווייזט זיך אויפ׳ן באלקאָן, צום הימעל אַרויף פאַרקוקט).

אין מזרח־ראַנד
שאַפט א פאַרבאַרגענע האַנט.
ראַזיגע פעדעמלעך בינדט זי,
ליכטיגע שטראַלען שפּינט זי;
א טאָג ווערט אויסגעוועבט...

וו א נ ד ע ר ע ר
(וועקט זיך).

אין האָרצען־ראַנד
שאַפט א פאַרבאַרגענע האַנט,
וואונדער־שאַטען שפּינט זי,
וואונדער־שטראַלען בינדט זי;
בענקשאַפט ווערט געוועבט...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

אינהאַלט:

שוועסטער
אַ פּריה־מאָרגען
שאַמפּאַניער
אַמאָל איז געווען אַ מלך
אַביסעל נאַטור־געשיכטע
עולם הבא
פאַר דער טיר
אין סקווער
ער און זי
אַ קברות־נאַכט
וועגען קינדער
וואָס אין פּידעלע שטעקט
ס'ברענט
נאָך קבורה
די גאָלדענע קייט
אין פּאַליש אויף דער קייט
ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק